STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07017

DEKLAMATOR FUN DER SOVETISHE YIDISHER LITERATUR

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעקלאמאטער

פון דער סאָוועטישער
יידישער ליטעראטור

★

צונויפגעשטעלט:
י. דאָבראָשין,
י. ראבין

אונטער דער רעדאקציע
פון ל. גאָלדבערג

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1934

Printed in Russia (U.S.S.R.)

דרוקעריַי „עמעס“, מאָסקווע, פּאָקראָווקע, 9

1-טער טייל

באַם דניעפּער

דאָוויד בערגעלסאָן

★

דער אָנהייב שמועס צווישן שיינדל דער גרויסער און צווישן נאכמענען דעם פארבער:

שיינדל:

— פּאָלן?.. וועלכע פּאָלן?.. פונוואנענע ווייסט איר גאָר, אַ מיר ווילן איבערפארבן די פּאָלן?

נאכמענן:

— פונוואנענע איך ווייס? (אַ פּאוזע)... ס'הייסט?.. (ווידער אַ פּאוזע)... נו, מ'האָט מיך געשיקט רופן.

שיינדל:

— אײַך?!.. (אַ קוק ניט אַפ נאכמענען, נאָר אַפ זײַן געשטאַלט, וואָס זעט זיך אנטקעגן אין שפּיגל — אַ קוק, ווי אַפ אַ צעדולטן) ווער האָט אײַך געשיקט רופן?!

נאכמענן:

— ס'הייסט?.. (זײַן פּאָנעם וויל באַטײַען כאַלוימעס) דאָך געקומען צו מיר צו לויפן ער, דער קליינער... נו, ווי הייסט ער? מיט איין וואָרט: פּענעק...

שיינדל:

— האַ־האַ!... איך פארשטיי שוין...

איר האנט נעמט אָן די גאלקע, וואָס הענגט אַראָפּ פון הענג־לאָמפּ, קלינגט אין עלעקטרישן גלעקל אזוי לאנג, ביז עס קומט עמעצער פון קיך. דענסטמאָל לאָזט זי אָפּ די גאלקע און זאָגט:

— שיקט מיר ארײַן פענעקן.

דורך די אָפענע פענצטער דערהערן זיך קוילעס, וואָס שרײַען פון קיך אין הויף ארויס:

— פּענעק!
— גיי, מע רופט דיך!
— פּענעק!!!

נאָר אויב אַזוי, איז פּענעק „ניטאָ אין דער היים״, דאָס הייסט, איזן ערגעץ אין דער היים, איז ער, נאָר ניט — פאַר יענע, וואָס רופן אים.

פּענעק ליגט מיטן בויך אפן בופעט, קוקט אַריין אין לע־כעלע מיט איין אויג, ווי אין א שפּאַקטיוו, און לאָזט ניט דורך קיין איין ריר, קיין איין וואָרט.

ער זעט: נאכמענ שטייט פארגליווערט פון דעם, וואָס שיינדל די גרויסע האָט אים אַרויסגערעדט, אַז קיינער האָט אים ניט געשיקט רופן.

נאָך א גליק, וואָס נאכמען פאַרלירט זיך ניט אפּ אייביק און עפנט סאָפּקאָלסאָפּ א מויל:

— מיילע, — זאָגט ער — יאָ גערופן, ניט גערופן... סע גייט דען דאָ אין קאָוועד? דעריקער איז: איר דאַרפט איבערפאַרבן צוועלף פאָדלאָגעס — איך בין א פאַרבער, צי ניין?.. נו, אָט... דאָס איז דער איקער...

— איר זייט א פאַרבער?..

שיינדל הערט אויף צו עסן די פּוטערבולקע און פאַרטראַכט זיך, קוקנדיק אין שפּיגל. איר פּאָנעם, זעט זי, איז שיין, נאָר אויסער שיינקייט איז אין דעם נאָך עפּעס פאַראַן — א פּאָנעם פון ניט קיין שלעכטן מענטשן, אן ערנסטן, א נעקי־קאַפּאַימניק. איר סאַמעטן קאָל פּאַסט זיך צו צו אָט דעם פּאָנעם און הייבט אָן קלינגען זייער גלאַט, מיט איבערגעגעבנקייט, א קאָל פון א מענטשן, וואָס גייט אַריין אין יענעמס „פּאָלאָזשעניע״:

— איר וואָלט אוואדע געקאָנט זיין זייער א גוטער פאַר־בער, איר זאָלט געוועגן אויסוואַקסן ערגעץ אין א גרויסער שטאָט. איר ווייסט דאָך, איך האַלט נאָך פון אמאָל: איר האָט גאָר א טאַ־לאַנט... נאָר איר זייט פאַרפאַלן געוואָרן דאָ, בא אונדז, אין אָט דעם ווינקל העק... ווי קומט צו אייך קענען פאַרבן? איר האָט זיך

דענ געלערנט, איר ווייסט דענ, ווי מע פארבט אָפּ א פּאָל ?..

— ס'הייסט, צי איכ ווייס ?..

נאכמענ דערפילט, אז מע מאכט אימ דאָ עפּעס גאָר אינגאנצנ אויסצודרייענ. אויב אזוי, וועט ער דאָ אפנ אָרט אויסלייגנ פאר שיינדל דער גרויסער אלע זײַנע קענטענישנ, אונ זאָל זי זענ, צי ער איז א באלמעלאָכע, צי ניינ:

— ט'האָסטו דיר !.. נא דיר גאָר, צי איכ ווייס... וואָס איז דאָ צו וויסנ ?.. א פּאָדלאָגע שמירט מענ צוערשט אָפּ מיט איבער־געקאָכטנ אייל אונ מיט א ביסל אָכרע דאָרשנ, דאָס איז, קעדוימע לעמאָשל... ווי זאָל איכ אײַכ זאָגנ ? — ווי מע טוט מיט א הונ־געריקנ: צוערשט גיט מענ אימ טרינקענ... צוערשט גיט מענ די ברעטער זיכ אָנזעטיקנ מיט פעטס. בא זיי... איכ מיינ: בא אונדז, פארבער, הייסט עס — אָפּגרונטעווענ. אינ א פּאָר טעג ארומ, דער אייל זאפּט זיכ אײַנ אונ טריקנט צו, קיטעוועט מענ די פּאָדלאָגע אויס... בא פארבער הייסט עס: אויסשפאקליעווענ. דער קיט מוז זײַנ גוט געמאכט פונ עמעסנ, גוט צעריבענעמ בלײַווײַס. אז ער טריקנט גוט אויס, פײַלט מענ אימ ארומ מיט אזא מינ הארטנ שוואָמשטיינ ביז ער ווערט גלאט אונטער די פינגער... ווי זאָל איכ זאָגנ ?.. ווי א פּליכ בא א מענטשנ אפנ קאָפּ. ערשט איצט איז מענ די פּאָדלאָגע מעכאבעד איינ מאָל אונ צוויי מאָל מיט דער עמעסער גוטער פארב, מע פירט אָנ אפּ איר וואָס מער גלאנצ מיטנ שמאָלנ בערשטל, מע... מע... וואָס נאָכ ?.. אז מ'וויל, טיילט מענ אָפּ מיט א שווארצנ פאסיקל א קענטעלע בא דער זײַט... דאָס שווארצע פאסיקל, פארשטייט מענ, דארפ זײַנ גלײַכ, ווי א סטרונע... מע ציט עס אונטער א שנור... נו ?.. ווייס איכ שוינ, צי ניינ ?.. ט'האָסטו דיר... נא דיר גאָר, צי איכ ווייס...

פענעק אפנ בופעט הערט ניט אופ צו קוקנ דורכנ לעכעלע אפ נאכמענס פּאָנעמ אונ ווערט שיר ניט צעשמאָלצנ פונ פאר־געניגנ: ווי ער ווייסט, קיינ אײַנאָרע, נאכמענ... זע נאָר, א מינ

וויסן !.. און ווי ער רעדט עס אזוי וואזשנע, אויסקושן אים פאר יעדן וואָרט, פאר יעדן מאכ מיט דער האנט. פּענעק איז איצט זיכער: נאכמענ איז דער גרעסטער פארבער אפ דער גאנצער וועלט. נאכמענ אליינ, זעט פּענעק, שטייט שוינ איצט גאָר אנדערש אפ די פיס. אינ פארלויפ פונ זײַנ ריידנ ווערט ער בא זיכ אלץ מער „דאָסיקער", עס זעט אויס, ווי ער וואָלט זיכ אליינ באוווּנדערנ. ער טוט שוינ אפילע א שמייכל:

— וואָס־זשע ?.. איכ דארפ זיכ בא עמעצנ לערנענ אָפּפארבנ א פּאָדלאָגע ?

נאָר שיינדל די גרויסע, אז זי לייגט ארײַנ עמעצנ אינ דער ערד ארײַנ, וועט זי עס טאָמעד טאָנ מיט אזעלכע גוטע ריידע־לעכ, ביז יענער וועט אָנהייבנ מיינענ, אז זי טוט אים נאָכ א טויווע.

זי זאָגט צו אים:

— הערט אויס, נאכמענ, נאָכ וואָס זאָלנ מיר זיכ נארנ ? איר זײַט דאָכ, זאָגט איר, א גוטער באלמעלאָכע, וועל איכ טאקע בא אײַכ אליינ פרעגנ. איכ האלט אײַכ פאר זייער אנ עמעסנ מענטשנ, אלע האלטנ אײַכ פאר אנ עמעסנ מענטשנ... זאָגט מיר, איכ בעט אײַכ: איר האָט גוט אָפּגעפארבט דעמ דאכ אפ דער פּייסעכדיקער קאמער ?.. די פארב איז ניט אראָפּ באלד נאָכנ ערשטנ רעגנ ?..

פּענעק באקומט א פארשטאָרבנ הארצ און כאפּט זיכ צומ לעכעלע. נאכמענ, זעט ער, שטייט מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ — ער האָט געכאפּט א טויט־קלאפּ, אנ עק: אויס הייצנ אינ אויוונ, אויס מיטנ קאָכנ אָנבײַסנ, אויס מיט פארנאָסע ביז נאָכ ראָ־שעשאָנע, ביז נאָכ אלע יאָנטויווימ... נאכמענ איז דערהארגעט, מאט, שטייט זייער שוואכ אפ די פיס. אָט־אָט־אָט, דוכט זיכ, טוט ער א פאל אינ כאלאָשעס. דאָכ... גאָר אינגאנצנ פארלירט ער זיכ ניט: ער הייבט פּאמעלעכ צוריק אופ דעמ קאָפּ און קוקט א רעגע אפ שיינדל דער גרויסער; אפּאָנעמ, ער שלאָגט זיכ מיט דער דייע: עס ווילט זיכ אים בלײַבנ, ווי שיינדל

האָט געזאָגט, זייער אַן עמעסער מענטש. נאָר פון דער אַנדערער זײַט... הייצן אין אויוון... קאָכן אָנבײַסן... פאַרנאָסע ביז נאָכ ראָשעשאָנע, ביז נאָכ אַלע יאָנטויווים — איי ווילט זיכ ניט אַרויסלאָזן עס פון די הענט!.. אין פאַרלווירנקײַט לאָזט ער אַראָפ זײַנע הענט און טוט מיט זיי זיכ אַליין אַ פאַטש איבער די ליטקעס:

— יאָ, — זיפצט ער אָפ, — דער דאַכ פון דער קאַמער... דערמאָנט אים מיר בעסער ניט. כ'האָב זיכ שוין גענוג אופגעגעסן, זיכ שוין גענוג געבראָכן דעם קאָפ. איכ ווייס אַליין ניט, פונוואַנען איז עס געקומען... אַ שטראָפ פון גאָט... אַ רעטעניש, און גענוג... דאַכט זיכ, געטאָן אַלצדינג: גענומען די בעסטע פאַרב, באַ אָט דעם יאַקרען, באַ אַרן יאַנקעלעס, אָפגעוווּיגן אַלע מינים, ווי אין אַפטייק, אַרײַנגעטאָן טערפענטין, אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס פאַרבער האַלטן בעסאָד, זיכ ניט געגלייבט און אַליין נאָכאַמאָל איבערגעריבן די פאַרב, געקראָכן פון דער הויט... מע זאָגט: סע גוט אַרײַנצוטאָן אין דער פאַרב אַ קאַפעלע סאָלאָמיאַק? — זאָל זײַן אויכ סאָלאָמיאַק... ווייסט איר, וואָס איכ וועל אײַכ גאָר זאָגן? — כ'האָב שוין געטראַכט, באַם דאַכ האָב איכ זיכ צו פיל געסטאַרעט, געוואָלט מאַכן צו גוט, און וואָס „צו" איז איבעריק... אַזוי זאָגט די וועלט, און אַ וועלט דאַרפ מען גלייבן... וואָס „צו" איז איבעריק...

אָט־אָט־אָט... פענעקן אָפן בופעט דאַכט זיכ, אַז נאַכמען איז אָקאָרשט איצטער אַרופ אָפן ריכטיקן וועג, ערשט מיט די לעצטע ווערטער געטראָפן אין סאַמע „פיק" אַרײַן...

נאָר נאַכמען ווייסט שוין אַליין, וואָס ער האָט צו טאָן. וויבאַלד ער איז שוין געקומען צו־זיכ, וועט ער מער ניט קריכן נאָכ אַ וואָרט אין קעשענע:

— באַם דאַכ, — הערכערט ער זײַן קאָל, — האָב איכ זיכ אַליין צו פיל געסטאַרעט. פון דעם האָט זיכ גענומען די גאַנצע צאָרע... און צווייטנס, וואָס פאַר אַ מאָשל — דער דאַכ?.. אַ דאַכ איז איין זאַכ, און אַ פאָדלאָגע איז ווידער אַן אַנדער

זאַך. אַ פּאָדלאָגע איז אין שטוב, און אַ דאַך איז אין דרויסן. איך האָב ניט געקאָנט אַרויסנעמען בײַ גאָט אַ קוויטל, אַז מיט אַ פּאָר שאָ שפּעטער, נאָך דעם, ווי איך וועל דעם דאַך אָפּ־פאַרבן, וועט זיך ניט אָנכמאַרען און ניט לאַפּען אַ גאַנצע נאַכט אַ גוס־רעגן, אַ מאַבל... אַזאַ סאָרט באַוואָרעניש וואָלט אײַך ניט געקאָנט אַרויסגעבן קיינער ניט, אַפילו ניט דער גרעסטער מײַסטער אין דער וועלט...

פּענעק זעט פון אויבן דורכן לעכעלע: בײַ נאַכמענען האָט זיך שוין אַפילו אָנגעהויבן צו באַווײַזן אַ שוואַכע פאַרב אין די באַקן. איצט וועט שוין גאָרנישט זײַן אַזוי גרינג אים אומוואַלגערן פון די פיס. וויבאַלד ער האָט זיך שוין ווידער אַרופגעכאַפּט פון אויבן, הערט ער זי שוין ניט אויף צו דעקן, שײַנדל די גרויסע, אַך, ווי ער דעקט זי!..

— איך פאַרשטיי ניט, — זאָגט ער, — און אַז ס׳ע טרעפט זיך אַמאָל... אַז אַ מענטשן גרעאָט עפּעס ניט... נו? דאַרף מען אים שוין נעמען און אַרײַנלייגן לעבעדיקערהייט אין דער ערד אַרײַן?.. קיין אַנדער טרופּע האָט ער שוין גאָרניט?.. און אַז ס׳ע מאַכט זיך: אַ מענטש גליטשט זיך אויס... נו? קומט אים שוין דערפאַר, מ׳ע זאָל אים צוקלאַפּן מיטן פוס?.. איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס: איך בין ניט געבילדעט, ווי איר... איך בין אַ פּאָשעטער מענטש... מיר דאַכט זיך: אַ מענטש פאַלט, ציט מען אים אויס די האַנט, שטייט ער אויף... איך מיין טאַקע אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: „אַלעמיי דער דאַך“...

עס זעט אויס: נאַכמענען, וואָס רעדט שטענדיק פּאַמעלעך און זייער קנאַפּ, האָט איצט בײַ זיך געכּוויעלט אויסריידן פון זיך גיך־גיך די נעשאָמע; איצט, ווען זײַן פאַרנאָסע הענגט אָפּ אַ האָר, וועט ער זײַן מויל ניט פאַרמאַכן; דאָס לאָשן, וואָס ער פאַרמאָגט, איז ווי דאָס שווימען בײַ אַ מענטשן, וואָס טרינקט זיך: ס׳איז קיין טערעצ ניט, וואָס ס׳ע גייען אויס די קויכעס — נאָך אַ שווים, נאָך אַ שווים, וואָרעם... אָדער נאָך אַ שווים, אָדער אײַנזינקען — קיין אַנדער ברײרע איז ניטאָ.

בא נאכמענע פילט זיכ שוינ א הייזעריקײַט אינ האלדז. די צונג אינ זײַנ איבערגעטריקנט מויל הייבט אָנ אונטערקנאקנ, ווי די רעדער בא א ניט־געשמירטנ וואָגנ. זײַנע לֿיפּנ זײַנענ בלֿאס, פארדארט אונ פול מיט שפּעלטיקלעכ, ווי די ערד נאָכ א לֿאנגער זומערדיקער טריקעניש, נאָר ער שטעלט זיכ ניט אָפּ; ער מאָלֿט אויס, ווי פּײַנ ער וועט מאכנ די פּאָדלאָגעס „אונטער פּארקעט”, ווי שיינ ער וועט זיי באמאָלֿנ מיט שיינע ברעטעלֿעכ:

— איינ ברעטעלֿע — אונטער דעמב, איינ ברעטעלֿע — אונטער אָלֿיכע, איינ ברעטעלֿע — אונטער אָרעכאָווע... געקעסטלט וועלנ די פּאָדלאָגעס אויסזענ... ראק געקעסטלט, ווי דאָס ברעטל פונ א שאָכ: פיר טונקעלֿע קעסטעלעכ וועלנ ארומרינגלענ א העלֿ קעסטעלֿע, ווי זיי וואָלטנ זיכ אָנעמענ פאר די הענט אונ וואָלֿטנ ארומ דעמ געטאנצט... איי, ס'איז ניט גוט ארומצוגיינ גאנצע זומערס באָטלֿ, אָנ ארבעט, שוינ אָפּגערעדט פונ ניט האָבנ קיינ פארנאָסע... ניט הייצנ אינ אויוונ... ס'ארא בענקשאפט... אונ פונ דער אנדער זײַט: ס'ארא גלֿיק צו זיצנ בא דער ארבעט אפּ א פּאָדלֿאָגע, שטיינ אפּ די קני, אויסמעסטנ מיט א שנור, אָנצייכענענ מיטנ קרײַד, ציענ א פּאסיקלֿ מיט א ווירע... ס׳ווי־סײַ, איר וועט מיר גלֿייבנ?.. אפילֿע, אז מע האָט ניט קיינ פיצלֿ קאָלֿ אפּ צו זינגענ, אָט ווי איכ, נאכמענ... סע זינגט זיכ אינעווייניק... איכ בינ הײַנט אופגעשטאנענ פיר אזייגער פארטאָג, קיינ איבערבײַסנ, פארשטייט מענ, ניט געגעסנ... אפילֿע קיינ גלאָז טיי אויכ ניט געטרונקענ... סע ניט געווענ... דאָס גלײַכנ — מײַנ ווײַב מיט די קינדער... ניט דאָס האָב איכ געוואָלֿט זאָגנ... מײַנ עלֿטער ייִנגלֿ, באָרעכ, איז ווינטער געווענ קראנק מיט שקארלֿאטינע, אונ אז פונעמ היגנ זאוואָד האָט מענ זיכ שוינ דערבארעמט אונ צוגעשיקט דעמ דאָקטער, איז ניט געווענ פארוואָס צו קויפנ דעמ רעצעפּט... נאָר ניט דאָס האָב איכ געמיינט... איכ געדענק, ווענ איכ בינ אמאָלֿ, מיט פילֿ יאָרנ צוריק, געשטאנענ צומ פריזיוו... דעמ

טאָג יענעם, געדענק איך: סע שוין צוויי אזייגער באַטאָג, סע שוין דריי, סע שוין זעקס... און אליינ איז מען ניכטער, מע פאסט און מע ווייסט נאָך אלץ ניט, ווי מע האלט אינ דער וועלט — מע איז אן אָפּגעגעבענער, צי א פרייער... איז אָט... היינט איז בא מיר פונקט ווי דעמלט... פונקט ווי יענער טאָג... אירט מיר גלייבנ, צי ניינ?..

— וואָרעמ, איך וועל אייך זאָגנ דעם עמעס...

דאָ מוז נאכמענ שטיינ בלייבנ מיטנ ניט-דערזאָגטנ וואָרט אפ דער צונג — א מאָדנער, א ניט-דערקוילעטער. סיווי: וואָס ער האָט געהאט צו זאָגנ, האָט ער שוינ אָפּגעזאָגט; אויב ער וועט ריידנ ווייטער, וועט ער זיך נאָר איבערכאזערנ. און כוץ דעמ — שיינדל די גרויסע האָט שוינ עטלעכע מאָל אָנגעשטעלט די אויערנ צו יענער זייט, ווו עס געפינט זיך דעמ פאָטערס צימער. איצט האָט זי געמאכט א פּאָנעמ, גלייך זי הערט, ווי דער קראנקער פאָטער רופט זי, און זי איז אהינ אוועקגעגאנגענ.

— האָט קיינ פאריבל ניט, — האָט זי געזאָגט צו נאכמע-נענ, — איך וועל באלד קומענ.

נאָר וואָס איז געשענ מיט נאכמענענ? — אימ איז, אפּאָנעמ, א ביסל ניט גוט געוואָרנ; ער האָט זיך צוגעשפארט מיטנ קאָפּ און מיטנ קערפּער צומ ביישטידל פונ טיר און האָט צוגעשלאָסנ די אויגנ — אָט־אָט וועט ער, דאכט זיך, א פאל טאָנ אינ כאלאָשעס. פענעק וואָלט איצטער עפּשער געדארפט וואָס גיכער אראָפּקלעטערנ פונעמ בופעט און זיך א נעמ טאָנ צו נאכמענענ — ער האָט שוינ איינמאָל געזענ ווי מוני דער לאנ־גער האָט דאָ אינ שטאָט אָפּגעראטעוועט א מענטשנ פונ כא-לאָשעס.

אָבער איידער ער באוויזט אראָפּצוקלעטערנ פונ בופעט, איז שיינדל די גרויסע שוינ ווידער דאָ, און נאכמענ עפנט אליינ צוריק די אויגנ — פאר אימ, זעט אויס, איז שיינדל די גרויסע שוינ אויך א גענוג ביסל כאלאָשעס־טראָפּנ. איצטיקס מאָל גייט זי צו אימ צו אזוי נאָענט, אז נעענטער קאָנ שוינ ניט זיינ;

עס זעט אויס, ווי מיט דער נאָענטער שיינקייט פֿון איר קערפּער וואָלט זי אים וועלן אויסהיילן פֿון זײַנער א קרענק:

— הערט אויס, — זאָגט זי, — נאַכמענ... וואָס טויג אונדז טײַנעס, צי איר זײַט א באַלמעלאָכע, צי ניין?.. ווער לייקנט עס דען? אוואדע זײַט איר א באַלמעלאָכע... נאָר ניט דער, וואָס מיר דארפֿן... ניין, ווארט... שלאָגט מיר ניט איבער... איך וויל, איר זאָלט פֿארשטיין. מאָלט אײַך אויס: איר האָט צו פֿארקויפֿן קאָרנ־מעל. קאָרנ־מעל איז דען שלעכט? וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אז בא מיר איז א כאסענע... איך דארף האָבן זעמל־מעל, ערשטן סאָרט, פֿיר נולן... אפֿ לעקעך, אפֿ טאָרט... איר וועט דאָך ניט וועלן מיר פֿארוויסטן די כאסענע מיט אײַער קאָרנ־מעל... מיר ווילן איצטער מאכן אינ „הויז" גאָר עפּעס אנדערש, ארײַנפּרײַסן דעם שפּאליר, אויספּארבן די ווענט, די באַלקנס... איך זאָג אײַך דעם עמעס: דאָס, וואָס מיר ווילן, קאָנען מאכן נאָר די טאָלטשינער פֿארבער... די זעלבע טאָל־טשינער, וואָס האָבן בא אונדז געפּארבט פֿאראַיאָרן... וועגנ זיי שרײַבט מען אינ די בלעטער... איך וועל אײַך אויסזאָגנ א סאָד: זיי ארבעטן איצט ניט ווײַט פֿונ מיר לעבן דער גו־ראַלניע, ווו איך ווינ, אונ איך האָב שוינ מיט זיי גערעדט, זיך שוינ אפֿילע באדונגענ... פֿארפֿאַלן, אנ אָפּגעטאָנענע זאך... איר וועט דאָך ניט זאָגנ, אז איר וועט דאָס מאכנ בעסער, ווי די טאָלטשינער פֿארבער...

— ווי די טאָלטשינער?..

בא נאַכמענען בלײַבט זײַנ מויל געלײַנערט אונ אָפֿנ; די אויגנ — גלעזערנע, קוקנ אָנ א זײַט אונ זעענ ניט קיינעם; די דרײַ ארויסגעשטעקטע שלאבעריקע בײַס־ציינ טוענ א ציטער:

— די טאָלטשינער?.. ניינ... לעמײַ זאָל איך זאָגנ?..

זײַנע הענט ווילנ זיך אופֿהייבנ אפֿ א טײַנע צו טאָנ, נאָר האָבנ קיינ מאכט ניט, פֿאלנ צוריק אראָפּ, ווי געליימטע; דער קאָפּ טוט בא אים א ציטער:

— ניין, — זיפצט ער אָפּ, — צו די טאָלטשינער קאָן איך זיך ניט גלייכן...

— נו אָט, — כאַפּט אונטער שיינדל די גרויסע, — זאָגט איר דאָך אליין.

און אין א רעגע ארום פארשווינדט זי — זי איז שוין ווי־דער באַם פאָטער אין צימער.

פאַמעלעך־פאַמעלעך, ווי א געליימטער, דרייט זיך נאכמען אויס, פאַמעלעך, מיט שוואכע, זייער קורצע טריט, אקוראַט ווי מע האָט אים נאָרוואָס שאָענלאנג געשלאָגן, שארט ער זיך ארויס צוריק אין הויף. אין הויף בלייבט ער שטיין און ווייסט ניט, אז ער איז שטיין געבליבן: פון אקעגן, פונעם קליינעם אָפּגעצוימטן סעדל, בלאָזט א גרינג, זומערדיק ווינטל. די ביימ־לעך, — יונגע ביימלעך צווישן עלטערע הויכע בעריאָזקעס — רוישן מיט א לאנגאָניקן זומערדיקן געוויש. נאכמען האָט צוליב עפּעס אראָפּגענומען פון קאָפּ זיין היטל און שטייט א ביסל אקעגן אָט דעם ווינטל. די האָר אפ זיין קאָפּ, טונקל־ברוינע, היפּשע, נאָר זייער דינע האָר, צעשויבערן זיך, צעבלאָזן זיך אין אלע זייטן, ווי א בעזעם; ער באמערקט עס ניט. פארביי גייט דורך יאנקל דער פורמאן. נאכמען טוט בא אים א פרעג מיט א געלינערטער צונג:

— מוז שוין זיין שפּעט, א?.. אוואדע ארום צוויי אזייגער...

אליין ווייסט ער ניט, צי ער האָט עס געפרעגט — ער גע־דענקט זיין שטוב מיט די פאנאנדערגעקראָכענע ווענט, זיין ווייב, די קינדער, דעם ניט־געהייצטן אויוון, די פליגן... ער הייבט פאַמעלעך אוף א האנט און הייבט אָן ריידן צו זיך אליין:

— דאכט זיך, גענוג געטיינעט... ארויסגערעדט פון זיך די קליי... ווי צו א שטיין... אן אומגליק...

• •

ראָסיִיא

א. קושניראָוו

★

ווער וועט אונדז דערציילן,
ווער וועט אונדז באַוווסטיקן
פון געשעענעם און פון געזעענעם...
העי, ראָסיִיא, קויטיקע און מיסטיקע,
ס׳האָבן ניט פאַרשאַרט דיך
וועלטס פאַרשטויבטע בעזעמער.

ניט פאַרשאַרט דיך, נאָר די האַרטע ריטעלעך
אויסגעריבן און צעזייט אַף די בייזווילנדיקע...
העי, געדיכט צעזייט
און אופגעגאַנגען שיטערלעך —
ניט דיך ביַיגעקומען, ניט פאַרטיליקט דיך.

מעג זיך וועלט נאָך אַקשענען,
מעג זיך וועלט ניט רעכענען
ניט מיט דיַינע עמעסן, ניט מיט דיַינע ליידן,
רויִקיק, אָבער ליכטיק ברענען פענצטער פּעכענע,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדן
אַף דיַין גרויסן שיידוועג.

ניט דער גיבער שימשן אין זיַין לעצטן ראַנגל
טרייסלט אופ די זיַילן פון זיַין פיַינטס פעסטונג —
דאָס האָסטו, מיַין לאַנד,

די וועלט באַראַשט מיט קלאַנגען,
וועלכע שטײַגן הײַנט פון דײַנע גלאָקן־נעסטן.

אונטער הויכע הימלען, איבער וועלטנס ענדן
ניט קיין כמאַרעס רינגלען, ניט קיין ווינטן רעדערן...
העי, דאָס פליִען אויף
און וויכערן אַף לענדער
פון דײַנע שוואַרצע אָדלער אויסגעפּליקטע פעדערן.

און פון פײַער־בליצן שנעלער נאָך און פלוצלינגער,
ליכטיקער און פאַרביקער פון מענטשישע באַגערן
האָט אַף ערדן אויפגעשײַנט
דײַנע פינפשפּיציקער,
דײַנע ניצאָכנדיקער פײַערדיקער שטערן.

• •

אינ רויטנ שטורעמ

ל. קוויטקאָ

★

I

ערשט צעקריגט זיכ מיט די טאַטעס, —
גייענ מיר, קינדער, לויפנ מיר,
פילנ זונ!
לויפנ מיר, יאָגנ מיר
הינ אונ הער.
לאַכנדיק, שטראָמענדיק,
שטראַלנדיקע, —
מער אונ מער.
אפ צעשפּרייטער שאַרפ פונ שווערד
ראַנגלענ מיר זיכ,
קײַקלענ זיכ,
אינ וואַרעמ בלוט אפ ערד.

שטייענ עלטערע אונ קוקנ,
גרוילט זיי אינעמ רוקנ,
וואָרנענ מיט די אויגנ־רינגענ:
„פונ צעבײַלנ זיכ,
„צעקײַלנ,
„ווערט נישט גרינגער,
„ווערט נישט גרינגער...“

— וויס איכ וואָס! —
מיר, צעקריגטע שוינ מיט טאַטעס,

מיר פארברענענ אלע שמאטעס
אונ פארניכטנ ווילדע גראָז! —
אייביק-יאָר געגאנ איניינעמ,
קידער־ווידער־וועלט איניינעמ, —
אָט, — א טראכ אינ פויק פונ יאָרנ!
אונ מע איז צעטיילט געוואָרנ:
האלב וועלט מײַז
אונ האלב וועלט צאָרנ.
דראָט נישט, עלטערע, מיט פינגער,
בעסער העלפט אונדז,
אונדז, די יונגע!

II

אקסל דײַנער,
אקסל מײַנער,
ביידע דירנ זיי זיכ אָנ!
אונדזער מיזרעכ איז צעפלאקערט,
גלי צעאקערט,
אונ מיר גייענ אינעמ פלאקער,
אונ עס פײַערט
אונדזער פאָנ:
וועלט אינ שימל,
לאנד אונ לענדער
אונטנ טונקלענ אלטנ הימל —
ס'הייבט זיכ אָנ!
ס'הייבט זיכ אָנ!

ליגט א שרעקעדיקער דרויסנ
מיט פארגלייזטע אויגנ,
ליגט הארטנעקיק קעגנ אונדז,

ליגט אפֿ העפֿקער קעגנ אונדז,
ווי א כײַע אויסגעצויגנ.

האָבנ מיר א טאָג א גרויסנ,
טאָג א רויטנ, —
הייבנ מיר אימ אָנ, —
שפּרײַזנ מיר מיט פלאקער
פלאקערנ;
מיט דעמ גליִענדיקנ,
מיִענדיקנ
אקער
מיר צעאקערנ
אונ אפֿ שטויב צעשטויסנ
הארטנעקיקנ אינדרויסנ.

● ●

פרעמדע האָר

ג. לוריע

✶

— אַז געלט — האָט קלאַרע מאָיִסייעוונע געטײַנעט, — איז אַדאַנק דרײַ יאָר מילכאָמע פאַראַן, ניט צו פאַרזינדיקן, און ייִדן האָבן דערלעבט, זיי מעגן האַלטן ערן אַפן אייגענעם נאָמען, און אַפּ פּריצישע איז אַזאַ זאָל!

אַזוי האָט קלאַרע מאָיִסייעוונע אײַנגערעדט דעם מאַן קויפן די גרויס־פּריצישע נאַכלע הינטער מאָסקווע. ער אַליין איז ניט געווען קיין שאַרפער אײַנשטעלער. דעריקער האָט ער ליב געהאַט רויִקײַט און זײַן זײַד־שוואַרצע אַפּ איינצלנע הערלעך צעקעמטע באָרד.

פרילינג 1917 יאָר, שפּעט אינאָווענט, דעם טאָג, ווען דאָס געשעפט איז געווען אָפּגעמאַכט, איז מען געזעסן באַם שוועסטערקינד, דעם מאָסקווער אַדוואָקאַט, און היימישע האָבן מיט שטיפּטלעך אין די הענט נאָכאַמאָל אויסגעשטעלט דעם כעזשבן, ברייטלעך פאַרקײַלעכנדיק די ציפערן. קלאַרע מאָיִסייעוונע האָט אונטערגעפירט די אונטערשטע שורע:

— דער דוואָרעטש — האָט זי געפונען — ווי איר זאָגט ניט כעזשבענען, איז דער דוואָרעטש, זאָג איך אײַך, וועט מיר אויסקומען קושנדיק.

— דוואָרעצ, מאַמע דאַרף מען זאָגן, דוואָרעצ — האָט דער איידעלער זעכצניאָריקער זון געדולדיק אויסגעבעסערט דער אַלטערס גרײַז.

קלאַרע מאָיִסייעוונע האָט געהאַט רויטע האָר און אַ מויל, ווי באַ אַ קאַץ, וואָס באַלעקט זיך נאָך אַ רעכט שטיקל אַר-

בעט. נאָר ס׳איז שוין פון לאנג אָן באוווסט, אז א פּאָנעם איז א גאנעוו. אינדערעמעסנ האָט זי גאָר ליב געהאט נאטור, א גאנצ לעבנ געטרוימט וועגנ אנ אייגענעמ הויפ מיט א פארק, מיט א ביידל אינ גרינס, אונ אז דער געראָטענער זונ אירער האָט געשפּילט אפנ ׳פידל אָגינסקיס פּאָלאָנעז, האָט זי געשאָקלט מיטנ קאָפּ, אונ די אויגנ זײַנעג איר נאס געוועג פונ טרערנ. איצט האָט זי זיכ פאָרגעשטעלט, וויאַזוי זי וועט וווינענ אינ דעמ פּאלאצ אונ וועט זיכ שאפנ מיט די דינסטנ; גלײַכ אונטער די פענצטער וועלנ איר שמעקנ בלומענ, פייגעלעכ וועלנ פּישטשענ, אונ אלע פארנאַכט וועט זי זיצנ אינ סאָד מיט א בוכ אפּ די קני.

ס׳איז געוועג א ווײַסער פאלאצ מיט א גרינעמ דאכ, פאר זיבנ ווערסט פונעמ הויכנ אָרט, וואָס באלד נאָכ דער באנסטאנציע, האָט מענ אימ געזענ. די ערד האָט געשײַנט, בלומענ האָבנ געטאָנ בליִענ אונ פויגלענ האָבנ געטאָנ פּישטשענ, ווי אלעמאָל אינ פרילינג, אונ די לופט, די לופט...

קלארע מאָיִסייעוונע האָט זיכ געשמאָלצנ אפנ בריטשקעלע. זי איז געפאָרנ אָנקוקנ אירע גיטער, אונ אז זי האָט געזענ פעלדער, האָט זי געפרעגט:

— יעפים, אונדזערע פעלדער?

איז דער ענטפער געווענ:

— אונדזערע, אונדזערע, מײַנ ווײַב.

אונ אז זי האָט געזענ קי אונ קעלבער אונ שאָפ זיכ פאשענ, האָט זי געפרעגט:

— אונדזערע קי, אונדזערע שאָפ?

— אונדזערע, אונדזערע, מײַנ לעבנ.

זיי זײַנענ צוגעפאָרנ צומ וואלד.

— אונדזער וואלד?

— אונדזערער, מײַנ קרוינ, ווי דענ?

נאָר שוינ א גוטנ ווערסט פריִער האָט יעפימ פעטראָוויטשעס געניטער אויער פארנומענ עפעס פארדעכטיקע קלאנגענ

פונעם וואַלד, היק און האַק, קנאַקערײַ פון צווײַגן און פון שטאַמען אויף דער ערד. דער וואַלד איז פול געווען מיט פויערים, פערד און וועגענער. מע האָט געהאַקט און געפירט.

— יעפים, וואָס טוט זיך דאָ? — האָט קלאַרע מאָיסייעוונע אויסגערופן, אַז עס האָט פאַרהילכט, און זי האָט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט.

דער וועג איז געווען פאַרלייגט מיט אַן אײַנגעוואַלגערטן בוים. די פּאַסאַזשירן האָבן געמוזט אַראָפּקריכן פונעם וואָגן. יעפים פּעטראָוויטש איז געווען בלייך. ער האָט צוגעגלעט די שיינע שוואַרצע באָרד און שטאַרק ערנסט, מיט אַ שטרענגן פּאָנעם פון איינעם, וואָס האָט צו מאָנען חשבון, האָט ער זיך גע־קערט צו דעם עלטערן פויער, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אַרום ליגנדיקן בוים.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט קלאַ־רעס ווערטער.

— מע האַקט — האָט דער אַלטער געענטפערט און ווײַטער געטאָן זײַן אַרבעט.

— ווער האָט געהייסן האַקן? — האָט קלאַרע מאָיסייעוונע פונוויַטן ניט אויסגעהאַלטן.

— ווער האָט געהייסן האַקן? — האָט יעפים פּעטראָוויטש איבערגעפרעגט.

— מירן זיך אַליין אָנגעשטויסן.

— וואָס איז עס פאַר אַ דיבורים? — איז שוין יעפים פּע־טראָוויטש אַליין פון זיך אָנגעצונדן געוואָרן.

דער אַלטיטשקער האָט זיך דאַפקע געהאַלטן רויק. ער האָט געהאַט אַ רויטלעך־גלאַנצנדיקע נאָז, גרויע צוגעלאָזטע פרייליע־כע אייגעלעך און האָט, אַפּאָנעם, ליב געהאַט צו שמועסן. ער האָט אוועקגעשטעלט די האַק און אָנגעקוקט אַ ווײַלע דעם אָנגעפּאָרענעם.

— דו ביסט אַוואַדע אַ קופּעץ, האָסט אָפּגעקויפט דעם וואַלד? — האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק.

דעם וואלד מיט דער ערד, מיט אלצדינג.

— אזוי ?.. מיט דער ערד מיט אלצדינג ? פארוואָס-זשע האָסטו זיך ניט צונויפגערעדט מיטן באָבעבאָס ?

— וואָס הייסט ? איך האָב אלע פאפירן.

— וואָס טויגן פאפירן. מיט אונדז וואָס האָסטו ניט גערעדט, מיט די עמעסע באלעבאטים, מיט דער קרעסטיאנסטווע ?

ס'זיינען אונטערגעקומענע פויערים, און ס'האָט זיך שוין געלאָזט הערן א מורמל — שיק אים צו בעניס מאמען! נאָר דער אלטיטשקער האָט אף זיי א מאך געטאָן מיט דער האנט — לאָזט ריידן א וואָרט.

— דו ווייסט, — האָט ער איינגעקנייטשט דעם פליכוואטנ שטערן, די רויטע נאָז אופגעהויבן און פלוצעם א נעם געטאָן אף א קלינגענדיק ביַיקעלעכל, — דו ווייסט, אז נאָך אונדזערע זיידעס און עלטערזיידעס זיַינען אף דער ערד געזעסן, און אז פריצים, פונקט ווי סאָכרים, זייען ניט און שניַידן ניט? דו ווייסט עס, צי ניט?

ארום איז געוואָרן געדיכטער און דראָענדיקער. יעפים פעטראָוויטש האָט שוין געוואָלט מאכן קירצער, אפגיכער ארויס פונעם רעדל, ס'איז אים איַינגעפאלן, אז וועגן דער ערד וועט ער נאָך צייַט האָבן צו לאָדן זיך, דערוויַיל אָבער קאָנען זיי א טעל מאכן פונעם וואלד.

— מיילע, — האָט ער נאָכגעגעבן — לאָמיר לאָזן צורו די ערד, אָבער דער וואלד! דער וואלד!

דאָ איז עפעס געשען. דער אלטיטשקער האָט א נעם געטאָן דעם סויכער פאר דער באָרד, פעסט אריַינגענומען א פולע האנט ביז הארט אונטערן קין. יעפים פעטראָוויטש האָט זיך א ריס געטאָן דערשראָקן, נאָר ניט געקאָנט רירן זיך פון אָרט. קלארע מאָיסייעווונע האָט געוואָרפן מיט די הענט אינדערלופטן, געשאָקלט מיט די ליפן, נאָר געשטיקט אין זיך די ווערטער. די פארזאמלטע פויערים האָבן געלאכט. דער אלטער האָט געפינקלט מיט די פריילעכע צוגעלאָזטע גרויע אייגעלעך. ער האָט

געטאָן זײַן זאַך ניט געכאַפּט, די באָרד געהאַלטן שטײַף און ניט אָפּגעלאָזט.

— ווי רופט מען דיך? — האָט ער געפרעגט.

— יעפּים.

— און באַם פאָטערס נאָמען?

— פּעטראָוויטש.

— הער־זשע, יעפּים פּעטראָוויטש, הערט, איר אַלע פּויערים. ווען איך נעם אַ זעג, ציִ, לאָמיר זאָגן, אַ האַק און שנײַד דיר אָפּ די באָרד אָט אַזוי, ווי איך האַלט זי איצט אין דער האַנט, וואָלט איך געטאָן ריכטיק, צי ניין?

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט זיך אוילעם צעליאַרעמט.

— שטייט, האַלדערט ניט. זאָג דו, יעפּים פּעטראָוויטש.

— הע, הע. איר שפּאַסט.

— ניין, ענטפער צו דער זאַך. ריכטיק, צי ניין?

— ניט ריכטיק.

— פאַרוואָס?

— כ׳ווייס, נו, וואָס איז דאָ צו ריידן.

— ניין, זאָג פאַרוואָס?

— מײַן באָרד, וואָס האָט איר צו שנײַדן?

— עמעס, און פונוואַנען ווייסן מיר, אַז עס איז דײַן באָרד? זאָג.

— הע הע, קלאָר.

— ניין, גיב צו פאַרשטיין מיט אַ סייכל! פאַרוואָס איז עס קלאָר?

— נו... זי וואַקסט אַפּ מײַן פּאָנעם, איז זי מײַן באָרד.

— אָ, אָט איצט איז עס קלאָר. נאַ דיר אָפּ דײַן באָרד. קיינער וועט זי ניט טשעפּען. דער וואַלד וואַקסט אַפּ אונדזער ערד, איז עס אונדזער וואַלד, פאַרשטאַנען?

אין מאָסקווע נאָכן אָוונט־עסן באַם שוועסטערקינד דעם אַדוואָקאַט האָט קלאַרע מאָיִסייעוונע אַ שאָ צײַט דאָס מויל ניט צעעפנט, זי האָט נאָכאַנאַנד געטרייסלט אונטערן טיש מיט אַ

פוס אפ די שפיץ פיגגער און מיט ברענענדיקע אויגן זיך צו־געהערט, ווי מע באַרעדט און באַטראַכט די געשעענישן אַהער און אַהין.

— פּאָליציע — איז זי סאָפּקאָלסאָפּ אופגעשפּרונגען אַן אָנ־געצונדענע — פּאָליציע וואָס שווייַגט? קאָזאַקן, וויסק, די טי־נויפעסדיקע רעגירונג אייַערע וואָס שווייַגט? שנייַדן, קאַטעווען! שיסן! שיסן!..

די צעפּאַטלטע רויטע האָר, די נאַקעטע דיקע הענט מיט די קורצע פינגער, דאָס פעטע בוזעם־לייַב האָט זיך איר געוואָרפן, שוים איז איר ארויס אפ די ליפּן. דאָס קאָל איז איר פאַר־גאַנגען אין א כריפּעדיק שעפּטשען, און די אויגן האָבן זיך אויסגעדרייט צום דרויסן מיט די ווייַסלעכער.

א גאַנצע נאַכט האָט מען זי געמינטערט.

● ●

לעבן זאָל די סאָציאַלע רעוואָלוציע

מ. כאַשטשעוואַצקי

★

ניט קיין יאַמען,
אָקעאַנען,
ניט קיין זונען
זיך צערונען,
צו אַ פּעטראָגראַדער
באַנהויף
איז אַ שנעלצוג
צוגעקומען.

אָפּגעשטעלט זיך
עטוואָס ווײַטער,
ניט אָט דאָרטן,
ניט ווו שטענדיק
(אַ פאַראָרדענונג באַצײַטנס —
עס זאָל עפּעס
ניט געשען דאָרט).

ניט אַ ווינט לויפט
איבער סטעפּעס,
טרייסלט גראָזן,
רײַסט די שטענגלעך —
קעפּ אין היטלען,
קעפּ אין קעפּקעס,

אין מאטראָסן־היט
מיט סטענגעס.

ניט קיין קינדער-מייַסע
איז עס
וועגן ריזן
און גיגאַנטן —
אין וואגאָן־טיר
זיך באַווייזן
האָט א מענטש
אין ווינטער־מאנטל.

די טײַגא
האָט הויכע ביימער,
אין דער טונדרע —
טויטע מאָכן —
פעטראָגראַד
איז גרויס און שוימיק,
און דאָס לאנד
איז גרעסער נאָך מער.

הונדערט פופציק
מיליאָנען
אין די שוצגראָבנס
געלעגן —
טויזנט מענטשן,
א פּאָר פּאָנען
האָבן לענינען באַגעגנט.

קיין הודאָק
האָט ניט גערופן,

ניט געשריִען
קיין סירענע, —
היט און היטלען —
אינדערלופטן:
לענין,
לענין,
לענין,
לענין!

און דער רוף
ער וואקסט און שטארקט זיך,
ברענט אין הארץ,
אין די געהירן, —
איבער שוימענדיקע
אקסל
דורכגעשווומען
איז דער פירער.

וויגן קעפ זיך,
פיס זיך שאָקלען,
ווי בארוישט
פון לײַכטער שיקרעס —
שטייען
שטומענדיקע שטאָקן —
לענין
פונעם בראָנעוויק רעדט.

פרילינג-ווינט
האָט פאָן געראָסטעט,
בונטעווען
ווי פאָנען הערצער,

און עס האָבן ווערטער פּראָסטע
אין דער שטילקייט הויך דערהערט זיך.

ניין, ניט ווערטער —
הויכבערג-שטראָמען,
ניין, ניט ווערטער —
א לאווינע,
זיי צעטרייסלען
די נעשאָמע,
צינדן פייער אָן
אין זינען.

און א פעלדרז
איז אומגעפאלן
און א קנאק געטאָן
האָט פלוצעם:
לעבן זאָל די סאָציאַלע
רעוואָליוציע !..

● ●

אָקטאָבער

ד. האָפשטיין

★

אָקטאָבער!
אַן אָנהייב, אַן „אָ",
אַ ברען פון אומענדלעכן רונד,
אַ זוים פון אַ זונראָד —
און אויסיִעס אַלע
פון האַנט פון דער גרויסער
און גראָבער:
„אָקטאָבער"!

עס וועלן
כאַדאָשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן —
דײַן נאָמען וועט העלן,
דײַן נאָמען וועט קלאָרן!

ווו איז ער, דער גאָרנישט,
וואָס ווייסט ניט דײַן נאָמען?

ווו איז ער, דער בלינדער,
וואָס וואגט נאָך אַצינדער
מיט לייקעניש וואָרנען?

און פײַנט?
און פײַנט אַזוינע,

מיט אלטע קרוינען
אפ קײַלעכיקע קעפּ געקעכלטע פון דוירעס,
מיט הוסטן גאָלדענע
פון מילדע ברוסטן,
מיט הערשערישע ווונקען,

מיט איידעלע הענט אין ווייכע האנטשן,
וואָס האלטן צארט
(מיט אָפּגעשטעלטן קליינעם פינגער)
די דראָטן,
וואָס שיקן פונקען
אפ אופּרײַסן פון וועלטן!..
אזוי פיל פײַנט!

געבענטשט איז דער, וואָס קאָן עס זיך פארגינענ
אזוי פיל פײַנט,
און פײַנט אזוינע
ערלעך-שוידערלעך פארדינען.

עס וועלן כאדאָשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן —
און אלע זיי וועלן זיך קערוועך פארוווּנדערט
אפ דיר,
אפ אָקטאָבער
פון צוואנציקסטן פײַערגעשמידטן יאָרהונדערט!

ווי זײַט איר, כאדאָשימלעך דריבנע,
מיט פאלשגאָלד באצירטע,
וואָס האָבן מיט כוצפּע אָט דאָ געשפּאצירט
איבער לאנד איבער גרויסן און גרויען?
אײַלט גיכער פארשווינדן!

וואָס קוקט איר פון שפּעלטלעך אַרויסעט,
וואָס באַמקעט אײַך אונטער
פון קלויסטערשע גלעקלעך?
וואָס רירט זיך דאָרט ווערמיש אין שטויבן,
אין שטויבן אַף פאַלשינקע צעטלעך,
וואָס קנעכטישע רומער
אַף שטערנס געניײַגטע
דאָ האָבן צעטראָגן?

אָקטאָבער!
אָנצאָליקע טויפעס,
צעשטעלטע
אין לאַנד אין דעם גרויסן און גרויען
אַף שײדונגען יונגע
פון זײַנע אומענדלעכע וועגן —
זיי לויפן,
זיי בייגן די קעפּ אָן,
זיי קניִען,
זיי בעטן
אַ זכיה צו האָבן
אַ שפּענדל צו ווערן
פון וועלטישן מאַסט-שטאַנג,
וואָס וועט אַף דער שײדונג פון טקופעס
דערהייבן דײַן אויפשריפט
און וועט זיי, די טקופעס,
דורך וואָלקנס באַווײַזן:
„אָקטאָבער!"

● ●

לאָמיר שמועסן וועגן לעבן

ש. גאָדינער

★

דעם ערשטן הארמאטן-שאָס האָבן ארויסגעלאָזט די ווײַסע.

זייער קאָמאנדיר בעק האָט נאָך אַלץ געלונגענע מאנעווורירט און געפּלאָנטערט.

פונעם געפאנגענעם אָפיצערל, פון די צוויי רײַטערלעך זײַנע האָט מען דערווײַל גאָרנישט ניט געקאָנט ארויסבאקומען. זיי האָבן געשוויגן.

דאָס אָפיצערל האָט באַם ערשטן פארהער זייער שטאָלץ, מיט א מאָדנעם גרויסארטיקן און דערבײַ ייִנגלשן זשעסט געמאָלדן, אז ער באנעמט — ער איז קריגס-געפאנגענער. אָבער ער וועט זײַן קריג־סאָד ניט ארויסגעבן און זײַן ארמיי ניט פאראטן.

די צוויי רײַטער האָבן געקוקט אפ זייער אָפיצערל, אפ הערשן, פארגלײַכט זיי אין געדאנק, ווער בעסער איז, האָבן אָבער אויך געשוויגן.

— עפשער זײַט איר הונגעריק? — האָט הערש פלוצלינג א פרעג געטאָן בא די קריגס־געפאנגענע.

די צוויי-רײַטערלעך האָבן זיך א קרים געטאָן, א קנייטש געטאָן, ווי זיי וואָלטן זיך געלאָזט בעטן; און דאָס אָפיצערל האָט זיך אָפּגעדרייט, אראָפּגעשארט דעם שניי פון א פניאָקל, אוועקגעזעצט זיך דאָרטן, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אפ די הענט און געשוויגן.

זיי האָבן באקומען ברויט מיט קאָנסערוון און אָן איבעריקע קונצשטיק גענומען זיך עסן. ווײַזט אויס, מאקע הונגע־

ריק געווען. ניט געגעסן האָט בלויז דאָס אָפיצערל. ער איז ווי פריִער געזעסן מיטן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ אפ די הענט.

הערש האָט א קוק געטאָן אפ דער גרופּע — זיי האָבן גע-שמאַק און געוויינלעך-מענטשלעך געגעסן, און דאָס האָט אים מיט עפּעס א טראָפּעלע דערפרייט, — דערזען פאַר זיך מיטקען מיט יאַנעקן און א זאָג געטאָן:

— מע דאַרף צונויפרופן אהער די קאָמאַנדירן אף א באַראַטונג.

ס'איז געווען ניט אינגאַנצן קלאָר, ווער זיינען עס די קאָמאַנדירן, מאַכמעס ביז איצט איז וועגן דעם קיינע אָפיציעלע באַשטימונגען ניט געווען, און ער האָט דעריבער מיטקען מיט יאַנעקן אָפּגעפירט אָן א זייט, געגעבן צו דערקלערן:

— מע דאַרף גלייך צונויפצייען אַהער די כאַווייריִם אָקון, שפּאָן, וואַסיוטקען, מאַטווייען, האַנטקען, מיטריטשן און... איר ביידע זאָלט אויך צוריקקומען אהער... יאָ...

יאַנעק און מיטקע האָבן זיך איבערגעקוקט, א ווייַלע א טראַכט געטאָן און קימאַט ביידע מיטאַמאָל א זאָג געטאָן:

— מ'דאַרף...

— מ'דאַרף...

און צעשמייכלט זיך: ס'איז זיי געפעלן געוואָרן הערשס ווענדונג צו זיי ווי צו קאָמאַנדירן.

און זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט צונויפקלייבן די קאָמאַנדירן אף א באַראַטונג.

דער שניי-געווירבל האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט.

דער טאָג איז געפאַלן אלץ נידעריקער און נידעריקער צו די פיס פון עם טונקעלן פאַרשנייטן וועלדל, בא הערשן אפן געמיט איז געווען שווער. די שווערקייט איז געבוירן געוואָרן פון דער אומבאַוווּסטקייט, וווּ דער סוינע געפינט זיך, ווי גרויס זיינען זיינע קויכעס, און צי וועט אים געלינגען היינט נאָך ראַפּאָרטירן דורכן דירעקטן דראָט קיין מאָליעוו, אז בעקס אָטריאַד איז ליקווידירט.

אָבער די דאָזיקע שווערקייט טאקע האָט אומבאמערקט פאר הערשן געבוירנ אינ אימ א גרויסע שעפערישע אָנגעשטרענגטקייט.

— אלע זײַנענ דאָ? — האָט ער א פרעג געטאָנ, ווענ די קאָמאנדירנ האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט. — לייגט ארויס אפגיכ, וואָס פאר א יעדיעס האָט איר וועגנ דעמ סוינע אונ וועגנ זײַנע פּאָזיציעס.

יעדערער פונ די פארזאמלטע האָט אויסגעלייגט זײַנ פאר־שטײַנ די לאגע אונ זײַנ פּלאנ, ווי אָנצוטאפּנ בעקנ אונ זײַנ אָטריאד.

וואסיוטקע איז ערגעצ נעלעמ געוואָרנ (אוועקגעלאָפּנ צו די ווײַסע רײַטערלעכ באקענענ זיכ מיט זיי אונ כאפּנ א שמועס), אונ ווענ ער איז צוריקגעקומענ, האָט ער מיט שײַנענדיקע קאָרנבלימלדיקע אייגעלעכ א שטופּ געטאָנ זיכ צווישנ די פערד, געוואָלט עפּעס זאָגנ, נאָר הערש האָט אימ אָפּגעשטעלט. יאנעק אונ מיטקע האָבנ זיכ געשעפּטשעט, אונ הערש האָט געוואָלט הערנ וועגנ וואָס שעפּטשענ זיי זיכ.

— וואָס איז די שעפּטשערײַ?

— גאָרניט... — האָט מיטקע געענטפערט.

— איז שווײַג אונ הער.

— ניינ... כ'מיינ, אז איכ קאָנ אויכ זאָגנ...

— זאָג.

— כ'מיינ... אָט ריידנ מיר מיט יאנעקנ. מיר קאָנענ ניט פירנ קיינ שלאכט... אלע טומלענ זיכ, אונ קיינער ווייס גאָר־ניט ווי עס באדארפ צו זײַנ... איז צו וואָס איז דאָס טומ־לעניש? עפּשער איז גאָר גלײַכער, וויבאלד אזוי, נעמענ דאָס גאנצע בינטל קאָנטרעס אונ אויסשטעלנ זיי אָט אָ־דאָ אונ... א קוועטש טאָנ! כ'מיינ מיט א קויל טאקע... אפּדערעמעסנ... ניט שוינ־זשע זײַנענ זיי אלע אזעטיקע שטאָלענע? ס'קאָנ ניט זײַנ! דו לײַגסט! דאָס דאָזיקע סמאָרקאטשעקל אונדזערס, כ'מיינ דאָס בלאהאָראָדקעלע אונדזערס, וועט דער ערשטער דאָס פּיסקל עפענענ... אונ מיר... צערעמאָניענ זיכ... אנו, ווי

וועט עס אויסזען, ווען איך וועל דיר, קאָמאנדיר, א שטעל טאָן אזא מין פראגע: אָט, דו ביסט געווען מיט אונדז אין אויסשפּיר? געוועז! געקאָנט זיך פּאקן צו בעקן אין די לאפּעס? געקאָנט! איז ער וואָלט זיך מיט דיר צערעמאָניעט, צי ווי? אָט... פּרווו אפּ טשיקאוועס... גיב מיר אים אהער, דאָס בלאָ־האָראָדקעלע... איך וועל זיך מיט אים דורכשמועסן...

— גוט, גענוג! — האָט הערש א זאָג געטאָן. — א גאנצע רעדע האָט זיך באקומען. דו ווילסט זיך דורכשמועסן מיטן אָפּיצערל?

— יאָ... נאָר לייג ניט אָפּ... גיב אים אהער, וויבאלד דער קאַס האָט די צונג צעבונדן.

וואנקע שפּאָן האָט א שמייכל געטאָן:

„איי, מיטראָכ! א ווילדע שפּראַכ האָסטו געפּאקט!..“

אָקונ האָט אויכ, דוכט זיך, אופגעלעבט א טראָפּעלע:

— זאָל ער, הערש, — האָט ער מאָדנע א זאָג געטאָן, ווי דאָ וואָלט זיך געהאנדלט וועגן פּרובירן לאָזן א ניט געניטן מענטשן צו א קאָמפּליצירטער מאשין.

— וואסיוטקע, — האָט הערש א זאָג געטאָן, — גיי ברענג אים אהער. נאָר גיכער, בא מיטקען קאָן דער קאַס אדורכ.

מע האָט געבראכט דאָס אָפּיצערל.

מיטקע האָט זיך א שטעל געטאָן אנטקעגן אים, א קוק געטאָן אפּ אים, א פּאטש געטאָן אים קימאט פריינטלעך אי־בערן ראָמאנאָוו־פּעלצל:

— אנ אָפּיצערל?

דאָס אָפּיצערל האָט געשוויגן.

מיטקע האָט אויסגעווארט א ווײַלע און פּלוצלינג ווילד זיך צעשריִען:

— ענטפער, ראספּראָ... דײַן נעשאָמע גאָטס מאמע אריַין! האָב דערעכערעצ פּארן קויעכ פון פּאָלק! — און ער האָט זיך פּארמאָסטן אפּ אים.

דאָס אָפּיצערל האָט זיך אינסטינקטיוו א בייג געטאָן און אויסגעקוויטשעט:

— וואָס איז עס פאר אן איזדיעקעווען זיך! איך וועל נ׳ט דערלויבן!

— הער נאָר, קליינער, — האָט וואנקע שפּאָן א זאָג געטאָן און באַרירט מיטן קאנטשיק זיין אקסל, — קוויטשע ניט. ענט־פער אפ די פראגעס, וואָס מע שטעלט דיר... און דאָס, וואָס עס ווערט באנוצט א הייס ווערטל, איז עס... א מין באפו־צונג. עס זאָל ניט לאנגווייליק זיין... קיין אקאדעמיעס זיינען מיר ניט דורכגעגאנגען... נוטיע...

דאָס אָפּיצערל האָט זיך הילפלאָז ארומגעקוקט.

מיטקע האָט ניט געשלאָגן.

דאָס אָפּיצערל האָט שטיל געענטפערט:

— א פענדריק.

— אָט אזוי... — האָט זייער נאטירלעך און גאנץ ערנסט מיטקע א זאָג געטאָן. — נוטיע... לאָמיר שמועסן וועגן לעבן, בלאהאָראָדיע...

ער האָט א שאר געטאָן ארום מיט די אויגן, דערזען א פארשאָטן מיט שניי פּניאָקל, אראָפּגעשארט מיט דער פּאָלע פון שינעל דעם שניי פון דאָרטן, אוועקגעזעצט דאָס אָפּיצערל, א שאר געטאָן בא זיך אין די קעשענעס, ארויסגעשלעפּט דעם קיסעט, פארדרייט א ציגארל, פאָרגעלייגט דעם אָפּיצערל:

— פארייכער, בלאהאָראָדיע.

דאָס אָפּיצערל האָט אופגעהויבן אפ מיטקען זיין פרישטשע־וואטע פּאָנעם, דערפילט פלוצלינג די ביילן, וואָס מיטקע האָט דאָרט ארופגעלייגט, ווען ער איז אים באפאלן.

— נו, נעם! — איז מיטקע אנטקעגן אים געשטאנען מיט אן אויסגעצויגענער האנט און זיין בלאָנדער טשוב האָט צו אים אראָפּגעשמייכלט. — נעם!

דאָס אָפּיצערל האָט גענומען דעם קיסעט, געדרייט זיך א ציגאר. מיט עפּעס אן אינערלעכן כוש האָט מיטקע געשפּירט, אז דעם אָפּיצערל וועט אין דער מינוט ניט באקוועם זיין צו זאָגן צו אים: „נא דיר דיין קיסעט, א דאנק" — איז ער גע-

שטאנען, געוואַרט ביז דאָס אָפּיצערל וועט פאַרדרייען דעם ציגאַר. אַליין צוגענומען דעם קיסעט פון זײַנע הענט, אויס־געהאַקט פײַער אין צינדערל. אַליין פאַררייכערט, דערלאַנגט דעם אָפּיצערל.

מיטקע האָט זיך געשמאַק פאַרצויגן, מיט האַנאָע אַרויסגע־לאָזט דעם מאַכאָרקע-רויך אין דער פּראָסטיקער לופט, געקוקט אויפן אָפּיצערל, ניט געײַלט זיך.

הערש, אָקון, שפּאָן, מאַטוויי, האַנטקע — דעריקער טאַקע די לעצטע צוויי — האָבן מיט כידעש געקוקט אויף מיטקען.

הערש האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן מיטקען:

„אָט אַוועלכער ער איז, דער דאָזיקער טשובאַטער! פונוואַ־נען נעמט זיך עס צו אים!"

אָקון און שפּאָן האָבן אַ טראַכט געטאָן קימאַט איינס און דאָס זעלבע:

„מאַמעש אויף די אויגן וואַקסן זיי"!

— איצט קאָנען מיר שמועסן וועגן לעבן, — האָט מיטקע אַ זאָג געטאָן נאָכן דריטן צי און צוגעזעצט זיך אויף די שפּיץ פינגער אַנטקעגן אָפּיצערל. — איך בין עלטער פון דיר, וועל איך ריידן דער ערשטער, און דו — הער!

— לאָמיר שמועסן וועגן לעבן, — האָט מיטקע צום דריטן מאָל אַ זאָג געטאָן צום אָפּיצערל און אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן אַרײַן. — ס'איז אַ טשיקאַווע זאַך, ס'לוינט צו שמועסן וועגן דעם... הײַנט, ווידעראַמאָל, שמועסן וועגן לעבן און ניט טשעפּען דעם מענטשן — ס'אַ אומעגלעכע זאַך... לאָמיר, הייסט עס, שמועסן וועגן מענטשן... לאָמיר שמועסן וועגן זיך, בלאַהאָראָדיע...

ער האָט געגעבן דעם לעצטן צי פון זײַן ציגאַרל, פאַר־וואָרפן דאָס עקל אין שניי, אויפגעשטעלט זיך, אָנגענומען דאָס אָפּיצערל פאַר אַ האַנט. דאָס אָפּיצערל האָט זיך ניט ווילנדיק אויפגעהויבן פון פּניאָקל. מיטקע האָט דערפילט אַ צופרידענע װאַרעמקײַט אין געמיט דערפון, וואָס דאָס אָפּיצערל האָט אים פאַרשטאַנען און אויך אויפגעהויבן זיך.

— גיב א קוק אפּנ וואלד, — האָט מיטקע א זאָג געטאָנ; — קימאט א טויטער, אָדער ווי אינ שלאָף... אונ אז ס'עט קומענ דער פרילינג, וועט ער זיכ צעשמעקנ מיט אלע זיסע רייכעס אונ צעקלינגענ מיט פייגל־געזאנג... אָט דאָס איז טשיקאווע, בלאהאָראָדיע...

די „בלאהאָראָדיע” האָט געקוקט אפּ אימ מיט ייִנגלשע, נײַגעריקע פארכידעשטע אויגנ.

אונ מיטקע האָט פאָרגעזעצט:

— נאָר באַ מיר שטעלט זיכ א פראגע: וואָס וועט מיט דיר זײַנ אינ פרילינג, בלאהאָראָדיע? הא? ווי מיינסטו, דו וועסט א לעבעדיקער ארויס פונ אונדזערע הענט? נייִנ... גענאר זיכ ניט... איז ווו וועט אהינקומענ אונ צוליב וואָס, ווידער־אמאָל, וועט אומקומענ דײַנ יונג לעבנ? אָט איז א פראגע...

באמ אָפיצערל האָט זיכ א קנויל א קוילער געטאָנ אינ הארצנ, א הייב געטאָנ זיכ צומ האלדז אונ געבליבנ שטעקנ דאָרטנ. מיטקענ האָט זיכ געדוכט, אז דעמ אָפיצערלס אויגנ ווערנ פול. ער האָט פאָרגעזעצט מיט עפּעס אנ אינערלעכער שעפערישער ווארעמקײַט. די ווערטער האָבנ זיכ אלייִנ געבעטנ אפּ דער צונג.

— מירנ דיכ דערשיסנ... אָנ קיינ שומ סאָפעק גאָר... מאכ־מעס ס'י מילכאָמע... נאָר די זאכ איז דאָ, ווידעראמאָל, טשי־קאווע... דערשיסנ — דאָס קאָנ א יעדער נאר... א שטעל טאָנ פאראקשגט די ברוסט אונטער א קויל — דאָס קאָנ אויכ א יע־דער אידיאָט... מע אקשנט זיכ אײַנ אונ ס'ארט ניט... אָבער מענטשנ זײַנענ דאָכ ניט מעכויעוו צו זײַנ נאראָנימ אונ אידי־אָטנ... פארקערט גאָר... א טראכט טאָנ... אומבאדינגט א טראכט טאָנ איז דאָכ מעכויעוו דער מענטש. וויבאלד ס'י א מענטש, אונ וויבאלד ער הייבט אופ אָפּ עמעצנ די ביקס, אָדער שטעלט אונטער די ברוסט אונטער עמעצנס קויל... אינ וועמענ שיסנ? פארוואָס שיסנ? אונ דעריקערשט, פארוואָס עפּעס אונטערשטעלנ די ברוסט אונטער דער קויל?.. אָט וואָס... דו דערמאָנ זיכ

אָקאָרשט. . ס'וועט קומען דער פרילינג... דער וואלד וועט זיך צעוואקסן... אָט דער זעלבער וואלד... די פייגל וועלן זיך צע־קלינגען... ס'וועט דאָ שמע־עקן... — מיטקע האָט א צי געטאָן מיט די נאָזלעכער די פראָסטיקע לופט. — ס'וועט דאָ שמע־עקן — אר־אוך! און דו?

— כ'וועל ניט פאראטן!.. אומזיסט דיינע שלאנגישע רייד, כאמלאָ, — האָט דאָס אָפיצערל אויסגעשריִען, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

מיטקע האָט די טרערן באמערקט, זיי האָבן אים ניט גע־רירט. פארקערט: א קאס האָט אים אָנגעכאפט. נאָר דאָס איז שוין געווען א קאס פון א מענטשן, וואָס זעט, ווי דער צוויי־טער מענטש, צו וועמען ער רעדט פראָסטע און קלאָרע רייד, האָט זיך אומישנע פאראקשנט ניט צו פארשטיין די פּאָשעטע און קלאָרע רייד, וואָס מע רעדט אין אים. דעריבער האָט מיטקע נאָך ווייכער פאָרגעזעצט.

— ווידעראמאָל טשיקאווע... טשיקאווע מאמעש... אזש א פארדראָס כאפט אזש אָן... פאראטן, זאָגסטו, ווילסטו ניט... גוט... אָבער ווו סאמע שטעקט דער פאראט — דערין האָסטו זיך פא־נאנדערגעקליבן?..

ער האָט אויסגעצויגן א דלאָניע, צוגעטראָגן עס צום אָפי־צערלס אויגן, געפירט דאָרט, איבער דער דלאָניע, מיט א פינגער:

— גיב א קוק... אָט שטייען מיר... אָט איז בידאָוועכאטקע... אָט איז פאנטשיטשי... ריטשקע... אהין ווייטער איז מאָליעוו... פעטראָגראד... אמעריקע... דייטשלאנד... פראנקרייך... די גאנצע נימעסע אנטאנטע... אָט ווו מע דארף זוכן דעם פאראט... נאָר דאָס איז א פאראט, ווידעראמאָל, אזוי צו זאָגן, אין וועלט־מאסשטאב... פאר אלע מיטאמאָל נארישע קעלבלעך, אזעטיקע ווי דו... נו, אָבער דיינער... דיין פאראט... ווער האָט דיך אונ־טער דער קויל געשטעלט? ווו שטייט ער, דער, וואָס האָט דיך אונטער דער קויל געשטעלט? אָט איז די ריכטיקע פראגע...

אָנ סאָפעק... מיר ווייסנ... בעק האָט דיכ געשטעלט אונטער דער קויל... גוט געשטעלט... מאמעש צוגעטראָגנ אונדז אפ א טעלערל, קאָנ מענ זאָגנ... איז, ווידעראמאָל—ווער האָט וועמענ דאָ פאראטנ? דו בעקנ, צי בעק דיכ?.. איכ פרעג: ווער? אונ... ווידעראמאָל... ווארט צו א ווייַלע... לאָמיר זיכ באראטנ: דו שווייַגסט... דו ווילסט ניט ריידנ... אונ מיר וועלנ דיכ דערפאר... צעבייַטנ... אָנ קיינ שומ סאָפעק גאָר... גענאר זיכ ניט דערינ. ס'י מילכאָמע... מאכמעס... מיר טאָרנ ניט אנדערש... איז ווער וועמענ האָט דאָ פאראטנ... באקומט זיכ? דו אליינ... זיכ אליינ... דייַנ אייגנ יונג לעבנ... אָט ווער וועמענ עס גייט פאראטנ... איז גוט... זאָל זייַנ אזוי... שטעלט זיכ אָבער די פראגע: צוליב וואָס פאראטנ? איכ פארשטיי: אנ אלטער גענעראל, א פירשט, צי א גראפ, צי אנ אנדער שטיק הידרע, וואָס האָט באטראקעס אונ גיטער, פאבריקעס מיט זאוואָדנ—זיי דארפנ אונטער דער קויל זיכ שטעלנ... זיי טאָרנ ניט פאראטנ זייער גוטס... זיי קאָנענ ניט, ווענ זיי וואָלטנ עס געוואָלט אפילע... דאָס גוטס זייערס איז ווי א שטיינ בא זיי אפנ האלדז... עס לאָזט זיי ניט אָפ... עס ציט... זיי ווייס עס... זיי שלאָגנ זיכ פאר זייער גוטס... נו, אונ דייַנ גוטס? באווייַז, ווו איז דייַנ גוטס? דייַנ גוטס איז דאָרטנ...—מיטקע האָט אויסגעצויגנ א האנט ערגעצ אינ דער ווייַט, צומ טונקלענדיקנ זיכ, פארשנייטנ האָריזאָנט,—דייַנ גוטס ליגט עפשער ווי אנ אויצער הינטער א בוימ פארגראָבנ. אינ פרילינג, ווענ דער וואלד וועט זיכ צעבליִענ, ווענ די פייגל וועלנ זיכ צעקלינגענ, ווענ די זונ וועט הויכ שייַנענ, וועסטו קומענ אינ וואלד ארייַנ אונ אופגראָבנ עס... אונ אז דו שווייַגסט, דערשיסנ מיר דיכ, אונ ס'באקומט זיכ, אז דייַנ אויצער ווערט אומזיסט פארפאלנ... אָט שטייענ מיר.. אָט איז בידראָוועכאטקע... ריטשקע... פאנטשיטשי... דאָרט איז מאָליעוו... אונ ווו איז בעק?..

שפעטער, אינ יאָרנ ארומ, ווענ מיטקע פלעגט אינ איינעמ פונ די שטילסטע מאָסקווער געסלעכ, אפנ הויפ פונ א גע־

וועזנעם פריצישן פּאַלאַצל שפּילן מיט זײַנע שול־כאַווײרים פֿון דער אוויאַציע־שול אין פֿוטבאָל, אָדער לויפֿן מיט א נאַ־קעטן קאָפּ, אָן א מאַנטל, אינמיטן ווינטער דורכן שול־הויף אין גאָרקיך פּרישטיק עסן, פֿלעגט אים אָפּט א שטעל טאָן זיך פֿאַר די אויגן דאָס אָפּיצערל מיטן פּרישטשעוואַטן פּאָנעם און מיט טרערן אין די אויגן, און ער פֿלעגט זיך דערמאָנען פֿונדאַסנײַ כידעשן אפֿן גרויסן קויעך, וואָס האָט אים באַ־הערשט אין זײַן ערשטער באַגעגעניש מיטן סוינע. אָבער איצט, אין 1918, אין אָנהייב פֿון די גרויסע שלאַכטן, האָט ער ניט באַמערקט זײַן אייגענע ריזיקע וואָרט־סטיכיי, וואָס האָט קע־סיידער אין אים געריסן, ווי אונטערגעצונדענע פּולווער.

דאָס אָפּיצערל איז געווען פֿאַרלאָרן, באַרוישט, צעריבן פֿון מיטקעס אופֿגעבראַוזטער סטיכיי. מיטקעס ווערטער זײַנען געווען ווי צויבער־שטעקעלעך: דער וואַלד האָט פֿון זיי אופֿגעבליט, צעגרינט זיך, די זון האָט זיך צעשײַנט, די פֿייגל אין וואַלד האָבן זיך צעקלונגען און צעזונגען, אונטער די פֿיס האָבן טרוקענע סאָסנע־נאָדלען געקנאַקט. די לונגען האָבן זיך גע־קוויקט מיט אָפּפּרישנדיקן, רייניקנדיקן גערוך פֿון צעוואַרעמ־טער סאָסנע־סמאָלע, און דאָס אָפּיצערל האָט זיך דערזען פֿרײַ און לעבנסלוסטיק אין אָט דעם ווונדערלעכן וואַלד, ווו עס ליגט באַהאַלטן זײַן אוצער...

דער וואַלד האָט זיך געטונקלט. די שווערע פֿאַרשנייטע ווינטער־נאַכט איז כוואַליעסווײַז געפֿאַלן אפֿ די פֿאַרשנייטע יאָדלעס. דער ווונדערלעכער זומערדיקער וואַלד מיטן פֿייגל־געזאַנג, מיטן אוצער איז מיט הערשס אָנקומענע פֿאַרפֿאַלן גע־וואָרן. דעם אָפּיצערל האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדוכט, אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט זײַנע. באַגינען וועט מען אים דערשיסן. ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, אָבער דעם געדאַנק פֿון זיך ניט געקאָנט פֿאַרטרײַבן. ער האָט א קוק געטאָן אפֿ הערשס פֿינגער אפֿ דער קאַרטע און קימאַט מעכאַניש א זאָג געטאָן, געוויזן, אַז ניט דאָרטן שטייט בעק, נידעריקער... נע־

ענטער צום רויטן שטאַדיוו... באַנאַכט איז די אויפגאַבע ליקווידירן דעם שטאַדיוו... דער באַפעל איז — ניט נעמען אין געפאַנגענשאַפט... ניט שיסן.. אויסשעכטן...— און ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין שניי אַרײַן און צעכליפּעט זיך.

וואַסיוטקע איז געווען שטאַרק פאַרכידעשט. וואָלט ער געקאָנט א גראַבל טאָן זיך אין זײַנע געפילן, וואָלט ער זיכער דאָרט געפונען קינע צו מיטקען. „קאָנען צעגליִען אזוי א מענטשן איז גאָר א גרויסע זאַך!" — האָט זיך בא אים אין קאָפּ א געדאַנק וועגן מיטקען פאַרקניפּט. אָבער געהערשט האָט איצט אין וואַסיוטקעס געמיט דער געפיל פון זיג־פרייד: דאָס, וואָס דאָס אָפיצערל האָט קורץ און אָפּגעהאַקט מיט כליפּעניש דערציילט, איז אינגאַנצן צונויפגעפאַלן מיט דעם, וואָס די צוויי רײַטערלעך האָבן פּאָשעט און מיט עפּעס אַן אָפּענעם קאַס אַפּ עמעצן אים אַליין דערציילט.

די קאָמאַנדירן זײַנען צוגעקומען. הערש האָט צו זיי א שטילן ווונק געטאָן, אז די באַווײַזן פון די רײַטערלעך האָבן זיך פולשטענדיק באַשטעטיקט.

די לאַגע האָט זיך א קער געטאָן מיט דער גליקלעכער זײַט צום ערשטן געמישטן רויטן אָטריאַד. עס איז געוואָרן קלאָר, וואָס צו טאָן.

דער שניי האָט געשאָטן.

דער טאָג איז געפאַלן צו די נידעריקע און טונקעלע פּיס פון דער לאַנגער ווינטער־נאַכט.

די באַראַטונג איז געענדיקט.

● ●

בערל בעקער

ש. ראָסין

☆

1

בערל בעקער איז א פּראָסטער יינגל,
זײַנע אויגנ זײַנענ מעליק גרוי.
צו דרײַצנ יאָר — גאָר א קינד נאָך —
האָט ער געקנאָטנ קאסטנס ברויט.

בערל בעקער ווייס, וואָס נויט איז,
אונ עפּעס נאָך ווייס בערל גוט:
דערפאר האָט ער אזוי דערפרייט זיך
מיט רויטנ שטערנ אפּ זײַנ גרינעמ הוט.

אויסגעוועוּנ אפּ אלע פראָנטנ
אינ לענדער פרעמדע, אינ אייגנ לאנד:
דערפאר איז טײַער רויטע פאָנ אימ
אונ ביקס געלאָדענע אינ שטרענגער האנט...

דערפאר איז טײַער אימ אזוי אונ נאָענט
זײַנ פאנצער שטאָלענער מיט בלינדער נאָז,
אונ מער פאר אלעמענ — זײַנ בלאָנדער כאווער,
אנטאָנ מאטראָס.

2

האָט זיך א מיטן-טאָג אזא אַ שטאָטישער פארטיַיעט,
זיך אײַנגעהערט צו שלאָפנדיקע שרעקן —
פלוצלינג האָט א ראָג א שאָט געטאָן מיט כאַיל
און האָט דעם טאָג אפ טויזנט שטיק צעברעקלט...

אופגעפלאצטע שוויַיגנדיקע גרוילן
האָבן הימל אָנגעצויגענעם אפ שטאָט צעלעכערט —
ס'האָבן נאָך אפ גאסן זיך געצויגן רויטע טיילן,
ס'האָט וואָקזאל געפלאקערט נאָך מיט רויטס אפ דעכער...

3

זאָלן אקסל זיך ענגער פארשליסן,
און ביקס זאָל געצילט זיַין און גרייט:
ס'האָט דער סוינע אין שטאָט זיך באוויזן
און דראָט אונדזער כאַיל מיט טויט.

איז אין האטהויז געווען א באראטונג,
האָט בערל גענומען א וואָרט —
„בראָנעוויק זאָל דעם סוינע פארהאלטן
און, כאוויירים, אָט דאָס לייג איך פאָר"...

און שטיל איז געוואָרן די זיצונג,
און אלע ווי איינער פארשטייט:
בראָנעוויק וועט אליין דאָך ניט שיסן,
בראָנעוויק וועט אליין דאָך ניט גיין...

אנטאָן האָט פארקוקט אפ די הענט זיך.
און פלוצלינג ער שריַיט אויס פון אָרט:

„הײ, בעריק, נעם צו אָן די לענטעס
און איך מאַך שוין גרייט דעם מאָטאָר"...

4

א בראָנעוויק, א בראָנעוויק צערעוועט זיך אפ פּלעצער,
א בלינדער העלפאַנד רעדערט שווערע לאַסט,
ער שלעפּט די שווערע פיס, ווי קלעצער,
און אַקערט מיט דער נאָז די גאַס.

ער טרייסלט אוף די לופט, די גאַס, די גאַנצע שטאָט שוין
און וויגט זיך שוין דער הימל און די ערד —
דאָס האָט זיך בערל בעקער מיט אנטאָן מאַטראָסן
געשטעלט מיט בראָנעוויק דעם סוינע אַפּן וועג.

אינמיטן זיך פאַרשניטן, אַפּ צײלעם פון די וועגן,
מיט לײַב פון בראָנעוויק דאָס מויל פון גאַס פאַרשטאָפּט.
— זיי וועלן זיך ניט רירן, זיי וועלן ניט אוועקגיין,
זיי זײַנען גרייט באַצאָלן פאַר דעם מיט זייער קאָפּ...

5

בראָנעוויק האָט לאַנג מיט סוינע זיך געראַנגלט,
בראָנעוויק באַשירעמט האָט פאַר פוסגייער א גאַס:
זײַנען ברידער דאָרט געגאַנגען און געגאַנגען,
רויטע טיילן האָבן שטאָט פאַרלאָזט.

נאָר פאַרבליבן זײַנען איינצלנע, געציילטע
(פאַרבליבן, ווײַל אַזוי האָט מען באַדאַרפט).
בראָנעוויק באַשיצט האָט רויטע טיילן,
ביז סע האָט זיך אָפּגעשטעלט זײַן האַרץ...

כ׳האָב געזען זיי,
זיי זײַנען דאָ געלעגן
צעשאָסענע אפּ בלויען פראָסט:
בערל בעקער
און אנטאָן מאַטראָס...

● ●

מינסקער בלאָטעס

א. כאריק

★

לידער

1

און ווען דאָס לאַנד האָט זיך צעברודערט און צערעדט
מיט טויזנט פויסטן, טויזנט הימנען אין איין אָטעם,
האָט זיך צעטראָגן דאָן אַן אײַליקער דעקרעט
פון אוראַלער בערג ביז מינסק מיט אירע בלאָטעס...

יעדערער פון אונדז — מיט אומרויִקן ווייטעק,
אין ווער ס לעבן עס האָט ארבעט שטרענג געשטראַמט,—
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך לערנען אָפּ אַרײַן אין סאָוונאַרקאָם!
יעדער איינער — איז אַצינד שוין ניט קיין איינער,
יעדער קאָפּ — איז איצט אַ קאָפּ פון טויזנט קעפּ.
מיר מוזן איצט צוזאַמען און פאַראייניקט — — — — —
— און נידער!
— און עס לעבט! — — —

2

אין יענעם יאָר האָט קיינער ניט גערעכנט,
ווער ס'וועט בלײַבן און ווער עס דאַרף פאַרגיין,

מע איז געוואָרנ שטרענג, אונ אומרויִק, אונ העכער,
אונ קיינער האָט זיכ ניט דערקענט אליינ...

אפ יעדנ ראָג — פלאקאטנ אונ אפישנ,
אינ יעדער הויז ברענט הונגעריק דער טויט.
אונ קיינער ווייס ניט, קיינער קענ ניט וויסנ,
וואָס איז בעסער: קאמפער אָדער ברויט...

אונ שלאָגט אינ קאָפ א היצ — וועט מענ די היצ ניט מעסטנ,
אלציינס, אלציינס: עס ווארט דער טויט אינ טיר.
אונ ס'ציט אזוי אינ גאס, אונ ס'ציט אזוי צו מענטשנ,
זאָל זייַנ פארמאטערטע אינ הונגער אונ אינ טיפ...

ווי קענ מענ געמענ איצט א לעבנ אונ פארשטיקנ,
ארייַנהאקנ, פארשפארנ אינ פיר ווענט?..
עס גייט דער פויל,
עס גייט דעניקינ,
געשמאק אונ הונגעריק האָט זיכ א לאנד צעברענט!

3

א לעצטע ברעט פונ לעצטנ פלויט
האָט אונדז דאָס אייוועלע דערוואַרעמט...
איז גוט אצינד — א שטיקל ברויט
איז אונדז פארבליבנ הייַנט פונ וואַרמעס.

ברענט אינ רויכ א דארער קנויט
אונ וועט נאָכ ציִענ ביז באגינענ...
יונגערהייט אונ שטרענגערהייט
מע טאָר ניט שלאָפנ ביז באגינענ...

אפ יעדן טאָג, אפ יעדער גאַס
א שווערער אומרו וואַרט און וואַכט שוין.
עס רײַסט, עס שלאָגט אפ אונדז מיט האס
פון שוואַרצן יאַם ביז איבער וואַרשע.

4

האָט מינסק אָוועקגעשיקט א צוג מיט הייסע יונגען,
האָט פיניע אויך צווישן זיי געברענט...
ס'האָט הינטער זיי קיין מאַרשן קיינער ניט געזונגען
און ניט געפאָכט מיט יאָנטעוודיקע הענט.

צו גרויס, צו גרויס איז אפן פראָנט דער אומרו,
און ס'קען דער הימל פּלאַצן איבער מינסק...
און אויב מע דאַרף, וועט מען צוריק ניט קומען
און שטילערהייט שוין בלײַבן אונטער ביקס...

5

ווייס שוין פיניע ניט, דעם וויפלטן מעסלעס
האָט ער דעם שלאָף אין זאָטל שווער באַגעגנט,
דורך ווינט, דורך רויך — פאַרמאַטערט און פאַרנעצט,
דורך ווינט,
דורך רויך
און זומערדיקע רעגנס.

ווערט שטיל אין פעלד. עס קלאַפּן טלאָ נאָך טלאָ.
דער הייסער פערד גייט רויִקער אײַנאָוונט...
און ס'איז קיין ברויט ניטאָ, און ס'איז קיין היי ניטאָ,
וואָלט ערגעץ כאָטש א דערפעלע זײַן נאָענט.

ליגנ דערפּעלעכ פאַרוואָרפּענע אינ שרעק,
אונ כוטאָרנ פאַרברענטע אונ פאַרמאַכטע.
אלע יונגענ זײַנענ שטרענג אוועק
מיט קויל
אפּ פּויל, אפּ פּריצימ אונ אפּ שליאַכטע.

ערגעצ צו א כוטער וועט ער שטיל אראָפּ,
מידערהייט א קלאַפּ טאָנ אינ א טויער:
— העי, כאַוויירימ ברידער, עפּנט אָפּ,—
— אנ אייגענער — א רויטאַרמייער...

6

איבער דער בעריאָזע הענגט א שטרענגער בריק,
אײַלנ עשעלאָנענ, אײַלנ איבערנ בריק.
אונ ווענ דער לעצטער רײַטער וועט דורכשנײַדנ געשווינד
אונ שטרענגערהייט א זאָג טאָנ: נו, כאַוויירימ, צינד!—

וועט דאַנ דער בריק א בראָכ טאָנ, א פּאָכ טאָנ מיט די הענט:
א בריק איז דאָ געהאַנגענ, געווענ—אונ ניט געווענ.
וועט מינסק דאַנ ווערנ נעענטער, ס'איז ווער אהינ ארײַנ:
— מינסק, מיר וועלנ קומענ, מיר וועלנ ווידער זײַנ!..

● ●

סיביר, אוראל...

איציק פעפער

★

סיביר,
אוראל,
קאלוגע און טריפּאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייב צעבליט —

כ׳בין אומעטום
א הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע
זינגענדיקע טריט.

אין פעלד, אין דאָרף, אין רויכן און אין שאכטן,
וווּ יעדע שאָ איז גרייט פאר נייעם גליק —
דער הייסטער מיטן שווערד אין יונגע שלאכטן,
דער הייסטער
מיטן האמער אין פאבריק.

אין טעג אזוינע יונגע,
אין טעג פון פּראָסטן וווּנדער,
אין יעדער שפאן אף אונדזער גרויסער ערד —

נאָר מיר, נאָר אונדז, נאָר באָרוועס גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע
צעשיסן איז באשערט.

סיביר,
אוראל,
קאלוגע און טריפאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייב צעבליט —
כ׳בין אומעטום א הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע זינגענדיקע טריט.

● ●

באם שײַטער

מ. כאשטשעוואצקי

★

אין הארבסטיקער נאכט
האָט א שײַטער צעברענט זיך,
האָבן צווײ ברידער
באם שײַטער דערקענט זיך.

פון וועג, און פון קעלט,
און פון שלאכטן פארווײעט
ליגן באם פײַער
רויטע ארמײער.

פאר מאָרגיקן שלאכט,
פאר דער לעצטער אטאקע,
יונגע און אלטע,
צעריסן, האלב נאקעט.

מע ווארעמט באם פײַער
די בײנער די דארע,
א קעסעלע טײ
אפ קוילן מע ווארעמט.

אין הארבסטיקער נאכט,
פאר דער שלאכט פאר דער לעצטער,

האָבן צוויי ברידער
באַם שײַטער דערקענט זיך.

איז איינער
אין גרויען שינעל אין א גרינגן,
א בלאָנד, זעכצניאָריק
און אויסגעצערט ייִנגל.

דער צווייטער — א הויכער,
א פעסטער, א האַרטער,
אין לעדערנעם רעקל,
מיט א מאַוזער באַם גאַרטל.

— ווי קומסטו אהערצו? —
דער עלטערער פרעגט זיך,
און שרעק אין זײַן שטים
און פאַרוווּנדערונג הערט זיך.

— כ'בין דאָ מיט מײַן טייל,
כ'בין א רויטער אַרמייער.
— געראָפּן? — יאָ... ניין...
אליין, מיין איך, גיי איך...

— אַנטלאָפן פון דר'היים?
— נו יאָ, קעגן וואַנגעלן
פאַרבײַ אונדזער שטאָט
די אַרמיי איז געגאַנגען.

— אזוי, וואָס־זשע מאַכט דאָרט
די מאַמע, די שוועסטער?

— זיי וואַרטן אַפ בריוו
און זיי זאָגן, פאַרגעסט אונדז.

— און איך האָב געוווּסט,
אַז איך וועל דיך דאָ טרעפן...
און ייִנגלשע אויגן
ברייט און צעעפנט,

און פלאַם פונעם שײַטער
אין אויגישע ווינקלען,
און רויטע אַרמייער
אַרום אין אַ רינגל.

און עלטערער ברודער,
מיט מאַוזער באַם גאַרטל,
אַ הויכער, אַ פעסטער,
אַ שטרענגער, אַ האַרטער.

און טיף אַ געדאַנק
אַזוי ווייטעקדיק אָנרײַסט:
ס'איז מאָרגן דער שטורעם,
ס'איז מאָרגן דער אָנגרײַף.

ס'וועלן טויזנטער פאַלן
אַפ דראָטיקע צײַנער,
ס'קאָן זײַן — פון די אַלע
וועט ניט בלײַבן קיין איינער.

באַם עלטערן ברודער
זיך קנייטשן די ברעמען:

— איז קום, כ׳וועל צו זיך
אין וואגאָן דיך פארנעמען.

מיר וועלן געניויער
א רעד טאָן א ביסל,
וועסט אָפּרוען דאָרטן
און כאפּן א ביסן.

ארום איז דאָס רעדל
ארמייער געלעגן,
געקוקט אפּ די ברידער,
געקוקט און געשוויגן.

און ס׳האָבן געהערט
בא דעם שײַטער די קעמפּער,
און אזוי האָט דער ייִנגערער ברודער
געענטפערט:

— מע דארף ניט, צו וואָס,
איך וועל זײַן אין מײַן ראָטע,
איך האָב שוין כאווייריִמ דאָ,
אָט-אָ און אָט-אָ...

און מאָרגן באנאכט
גייט מײַן טייל אין אטאקע, —
און ייִנגלשע בושע
פארגיסט אימ די באקן!

ס׳האָט דער עלטערער ברודער
די ליפּן פארביסן:

— איך האָב ניט געוווסט,
אז דו ביסט אזא... שיסער...

איז זײַ מיר געזונט...
— און דיר אלדאָס בעסטע.
און דער ברודער אוועק איז
מיט טריט זײַנע פעסטע.

אוועק אין דער נאכט,
שלאנק ווי א טאָפּאָל.
— מיר וועלן זיך זען
אין סעוואסטאָפּאָל!

אין הארבסטיקער נאכט
האָבן פאָלקן געררודערט,
עס האָבן געזעגנט זיך
ברודער מיט ברודער...

● ●

אין די וועלדער

י. יאנקעליעוויטש

★

בא קאטאָווסקינ אינ די וועלדער, אונטער גרינ־געפלעכט,
טאנצנ פייערלעכ פארשייטע, טאנצנ דורכ די נעכט;

צו קאטאָווסקינ אינ די וועלדער קומט מענ פונעמ לאנד,
ווער עס טראָגט א האס צו רייכע, ווי א שווערד אינ האנט.

עפנט אופ דער וואלד די אָרעמס, בעט צו זיכ אריינ:
— „זאָלנ קומענ מערער, מערער — פונעמ פאָלק די פריינט!“

פליִענ פערד איבער די וועגנ, רייסנ אופ דעמ סטעפ.
שווארצע נאכט, ווי שווארצער שפארבער, פאָכט איבער די קעפ!

פאָכט מיט גרויסע שווערע פליגלענ אונ די האָר צעבלאָזט,
אונ פונ אונטער טלאָענ שארפע לייגט זיכ אויס דאָס גראָז.

צינדט מענ אונטער גרויסע גיטער, ווי די סטערטעס שטרוי;
האלבער הימל שווארצ פונ שווארצער, האלבער הימל — רויט.

— „נא דיר, פאָרעצ, פאר דיינ גוטסקייט, פאר דיינ ברייטער האנט“ —
צו קאטאָווסקינ אינ די וועלדער לויפט מענ פונעמ לאנד.

● ●

א רײַזע אַף אַן אָרט

י. ראַבין

★

אַן אײַנגעשטעלטער מינהעג בא אונדז: צו דער אָקטיאַבער רעוואָליוציע דערציילן זיכרוינעס. זיכרוינעס האָב איך ליב. דעם לעצטן מאָל האָט אײנער דערציילט אַזאַ מײַסע:

„אין נײַנצן-נײַנצן בין איך געווען אַף אוקראַינע. פון דאָן האָט געשפּאַרט זשעניקין, פון גאַליציע האָט געדראָעט פּעטליורע. דערצו זײַנען אומעטום באַנדעס, און אַטאַמאַנען: מאַכנאָ, זעליאָני, אַנגעל, גריגאָריעוו, סאָקאָלאָווסקי און נאָך א סאַך, דער טײַוול וויסט זיי אַלעמען. ווי די הינט...

איך בין אין קיעוו און קיעוו איז בא די ווײַסע. מײַן וועג ליגט קיין אָדעס און אָדעס איז בא די פראַנצויזן. פּאָרן איז שווערער ווי געבאָרן ווערן. צוגן זײַנען געפּאַקט, באַן-וועגן — צענומען, פאַרנומען. איך בין געווען א באַהאַלטענער קאָמוניסט, ניט קיין באַהאַלטענע האָט מען געשאָסן.

פּאָרן האָט מען געמוזט — פאָר איך. איך זיץ אין וואַגאָן פון אַלע זײַטן צונויפגעפּרעסט. איך ווייס, אַז אַלע, וואָס פּרעסן מיך, האָבן געצאָלט דעם זעלבן פּרײַז ווי איך — דעם גענעראַל און דעם פּאָלקאָווניק און דעם קאַפּיטאַן און דעם סאָלדאַט, אַלעמען לויטן ראַנג. נאָר צי מיר וועלן נאָך פּאָרן, ווייסן מיר ניט. מיר זײַנען א לעצטער פראַכט-וואַגאָן צו א צוג, אונדזער וואַגאָן האָט מען פון אויסן צוגעשלאָסן און אַלע ווײַלע האָט מען אונדז געמונטערט מיט געשרייען: באַלד, שוין גאָר באַלד, שוין טאַקע גאָר באַלד פּאָרט איר. נאָר געגאַנגען איז א שאָ און א צווייטע און א דריטע...

עמעצער גיט א קניפּ מײַן שטיוול. איך שווײַג. עמעצער קנײַפּט מײַן פוס. פון אָנהייב שווײַג איך און דערנאָך וויל איך שרײַען, נאָר יענער זאָגט מיר: שא. אַלע שלאָפן...

— אַלע?

— אַלע. מירן דערפּאָרן קיין אָדעס? איך דאַרף מער ניט ווי דערפּאָרן...

— און ווער דאַרף מער ווי דערפּאָרן?

— ייִד איינער, איך האָב דאָרט פיר הײַזער...

— פיר הײַזער...

און מיר שווײַגן. איך דרעמל אײַן. נאָר באַלד כאַפּט מען מײַן האַנט און מיט א טײַנע דערצו: איך קען דאָך ניט איינער אַליין ניט שלאָפן, שלאָפט אויך ניט. איך דאַרף נאָר דערפּאָרן...

איך ווער בארויגעז: אַלע דאַרפן דערפּאָרן.

— ייִד איינער, איך האָב א זאַוואָד אן אייגענעם... דאָ קען מיך קיינער ניט, נאָר קום איך אַהיים...

מײַן שלאָף איז פון מיר אוועק. איך האָב גענומען דעם ייִדן טאָן טויוועס, איך האָב אים געטרייסט, אז מיר וועלן אָנקומען קיין אָדעס, אז מיר וועלן דערפּאָרן. איך האָב אים א שטיקל ברויט אָפּגעטראָטן, איך האָב זיך נאָך מער אײַנגעפּרעסט, אז אים זאָל פרײַער ווערן. א באַלעבאָס פון פיר הײַזער! און אין קאָפּ בא מיר איז א שפּרינגערײַ פון בילדער: געקומען קיין אָדעס, שפּיקעס מער ווי מענטשן, מע טאַפּט און מע זוכט. נאָר מײַן שאָכן גיט באַלד א שטעל אוועק זײַנע אַלע פיר הײַזער, זײַן זאַוואָד... מע מאַכט פאַר אים א וואַרע און איך בין דאָס זײַנער א באַקאַנטער. געפּאָרן צוזאַמען און דעריבער בין איך אויך א פײַנער מענטש. מיטן זכוס פון זײַנע פיר הײַזער קען איך גוט אן אַרבעט טאָן און קעדיי דעם דאָזיקן זכוס צו פאַרדינען, פּרעס איך זיך, טרייסט איך אים, שלאָף איך ניט.

דאַן שלאָפט ער אײַן. איך דרעמל ווידער.

שפּעט באנאכט גיט דער לאָקאָמאָטיוו א כריפּע, רעדער באוועגן זיך און אונדזער פארשלאָפענער וואגאָן רירט זיך אויך. יעדער גיט פון שלאָף אפ זײַן אויפן א צופרידענעם אויסגע־שריי: מיר פאָרן! און ווידער שלאָפט מען אײַן.

מיר שלאָפן אָפּ א לאנגע ווינטערדיקע נאכט מיט א שטיק גרויען ווינטערדיקן טאָג. מײַן שאָכן איז צופרידן, וואָס מיר פאָרן אזוי שנעל, אז מיר פילן אפילע ניט ווי מיר פאָרן.

נאָר פּלוצלינג עפנט זיך די טיר מיט א פראגע: וווהינ?

— קיין אָדעס.

— שוין געקומען.

מיר זײַנען צעטומלט פון פרייד. מיר ווילן ניט גלייבן, נאָר מיר קריכן ארויס. יאָ. א טריט פופציק איז די סטאנציע. איך לאָז שוין מײַן שאָכן ניט אָפּ, איך כאפּ זײַן פּעקל און שלעפּ אים אפ זיך. מיר לויפן מיט פרייד. מיר קומען און לייענען: קיִעוו! מיר גלייבן ניט אונדזערע אויגן, נאָר אנדערש ווערט פון דעם ניט — קיִעוו!

פון דער זײַט לאכט עמעצער פון אונדז: פופציק טריט אָפּגעפאָרן... אָפּגעטשעפּעט דעם וואגאָן... און זיי האָבן גע־מיינט, אז זיי פאָרן טאקע — כא—כא—כא... פאראן נאָך נאראָ־נים אפ דער וועלט... כא—כא—כא...

איך שליידער אראָפּ פון זיך מײַן שאָכנס פּעקל, פון אופרעגונג גיב איך דאָס פּעקל א שאָט אָן דר׳ערד, אז דאָרט גיט עפּעס א פּלאצ, עפּעס ווערט צעזעצט. מײַן פארדראָס שטײַגט: „גע־וואָלט בא א באלעבאָס פון פיר הײַזער נעמען א טיוווע פאר דער רעוואָליוציע, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. א בורזשויסקער מאזל, ברענען זאָל ער בא אײַך“.

ער האָט געענדיקט דערציילן. און מיר אלע האָבן מיטאמאָל איין פראגע געשטעלט:

— אָבער קיין אָדעס ביסטו ענדלעך געקומען?

— ווי דען?... אז מע האָט געמוזט!

זײַנען געגאנגען כאַיאָלעס

פערעץ מארקיש

★

זײַנען געגאנגען כאַיאָלעס אפ דאָרעמ,
זײַנען געגאנגען כאַיאָלעס אפ מײַרעוו.
— ווו זײַנען ווײַטנ? ווו זײַנען קלאָרע?
גראָווע שינעלנ פונ שטויב אונ פונ כמארע.

— — — — — — — — — — — — —

ליידיק איז דער מארק. א בריטשקע. א פאָר קרעמער.
צונויפגעקערטע מיסט, אונ ס'קאפעט שטיל דער פלומפ.
פונוויַיטנ טראָגט עמעצער א ליידיקע פאָר עמער
אונ קוקט זיכ אזוי פאָרזיכטיק, פאָרזיכטיק ארומ.

קאלעכענע וועגט אינ דעמער זיכ פארהילנ,
ס'בענקענ שוינ די שטיינער נאָכ א זונטיק אונ יארידנ, —
ס'איז דער פאָרעצ פונ די פאָלווארקעס, פונ גוראלניעס אונ פונ
מילנ געקומענ זיכ צערעכענענ אומ שאבעס מיט די יידנ.

שושקעט מענ זיכ שטיל, מע פינטלט אונ מע היקעט
אינ שטיבעלעכ אינ אָרעמע — דערשראָקנ אונ פאוואָליע;
שושקענען זיכ זקיינים, אלטע יידנ וואָלענע,
שושקענ זיכ אונ קעפ באוואקסענע זיי וויגנ.

מע רעדט אזוי געהיימ: — „גיי, ווייס בא זיי א טאָלעק,
גיי, ווייס בא זיי דאָרט וואָס, גיי, ווייס בא זיי דאָרט ווי:

מע וועט א ליאדע נאכט זיך לייגן מיט א פּאָליאַק
און אופשטיין אפ צומאָרגנס מיט א באָלשעוויק",

קייקלען זיך אפ וויַטן, קייקלען זיך טרומפּייטן,
וויקלען זיי אַרום אי שטעטעלע אי דאָרף.
— פערציק אין די לענגען, פערציק אין די ברייטן,
ערשט זיינען זיי דאָ — און איצטער שוין אָ דאָרט!

פּריצימלעך פון דערפער, פּויערלעך פון כוטער
גייען דאָרט קיין טשענסטאָכאָוו, לויפן דאָרט צופוס;
טראָגן זיי איקאָנעס, איקאָנעס פון דער מוטער:
— „מוטערל פון טשענסטאָכאָוו, באהיט אונדז און באשיץ!"

ס'איז די ערד די פּוילישע אין פיבער און אין היץ,
אפ דער וויַסער קירכע גייט דער אַנטיכריסט!
קייקלען זיך אפ וויַטן, קייקלען זיך טרומפּייטן:
— פערציק אין די לענגען, פערציק אין די ברייטן!
— — — — — — — — — — — — — — —

— א טרומפּייט אין דער ברייט, א טרומפּייט אין דער וויַט,
מיט א רויטער א רייטער־אַרמיי גייט דאָרט גאַי!

און אַרויס פון א שטאָט, אין א צווייטער אַריַין,
— ס'וועט ניט קלעקן קיין וועג און קיין שטעט וועט ניט סטיַען.

ערגעץ צייילעמט מען שטערנס און בייכער און מיילער:
— אוי, ער גייט, אוי, ער גייט, אָט דער גאַי, אָט דער גאַי!

און פון קראָם און פון קלייט — א געשריי, א געהייל:
— וועלכער גאַי, וואָסער גאַי? — גיי שאָ גיי, גיי שאָ גיי!

און דער וועג איז צעשפּרייט, און דער וועג איז פּאַרטייַעט,
און א ווינט דאָרטן ווייעט, און א ווינט דאָרטן טייַט:

— אָט אָ־דאָ, אָט אָ־דאָרט! אָט דאָ גייט, אָט דאָ רײַט:
דאָ א דאָרף, דאָ א שטאָט, — אי אפ פרייד אי אפ שטרײַט!

פערציק מײַל אינ א שאָ! פערציק שאָ אפ א מײַל!
אונ צופוס, אונ אפ פערד — מיט געפעכט, מיט געפײַפ,

אונ מיט פלאם אפ א פלאם, אונ מיט פאָנ אפ א פאָנ —
גייט ער אָנ, קומט ער אָנ! — אי פונ ווײַט אי פונ נאָענט!

אונ באפליגלט דער פלאנג, אונ באפליגלט דער קאָפ, —
אונ אראָפ אונ ארופ, אונ ארופ אונ אראָפ!

אונ געזאנג! אָ, געזאנג: — אי פונ בערג אי פונ סטעפ,
מיט פארשיקערטע טלאָ, מיט פארשיקערטע קעפ!

אוי, בודיאָני, наш братишка — מיט אונדז איז די וועלט.
— העכער די קעפ! — איז ארויס א באפעל.

ס'זײַנענ ווײַטנ, ווי ווײַנ, אונ זיי שוימענ מיט ברויז,
איז ארויס א באפעל — מע זאָל קוקנ פאָרויס!

מע זאָל קוקנ פאָרויס, מע זאָל טרינקענ די ווײַט —
מיט א רויטער א רײַטער-ארמיי גייט דאָרט גאָי.

אונ דער טראָט איז באפעל, אונ דאָס ליד איז פונ שטאָל,
אונ עס קומט, אז עס לייגט זיך א שטאָט נאָך א שטאָט!

פונעם קאספישנ יאם, פונעם אלטנ קאזבעק,
ביז דעם בלוי, ביז דעם גאָלד פונעם ווײַסלשנ ברעג!

אונ דער וועג ערגעצ ברעכט, אונ דער וועג ערגעצ קײַעט, —
אז ער צינדט, אונ ער ברענט אונ פארלענדט, אָט דער גאָי!

און עס פיבערט די וויַט, און עס פיבערט דער וועג,
און מע זעט ניט קיין אָנהייב, מע זעט ניט קיין עק!

און בודיאָניס א רעטש אפ א רויטן בולאַן:
— רעוואָליוציע, ברידער, פון לאַנד איבער לאַנד!

און מיט וויכער און ווינט, און מיט שטורעם באַנאַנד,
מיט געפּליעסק, מיט אורא, — אי דא זדראַווסטוויעט אָנא!

און א קראַם אָן א קראָם מיט געבראַך און מיט „איַי‟:
— וועלכער גאַי, וואָסער גאַי? — גיַי שאָ גיַי, גיַי שאָ גיַי!

נאָר טרומפּייט אין דער ברייט, נאָר טרומפּייט אין דער וויַט,
— מיט א רויטער א רײַטער־אַרמיי גייט דאָרט גאַי!

זײַנען געגאַנגען כאַיאָלעס אפ דאָרעמ,
זײַנען געגאַנגען כאַיאָלעס אפ מײַרעוו.
— ווּ זײַנען וויַטן? ווּ זײַנען קלאָרע?
גראָווע שינעלן פון שטויב און פון כמאַרע.

טריט פון פּעכאָטע אפ וועגן צעבליִען,
אפ לינקס און פּאָרויס און אין וויַט — איז באַפעל:
— וואַרשע איז וואַרשע, אויב ניט — איז בערלין,
אויב ניט — איז פּאַריזש — און די גאַנצינקע וועלט.

● ●

יאטן

פעפער

★

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאַטן און מע היט.

דאָרט באַם גרענעץ יאָגן פערד
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

ווער א יאַט איז דאַרף זײַן גרייט
אי פֿאַר טרויער אי פֿאַר פֿרייד.

ביקס אַפֿ פּלײצע, שווערד אין האַנט,
אויגן שטענדיק ווײַט געווענדט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאַטן און מע היט.

שווער איז איצטער אונדזער צײַט,
ביקס אַפֿ פּלײצע, ביקס באַ זײַט.

ציטערט בלוט אין הייסן לײַב:
— „אָדער שטיי דאָ, אָדער בלײַב"!

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאַטן און מע היט.

● ●

סימבירסק

ע. פינינבערג

★

1

האָט געלעבט אמאָל א דײַטש א סויכער
אין דער שטאָט סימבירסק.
זאוואָדן זײַנע האָבן זיך געגרויכערט
אין שטעט אין פיר.

א גראָבער דײַטש מיט וואסער־אויגן טעמפּע,
געלט — אָן א צאָל, אָן מאָס.
אפ טויזנט לײַט געווען איז ער, דער פּעמפּיק,
א באלעבאָס.

געגאנגען די שיפן זײַנע אפ דער וואָלגע, —
זײַן געלט אין בענק
געוואָקסן איז — האָט ער זיך נעכט געוואלגערט
אין רײַכן שענק.

אפ די גאסן — נאקעטע און דולע
אָרעמע לײַט, —
פליט א קארעטע צעלאָזט, צעהוליעט —
דער גראָבער דײַטש.

אין די געסלעך קינדער גייען פארפאלן
אין נויט און שמוץ, —

בא דעם גראָבן דײַטש אין שײנעם פּאַלאַץ
אַלדאָס גוטס:

אײדעלע עסנװאַרגן, שפּיגלען גרױסע,
טעפּיך־טוך,
בלום, פּאַרפיומען, און פון אױסלאַנד —
װײַן און פרוכט.

איז דער דײַטש געװאָרן גראָב און גרעבער, —
נאָר, װײ און װינד,
ניט געהאַט האָט ער, דער פּעמפּיק, נעבעך,
קײן קינד.

און דאָס געלט איז אין די בענק געװאַקסן
מער און מער,
און בא די אַרבעטער געבױגן האָט זיך אַקסל
צו דער ערד.

און דער פּעמפּיק איז זיך נעבעך געזעסן
אין רײַכן שענק,
און די אַרבעטער האָט פראָסט געגעסן
בײזע קרענק.

אַז סע איז די מי אין גרױסע שטרײַקן
אַרױס צעהיצט,
איז אַרױס קאָזאַק, איז אַרױס נאַהײַקע,
איז געפלױגן שמיץ.

פּלעגט מען אַרבעטער אין גרוב פאַרשטופּן
אָפּ טעג אַ סאַך, —

האָט דער דײַטש געגלעט דעם גראָבן פּופּיק
און געשמאַק געלאַכט:

— ס'האָט דער גרויסער גאָט די וועלט באַשאַפן,
אַז ס'זאָל קנאַקן בײַטש,
אַז ס'זאָל פּאָרן רײַטנדיק אַף טויזנט שקלאַפן
איך, דער גראָבער דײַטש...

און אַ יאָר איז נאָך אַ יאָר געגאַנגען,
וויפל — ווײ,
וויפל מוירדים האָט מען אופּגעהאַנגען
אינעם לאַנד ראַסיי?

וויפל, וויפל האָט די פּײַן דערוואָרגן,
האָט די נויט געפּלעט?
בא דעם גראָבן דײַטש געוואָרן איז דער גאָרגל
ווי בא אַ כאַזער פעט.

אַז אַרויס זײַנען דעם פּעמפּיקס סאָנים —
שווערע מי און נויט —
אַף די שטאָט-גאַסן מיט אופשטאַנד-פאָנען,
האָט דער גוויר באַפוילן: שרויט! —

און מע האָט דאַן הונדערטער צעשאָסן
קעמפער אַרבעטסלײַט,
און מע האָט דאַן הונדערטער פאַרשלאָסן
אין סיבירער ווײַט.

און אין געסלעך קרומע — אַ געיאָמער.
און אין שטיבעלעך — אַ קלאָג:

ווען וועט קומען דער טאָג פון נעקאָמע,
אונדזער גרויסער טאָג ?.. —

וויפל זײַנען אופגעגאנגען מיט צאָרן
און געשטאָרבן שטאָלץ ?
פונעם דײַטש דעם גראָבן איז דערווײַל געוואָרן
א פוד מיט שמאלץ.

אף דער גאס מ'פלעג מאכן אים א ווארע,
פינגער האָט געטײַט:
איר זעט ? איר זעט ? אָט פאָרט אין זײַן קארעטע
אונדזער גראָבער דײַטש !

2

אין דער שטאָט סימבירסק איז א יונג געוואָקסן
אין זײַן פאָטערס הויז.
איז געווען דער יונג א גרויסער אקשן
און געטרוימט — פון גרויס.

ס'איז דער יונג ארומגעגאנגען אף גאסן
און האָט געזען:
פונעם ארבעטער מע שינדט די פאסן, —
האָט זײַן הארץ געברענט.

מע שינדט דאָס לײַב און מע פלאָגט דעם קערפער
מיט דער שארפער רוט,
מע זיצט אף שטעט און מע ליגט אף דערפער
און מע זויגט דאָס בלוט !

איז ביז ווען־זשע, איז ביז ווען־זשע
וועט עס זײַן ?

ווען וועט אופהערן צו פלאָגן מענטשן
אָט די פּיַין? —

איז געווען א טאָג — איז יונג ארויסגעגאנגען
אפ דער גאס
און ארומגעשלעפּט זיך שאָען לאנגע
שטום און בלאס.

יונג, אָ, יונג, וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?
וואָס האָט זיך דיר געפעלט —
צו פארנאכט-צו איז דער יונג אנטלאָפן
צו דעם ברייטן פעלד.

זון־פארגאנג — און מיַירעוו-ברעגן גליִען
איבער פעלדער-לענג.
זעט דער יונג: באם הימל שטייט א טליִע
און זיַין ברודער הענגט. —

— „ברודער! ברודער! כ׳זע דיַין פּאָנעם
וויגט זיך בלייך
איבער סוינע, איבער סאָנים
אין דער הייך.

ברודער! ברודער! כ׳קער באלד אום זיך
צו מיַין גאס, —
טאָג מוז קומען, שאָ וועט קומען
פאר מיַין האס!"

און אפ שטאָט־גאס — שאָטנס שארע
שפּרינגען אום פארשיַיט,

בריט-צעוואלגערט אין זײַן קארעט
פאָרט דער גראָבער דײַטש.

פאָרט און שמײכלט, שמעלצט זיך, פאָרט, און
שטאָט פאַר אים זיך בוקט. —
יונג באַם ראָג האָט אָפּגעשטעלט זיך
און האָט לאַנג געקוקט.

3

יאָרן, יאָרן זײַנען דורכגעשוווּמען,
דער פּעמפּיק האָט דערשפּירט,
אַז ס'איז די שאָ די לעצטע אָנגעקומען:
צײַט צו שטאַרבן, גוויר!... —

ער איז געווען שוין אַ גרויסער זאָקן
פון זעקס און אַכציק יאָר,
נאָר פאַרן טויט האָט ער זיך פאָרט דערשראָקן
ביז גאָר.

און פון פּאַכעד און פון טשוּווע וועגן,
מאַכמעס זינד פאַר גאָט,
האָט ער באַשלאָסן שענקען זײַן פאַרמעגן
סימבירסק דער שטאָט.

און אַ צוואָע האָט ער אָנגעשריבן:
„ס'פאַרמעגן ס'גאַנצס
דער שטאָט סימבירסק — נאָר מײַן פרײַנט מײַן ליבן
יוליס-האַנט,

די שטאָט סימבירסק קיין ניצע־שטאָט זאָל שיקן
אַזויפיל און אַזויפיל ראַכ —

און זאָל די גווירים פון דער שטאָט באַגליקן"...
און אין איינער א נאכט

האָט דער גראָבער דײַטש זיך אויסגעצויגן
און אויס.
פארמאכט אים האָבן זײַנע פעטע אויגן
דינער — פון הויז.

און ס'איז געווען א פּרעכטיקע לעווײַע.
דער גובערנאטער אַליין,
געהאַלטן האָט א רעדע פול מיט פײַער
און האָט געוויינט.

און די גווירים האָבן לאַנג געיאָמערט:
— סטײַטש, סטײַטש, —
אזא מענטש, אזא לויטערע נעשאָמע,
אזא גראָבער דײַטש!..

און אין דעם פעמפיקס פּאַלאַץ האָט מען אופגעעפנט
(איר ווייסט אַליין?
ניין, כאוויירים, ניין, איר וועט ניט טרעפן!)
א גרויסן שענק!..

און פריצימלעך און פריצעטעס און אָפיצערן
אין זאַלן־פּראכט
פלעגן שיקער טאנצן, שפרינגען, גאַלאָפּירן,
אַלע נאכט...

4

...ס'איז דער יונג אַן אָנפירער געוואָרן
בא מי פון גאָר דער ערד,

ער האָט געשאַלט אין גרויסן אופשטאַנד-האָרן,
און ס'האָט די מי געהערט.

„— מי פאַריאָגטע, מי פאַרשקלאַפטע!
אַרבעט־פאָלק דו מײַן!
שטאַרק די באַנדע, פרעכ די כאַפּטע
פײַנט!

ביסט געפּענטעט, ביסט באַגאַזלט
אַפ דער ערד!
אופגיין זאָל דײַן ליכטיק מאַזל! —
צו געווער!..

זאָל די מי די גרויסע ערד פאַרכאַפּן
און די העלע זון!
שטייט אופּ איר אַלע, ווער ווי שקלאַפּן...״
האָט געשאַלט דער יונג.

אָנגעקומען איז אַ צײַט פון שוידער,
בלוט האָט ערד געשטיקט.
כאַפּטעס פּעמפּיקעס און פעטע גוידערס
האָבן זיכ צעקריגט.

און אין שלאַכטן האָבן זיי, די סאָנים,
אין פלאַם־געפּעכט
געשליידערט פלייש פאַר ריזיקע קאַנאָנען —
מיליאָנען קנעכט.

האָט דער אָנפירער אַזוי טרומייטערט
און געוועקט:

„קנעכט אַף ערד-שטרעקעס אַף ברייטע
אין גרויל, אין שרעק,

דרייט אויס אַף פּעמפּיקעס די שאַרפע שפּיזן,
די קויל פון ביקס!
אין שלאַכט פאַר ערד, פאַר זון פאַר העלער — ביזן
העלן זיג!”

און ס'איז געווען אין אַן ערעוו פריילינג
באַם צעגיי פון שניי —
וועלכע שטראָמען האָבן עס גענומען שפּילן
אינעם לאַנד ראַסיי?

ס'האָט זיך מי פון נאַסן, קאַלטן קעלער
אַ הייב געטאָן
און פאַר מי, פאַר ערד, פאַר זון פאַר העלער
אַרויס מיט ביקס און פאָן.

איז געווען אַ טאָג, און ס'האָט זיך גאַס צעזשומעט
אַרום מיט פרייד-געשריי.
וועלכער הויכער גאַסט איז אָנגעקומען
אינעם לאַנד ראַסיי?

ניט קיין קייסער, ניט קיין קייסערינע,
ניט קיין פּעמפּיק ווי אַמאָל,
אָנגעקומען איז דעם פאָלק צו דינען
דער אָנפירער פון פאָלק.

ס'גייען האַמויניִם, קומען נאָך און נאָכעט
צו אַ הויז, צו אַ באַלקאָן.

אפֿ באַלקאָן איז הויך צעווייט, צעפּאַכעט
פֿלאַקער־רויטע פֿאָן.

ס׳ברענט די רויטע פֿאָן מיט פֿלאַם מיט אירן
אינעם פֿרילינג־טאָג,
און סע קוקן ארבעטער אפֿ גרויסן פֿירער,
און דער פֿירער זאָגט:

— „ברידער! מיט דער ביקס און מיט די פֿאָנען־
זײַנען מיר פֿון שלאַכטן אויס!
איצט — די ביקסן אפֿ די גראָבע סאָנים!
די געפֿאַר איז גרויס!

קיין איין רעגע טאָר מען ניט רוען!
ס׳גייט די לעצטע שלאַכט!
טויט די אונטערדריקער! טויט די בורזשוייען!
דער מי — די מאַכט!"

און אפֿ אַלע פֿעלדער, אַלע וועגן
מיט אופשטאַנד־גלי
איז אין גרויסע היציקע געשלעגן
אוועק די מי.

וויפֿל ברידער, וויפֿל ברידער־העלדן
געשענקט האָבן די קעפּ
בא די טײַכן, אין די זומפּן, אפֿ די פֿעלדער
נעבן פּערעקאָפּ?

אָנגעפֿירט האָט מיט דער שלאַכט דער פֿירער,
און ס׳האָט די שלאַכט געפֿלאַמט,

און פֿאַרטריבן האָט די מי די גווירים
אינעם שוואַרצן יאַם.

הײַנט אַף שטעט, אַף אַלע דערפֿער,
אַף ווײַט און נאָענט
הערשן האַמערן און הערשן סערפּן,
הערשט די רויטע פֿאָן.

נאָך די שלאַכטן אַף די ברייטע סטעפּן
אינעם פּעמפּיקס שטוב
אין סימבירסק דער שטאָט — האָט מען אופֿגעעפֿנט
אַ פּיאָנערן־קלוב.

איבער יונגע, מונטערע געזאַנגען
אַ שילדל בליצט,
אַ שילדל שאַפֿט מיט וווּנדערלעכע קלאַנגען:
„איליטש".

וווּ ס'איז נאָר אַ רויטע פֿאָן פֿאַראַנען,
יעדער ווייסט —
סימבירסק אַמאָליקער — הײַנט שטאָט אוליאַנאָווסק
הייסט.

● ●

2-טער טייל

אילִיטש

א. פעפער

★

מאָסקווע, קרעמל.
א ראדיאָ צו אַלע...
א שווארצע ראדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ.
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פאלן
שווארצע ווערטער, גרויזאמע אף הוילע קעפּ.
באם פרישן קייווער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אזוי ווייַס, און טאָג איז אזוי שווארץ;
ס'איז דאָ אזוי פיל פראָסטער לעבינס ווונדער
אין אונדזער שטאָלענעם און ווייַנענדיקן הארץ.
מאָסקווע, קרעמל.
א ראדיאָ פון אַלע...
אן אנדער ראדיאָ, א צווייטע ראדיאָ פליט:
אילִיטש איז דאָ מיט אַלע און בא אַלע
אין אונדזערע הייסן בלוט, אין שטרענגע קאַלטע טריט.
ס'איז דאָ א וואָרט, וואָס וועט א וועג אונדז ווייַזן,
און מענטשן פראָסטע איז דאָ דאָך אָן א צאָל.
ס'איז דאָ א לאנד פון פעלדער און פון אייַזן —
א לענין-לאנד פון קאָרן און פון שטאָל.
מיר זייַנען אַלע דאָ.
מיר זייַנען קאָמונארן.
און הייס איז אונדזער בלוט, און פעסט איז אונדזער לאנד,
אין דערפער און אין שטעט, אף פעלדער, טראָקטוארן,
מיר זייַנען אומעטום
מיט לענינס פּאָן אין האנט!

● ●

יאנוואר 1924

מ. כאשטשעוואצקי

★

1

אזא שטילקייט,
אזא וווּנדערלעכע שטילקייט,
דאכט, אפילו די שטילקייט קאן מען הערן,
דאכט זיך,
אלע קלאנגען אף דער וועלט
פארטיליקט —
אז די רו
פון גרויסן טויט
ניט שטערן.

דאכט זיך,
זאל א מענטש
אן אייניפאכ ווארט א רעד טאן,
זאל א פענדל
טאן פון ווינט א פלאטער,
וואלט עס
הייזעלעכ פון די טויערן צעפלעטן,
ווי א קראכ וואלט פלוצעם
א הארמאט טאן.

ווו איז רויש
פון ריזנשטאט פארפאלן?
טראם-געקלאנג,

געוויש פון טריט און רעדער?
מענטשן —
הונדערט טויזנטער
פארשטילטע כוואליעס
ווי די שאָטנס —
אָן א וואָרט א יעדן.

און עס דאכט — אפילע דער אָרקעסטער
שפילט אין זאל
דעם טרויער־מארש
אָן קלאנגען,
ניט מיט אויערן, —
מיט גאנצן קערפער הערסט אים,
אין דיין בלוט
דאָס שפילן ווערט צעגאנגען.

און די רעגע
איז אזא מין קורצע רעגע,
און די רעגע
דויערט אומגעהייער —
ביזן סאָף
פון אלע דיינע וועגן
טיף אין הארצן
אָט די רעגע דויערט.

ס'וועלן דורך
מעסלעסן, וואָכן, יאָרן,
און דו וועסט
אפּ שטענדיק פארגעדענקען:
אָט דעם טרויער־זאל,
דעם רויטן אָרן

אוּן די טוּנקלע
שווײַגנדיקע מענגען.

2

אין קליינעם צימער
בײַ די ווענט און אַרום טיש
די קעפּ אַראָפּגעלאָזט
זײַי זײַנען שטיף געזעסן.
ס'האָט ווער־ניט־ווער
אַ טרער אַראָפּגעווישט,
עס האָבן אַלע
ריידן ווי פאַרגעסן.

ניט יינגלעך, ניט קינדער קליינע,
ניין, —
אַליין שוין אויסגעפּרוּווטע
האַרטע מענער,
און ניט געוווּסט ביז איצט,
וואָס הייסט אַזוינס געוויין,
און ניט געקלערט,
אַז מענטשן וויינען קענען.

עס האָבן פיל פון זיי
שוין זילבער אין די האָר,
די הויכע שטערנס
מיט רונצלען דורכגעשניטן,
אַליין דעם טויט געזען ניט איין מאָל,
נאָר,
ס'האָט קיינמאָל ניט געוווּסט דאָס האַרץ
פון טויטן ציטער.

עס קלינגט אַפֿ וועלטן גאָרע
זייער רום,
עס טראָגן קינדער
זייערע שטאָלצע נעמען,
זיי זיצן שווייַגנדיק,
זיי זיצן שטום,
און טרער נאָך טרער
זיך גאַנוועט דורך די ברעמען.

געווינט געווען אַזוי
צו גיין מיט אים באַנאַנד,
געווינט אַזוי צו גיין
מיט אים פֿון פֿאָרנט,
און אַלץ געווען איז קלאָר
און אַלץ געווען באַקאַנט,
און פֿעסט אַזוי
און זיכער און באַוואָרנט.

ס׳איז נאַכט און פֿראָסט,
אין צימער, ווו ער ליגט —
אין שוואַרצער נאַכט אַרייַן
צעעפֿנט זייַנען טירן,
אין פֿינצטערן געוויג —
באַם גרויסן ראַטנלאַנד
געשטאָרבן איז דער פֿירער.

און דאַן איז איינער אויף,
גענומען זייַן שינעל,
דעם העלם אָנגערוקט,
דעם האַרטן פּאַס פֿאַרצויגן,
מיט פֿעסטע טריט

דערגאנגען צו דער שוועל,
דאָס לעצטע מאָל
א פיר געטאָן די אויגן.

פארמאכט די טיר
אין פינצטער פון דער נאכט,
און לאנג זיך צוגעהערט
ווי ווייטע ווינטן כוואליען, —
אין יענער נאכט אין פראַקטיקער
האָט זיך אפ וואך,
אַ גרויסער וואך געשטעלט
דער כאוואער סטאלין.

● ●

צופוסנס און צוקאָפּנס

פּ. מארקיש

★

פאר גוטס און שלעכטס, פאר יעדן און פאר אלץ,
וואָס איז פארגרייט און אופגעוועקט צו זײַן, —
פאר וועגן נאָענטע, פאר וועגן ווײַטע,
פאר טעג געזאָטלטע, וואָס ווארטן אפ די רײַטער
מיט הירזש און מיט געצאָק, מיט פיבער און מיט לעכצונג,
מיט קאלעכענער ווײַט, מיט שטיינער און מיט זאמד,
פאר אלץ, פאר אלץ — פאר טײַערס און געגארטס,
פאר יעדן האמער־טראָט, פאר יעטווידן געקלימפּער;
קומען נאָכאמאָל זיך אײַנמעלדן הײַנט הערצער,
קומט הײַנט נאָכאמאָל זיך אײַנמעלדן דער אימפּעט.

ס׳קומט אָן מײַן ריי. ס׳קומט אָן מײַן טײַערסטע געפאר איצט,
ס׳קומט אָן מײַן העכסטער פּרווו
אפ בלוטיקדיקן איבערגאָס פון שטאם צו שטאם
דורך צוימענדיקער קראפט, דורך ווייטעקפולער רו
און — וואָס ס׳איז צום קאיאָר, און וואָס ס׳איז צום פארגאנג!..
און יעדער איז שוין דאָ, און אלע זיך פארזאמלען
מיט פּײַן מיט ליכטיקער פון פרײַהײַט און געדאנק,
מיט גרייטקײַט צײַטיקער פון איבערײַפן עלנט, —
— קום איך אויך איצט אײַנמעלדן מײַן הארץ,
— קום איך אויך דעם אימפּעט מײַנעם מעלדן...

אָט בין איך, אָט: — א זעמדף צווישן זאמדן,
אָט בין איך, אָט: — א שטיינדף צווישן שטיינער,

אָט בין איך, אָט: — וואָס זײַן דאָ איך באַדאַרף זײַן: —
— נאַ דיר, דאָר מײַנער, מײַן רויע פרייד,
מײַן רויע פּײַן — איך בין שוין גרייט!
— באַפעל מיר, דאָר, דײַן קלוג געזעץ:
אויב טרעפן עמעצן — וועל איך אַליין זיך וואַרפן,
און פאַר געבוי וועל איך זיך אויסבייגן אַליין;
ס׳איז גוט צו זײַן מיט דיר דער ערשטער און דער לעצטער,
כ׳וויל נאָר ניט זײַן צווישן די פאַרזאַמטע.

עס פירט די צײַט מײַן אומרו פאַר דער האַנט
דורך בערג דורך אויפגעריסענע און שיפע, —
מיט ווינט פאַרהאַרטעוועט, פאַרשטאָלן אים אין בראַנד
און ווי א בלאַנקן מעסער אים אין האַרץ פאַרטריפן;
און ס׳קײַלעכיקט זיך אויס פאַר מיר דער ראַנד,
און ס׳עפענען זיך אויף פאַר מיר די טיפן,
און ס׳וויגן זיך פאַנאַנדער פאַר מיר רוימען:
— פאַרנעמט, פאַרנעמט!
עס פירט די צײַט מײַן אומרו פענטען
און באַצוימען...

אינמיטן נאַכט, אינמיטן כוואַליקע געוויגן —
אַף בערג אַף אויפגעריסענע און שיפע
שווימען קופּאָלן, ווי באַנקעס בלוי־פאַרזיגלטע
און רונדע,
מיט פאַרמעטן פון דוירעס און יאָרהונדערטן,
געלאָזט פון אומגעקומענע פון אַלטע שיפן,
זיי זאָלן ערגעץ אָנקומען, אַנטרינען
דאָרשטיקע
אַליין,
ס׳זאָל עמעץ זיי געפינען,
אויפשטעמפּלען
און לייענען:

— „אָקטיאבער...
טויזנט און נײַן הונדערט זיבעצן...
פון פאנצערשיפ „אווראָרא״
און פון גאנצן לאנד פארכאפּט...
אין צאָרן,
קנעכט... באַפעלן...
...לעצטע שאָ דערטריפּט זיך...
מיר, געקרוינטע הענקער פון יאָרהונדערטן
און פעלקער,
גייען אונטער!..״

שווימען זיי ארום, די קופּאָלן, פארהוילן,
ווי איינזאמע פארלאָזטע קרעטשמעס, ווי פארטרינקענע,
אף וויסטקייט פינצטערער פון נאכט...
נאָר ס'זיצן נאָך אין מאָסקווער טיי־הײַזער בערדאטשעס אין
קאמזוילן

ביז לענדן בײַכיקע אין פוילער נעץ,
און סליונעס זיס און סליונעס זאט;
— „עכ, מוי סאד, זעליאָניי סאד!״
און בא די בלינדע ווענט זיך גאנווענען אין פאכעד
פארפוילטע, אָפּגעקראָכענע און אלטע קעץ
מיט שטיקער קויטיקע לעוואָנע אף די רוקנס...

נאָר ס'ליגט די מאָסקווע־שטאָט געשטאפּלט,
מיט וועגן אָנגעכאפּט דעם גאנצן ערדן־שטעך,
ווי מיט צעפלאקערט־שרײַענדיקע לאפּעס,
און טרײַבט און יאָגט זי אין געדריי
און אין געלויער, —
זי ליגט, די שטאָט, ווי אן ארויסגעשיילטער מארך
פון אופגעשניטענע יאָרהונדערטן און דוירעס,
אונטערן שטרענגן שטערנדיקן אָנבליק פון פלאנעטן

און לײַכט אין טיף פון נאַכט.
מיט יעדער שטויב, מיט יעדער זאַמד, מיט יעדן שטיין...

און ווען עס וויגט באַנאַכט דער קרעמל אויף
דאָס ליד פון אומגאַנגעדיקע יאָרן,
ווען ס׳וויגן זיך פאַנאַנדער רוימען,
ווען ס׳פּאָכען זיך פאַנאַנדער פלאַכן,
און זינגענד ווערן זוימען,
און זוימען ווערן וואַכיק,
און יעדער קלאַנג ווערט רופנדיקער האָרן, —
שטייט אויף יעמעלקע פּוגאַטשאָוו
און סטיענקע ראַזין פון די קוואָרים,
און מיט די אָפּגעהאַקטע קעפּ אין הענט אין דולע
און פאַרדרייטע
שטײַגן זיי אַראָפּ פון שטייניק־בלוטיקן באַלעמער,
פון אויפגעהעלטן ווייטעק,
פון זשאַווערדיקע קלעמער
און פון קייטן
און גייען דורך דעם רויטן פּלאַץ אַליין
דורך צייכנס זוניקע פון בלוט געטראָפּנטס,
און קומען אָן אין מאַוזאָליי
זיך שטעלן אָפּ אַן ערן־קאַראַול
צופוסנס און צוקאָפּנס...

• •

ראדיאָ

מ. קולבאק

★

שוין לאנג געווען שטיל אין הויף. ס'איז סענטיאבער כוי־דעש. זעט אויס, אז עפּעס וועט שוין באלד ווידער געשען. און פונוואנען דראָעט די געפאר? דאפקע פון אן אומגעריכטער זײַט, פון פאלקע פּעטער איטשעס. פון אָט דעם נעפעש.

פאלקע דעם פּעטער איטשעס האָט זיך צו א האלב יאָר אָנגעשריִען א פּופּיק, ווי ס'איז שוין באוווסט. דעמלט האָט מען אים געלייגט הארטע צענערס צום בויך, ביז ער (דער פּופּיק) איז ווי־ניט־איז צוריק ארײַן אפ אן אָרט.

קלאָר, אז פון אזא אָנהייב וועט שוין גאָרנישט ארויסקומען.

דאָ ניט לאנג האָט ער גענומען טראָגן אין שטוב האלבע צעבראָכענע ביר־פלעשלעך, וואָס ער פלעגט זיי אָנגיסן מיט עפּעס א בלויען וועסערל און ווייקן אין דעם שטיקלעך קופּער.

גאנצע טעג פלעגט ער אזוי זיצן דאָרטן, באם פּעטער יו־דען אין נידעריקן צימער, צווישן די פלעשלעך, גומי, דראָט, אײַזנס, און טראכטן א טראכטונג. ער האָט געווישט די נאָז און ארײַנגעקוקט אין א ביכל ארײַן. און אז בא אים אין קאָפּ איז, ענדלעך, קלאָר געוואָרן דער גאנצער סאָד פון די דראָטן, איז ער אוועק צו בערענ מיט א פּלאן מיקויעך ראדיפיצירן דעם רעבזעהויף.

ער האָט פאָרגעלייגט א שארפן בוי־פּלאן:

אופהענגען די אנטענעס אפ לופט־באלאָנען, הויך אין הימל, קעדיי פּאקן די עמעסע ריינע כוואליעס. עלעקטרישע באטא־רייעס וועט ער שוין מאכן אין זײַנע ביר־פלעשלעך, די בא־

ערדיקונגען וועלן פאַרקומען אף רייִנעם קופּער — א סגולה פאַר די בליצן, און ביכלאל וועט זיך זײַן ראדיאָ אויסצייכענען מיט דעם רייִנסטן קלאַנג, און הערן וועט מען קאָנען אפילו אמעריקע.

בערע איז געזעסן בא א גרויסער קאווענע, געריסן מיט א מעסער דאָס קאלטע קאווענע־פלייש און זיך גוט צוגעהאָרכט, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— ראדיאָ דארף מען אײַנפירן, אָבער אָן לופט-באלאָנען.

— און ארבעטער־דערפינדונג איז בא דיר גאָרנישט? — האָט זיך פאלקע ניט אײַנגעהאלטן.

— מאכ פריער א פּראָסטן ראדיאָ — האָט בערע געזאָגט, נאָכדעם וועלן מיר זען.

— אָבער ס'טאָכ קאָסטן וועלוועלער, ראציאָנאליזאציע איז בא דיר גאָרנישט?

— מאכ אָבער אפריער די זאכ, וועלן מיר נאָכדעם זען, גוילעם! — האָט זיך שוין אופגעכאפּט בא אים זײַן אלטע סינע צום פארסמײַעטן ברודער.

פאלקע איז דאן ארויס פון בערען אן אופגעלויכטענער. וויבאלד, אז בערע האָט שוין באגיטיקט די זאכ, וועט ער אלע כוואליעס אײַנשפאנען אין זײַנע אנטענעס און די שטיבער אָנגיסן מיט קאָנצערטן, פידלען, שטימען, פול ביז איבער די ברעגן. אָבער סע פעלט אים געלט!

פאלקע האָט דאָ אפן אָרט, גייענדיק איבערן הויף, צונויפגעשטעלט א רעשימע און באשטײַערט מיט אן אָפּצאָל די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון הויף. באלד איז ער אוועק איבער די זעלמעניאנישע שטיבער אגיטירן פאר דער ראדיאָ.

די מעהומע איז געוואָרן גרויס, און ס'איז פארשטענדלעך אויך: בא עלעקטרע פארשפּאָרט מען כאָטש קעראָסין, אָט דאָס איז אָבער זינגעכץ, זינגעכץ סטאַם אין דער וועלט ארײַן, און ס'איז גאָרניט אזוי גוט אפן הארצן! דערבײַ האָט פאלקע פארשלונגען די רייד און מע האָט ביכלאל ניט גוט באנומען, וואָס ער איז דאָ אויסן.

די מומע גיטע האָט טכּילעס פֿאַרשטאַנען די זאַך, אַז פֿאַל־קע וועט אַרופֿקריכן אויפֿן דאַך זעצן זיך זינגען, און זיי, אונטן, אין די שטיבער, וועלן אים דאַרפֿן הערן און צאָלן געלט:

— לײַכטע פֿאַרנאָסעס ווילט זיך אים, דעם שילוע!

פֿאַלקע האָט זיך אָבער געקאָכט, אים האָט ווייניק וואָס געקימערט, וואָס פֿעטער זישע איז געזעסן, געזופֿט טיי און געוואָרפֿן צו אים פֿון צײַט צו צײַט בליקן, ווי צו אַ שפּין. פֿאַלקע האָט אַלץ געטײַנעט:

— עלעקטרע איז די באַזע פֿאַר דער אינדוסטריע, ראַדיאָ — פֿאַר די מויכעס.

און אַזוי האָט ער דערמיט אויפֿגערודערט דעם הויף, דער היסלײַוועסדיקער פֿאַלקע.

אין אַ פּאָר טעג האָט ער צונויפֿגעקליבן בײַ אַ 25 רובל און זיך געזעצט צו דער אַרבעט.

●

ס'האָבן אָנגעהויבן גיסן די ערשטע, שיטערע, קרומע רעגנס; אַהינטער זיי האָט דער אָנשוויגענער זומער מיט די פֿאַרקוי־טיקטע מיליאָנען קאָלירן זיך געלאָשן אין די סאָפּזומערדיקע גערטנער. אומעטיקער גרין פֿון בורעקעס־בלעטער, מיט לילאָ־ווע האַרטע אָדערן, איז געלעגן צעטראָטן צווישן די בייטן. שמוציקער געל, שמוציקער אָראַנזש, שמוציקער בראָנז האָט זיך געוואַלגערט אָן קלאַנג אונטער די פֿיס.

אין אַזעלכע טעג הערט מען טרויעריקע ווײַטע שטימען אָן אַנטענעס.

ס'האָט געטראָפֿן אַ שמוציק רעגנדל, בײַס פֿאַלקע איז אַרײַן בעטן דעם טאַטן, ער זאָל אים העלפֿן אַרופֿשטעלן די שטאַרק־סטע אַנטענע אויפֿן מויער. דער פֿעטער איטשע האָט אויף זיך אָנגעטאָן עפּעס אַ צעריסענעם בעגעד, אין וועלכן ס'איז בלויז גוט צו גיין איבער די הײַזער, און מע איז דורכן בוידעם אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן דאַך.

פעטער איטשע איז אפּן מויער געווען מיט צוויי און פער־
ציק יאָר צוריק, און ס'האָט זיך אים איצט אלץ ניט געגלייבט,
אז אָט די הונדערטער מויערן און די רישטעוואניעס צווישן
דעם מאטן מעש פון די הארבסטיקע ביימער איז עס די איי־
גענע שטאָט, וואָס אמאָל. פאלקע האָט אים אָבער ניט געלאָזן
שטיין מיט דער באָרד אין האנט און גאפן איבער דער שטאָט.
ער, פאלקע, האָט נעבעך געשלעפט נאָך זיך א לאנגן דראָנג,
די קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט האמערס, טשוועקעס, וואָס האָבן
אים אראָפּגעשלעפּט די הויזן.

ער איז געווען צעהאָצט.

און איצטער האָט פאלקע דאָרטן אפּן מויער ארומגעיאָגט
דעם טאטן זײַנעם פון איין ברעג דאך צו דעם אנדערן. מע
קאָן אָבער אויך ניט זאָגן, אז פעטער איטשען זאָל ניט גע־
פעלן ווערן די שפּיל. ס'איז אים גראָד געפעלן, ווײַל פעטער
איטשע איז בעטעווע ניט געווען קיין שנײַדער, און, בעעמעס, ווען
קאָן זיך מאכן נאָך אזא געלעגנהײַט — ארומצושפּאצירן איבערן
דאך און ניט דארפן זיך פארענטפערן פאר קיינעם.

ס'האָט געטריפט א שמוציק רעגנדל, בײַם זיי זײַנען גע־
לעגן צונויפגעקוטשעבורעט אפּן נאסן דאך ארום קוימען און
געקלאפּט די לעצטע טשוועקעס אין דער אנטענע.

פאלקע האָט געפרעגט:

— דו האלטסט פון דער סאָוועטן־מאכט, צי ניט?

— ווי דען?

— טאָ פארוואָס שערסטו ניט אָפּ די באָרד? ס'קאפּעט
דאָך פון איר.

— איך'ל דיר זאָגן דעם עמעס, — האָט זיך פעטער איטשע
פארענטפערט — ווען איך נעם אראָפּ די באָרד, וואָלט איך גע־
וואָרן א ביסל ייִנגער, נאָר פאר לײַטן איז ניט שיין.

— קליינבירגער בלײַבט קליינבירגער! — האָט פאלקע א
זאָג געטאָן צום דאך.

— איך'ל דיר זאָגן דעם עמעס, א ביסל שער איך זי אונ־

טער אויכ. אמאָל א כאַפּ דאָ, אמאָל א כאַפּ דאָרטנ: מע קאָנ דאָכ ניט מיטאמאָל!..

נאָכדעם, אז זיי זיינענ אראָפּ פונ דאכ, האָט דאָרטנ גע־סטארטשעט א פלאָקנ אינ הימל, געפאנגענע די זיסע כוואליעס פונ דער וועלט.

איצט, ווענ בא פאלקענ וועלנ זיכ אָנגיסנ די קאָנדענסאַ־טאָרנ מיט עלעקטרע, וועט זיכ א גאָס טאָנ דער געזאנג אינ הויפ, ווי א שלאקסרעגנ פונ אנ אָפּגעריסענער כמארע, אונ מע וועט זיכ טרינקענ אינ געזאנג.

אזוי האָט געטראכט פאלקע.

ס'זיינענ אָבער אוועק היפּשע עטלעכע טעג אונ אינ די טעלעפאָנ־רערלעכ האָבנ יאָמערלעכ געוויינט ווייטע, הייזעריקע ווינטנ. מע האָט געהערט דעמ הארבסטיקנ וועטער אינ די אייראָפּיישע לענדער.

פאר די עטלעכע טעג איז פאלקע אראָפּ פונ פּאָנעמ. ער האָט געהאלטנ אינ איינ ארומלויפנ פונ די שטיבער אינ דרויסנ ארויס; דאָ איז ער אפנ דאכ, אונ דאָ גראָבט ער א גרוב ערגעצ אונטער א פענצטער, כאַפּט די דראָטנ אונ לעקט מיטנ צונג.

די לאגע איז געוואָרנ נאָכ געפערלעכער מיט דעמ, וואָס דער סוינע האָט שוינ גענומענ ארויסרוקנ זיינ כאזערש פּיסל.

פּעטער זישע האָט אנומלטנ באמ עסנ א זאָג געטאָנ, אז דער פאלקע מעג זיכ אפילע שטעלנ אפנ קאָפּ, וועט ער ניט איינפירנ קיינ ראדיאָ, ווייל דערצו מוז מענ נאָכ אלע מייסעס איינשטעלנ א פּאָמפּעדיקל.

— איכ בינ א זייגערמאכער, — האָט ער געזאָגט, — אונ וועגנ אזוינע זאכנ זאָל מענ מיכ ניט לערנענ. דיר דאכט זיכ, אז א זייגער גייט אויכ אליינ. נאָ־ניינ — מע דארפ נאָכ אלע מייסעס איינשטעלנ א פּאָמפּעדיקל.

מער האָט פּעטער זישע ניט גערעדט. זײַנס א וואָרט האָט אָבער שטענדיק איבערגעלאָזן א רושעם, און מע האָט דעמלט גענומען מיט פאלקען שטילערהייט אריינטײַנען וועגן א פּאָמפּעדיקל:

— הענג אוף א פּאָמפּעדיקל, — האָט מען זיך בא אים געבעטן, — זײַ ניט קיין אקשן.

— און וואָס קאָן עס דיר שאטן, סאָפּקאָלסאָפּ, מע דארף אמאָל הערן אַן עלטערן מענטשן אויך.

פאלקע איז געווען אויסער זיך. ער האָט אמאָל א שלײַדער געטאָן דעם האמער אָן דער ערד און גענומען שרײַען:

— ווו זאָל איך אײַך אופהענגען א פּאָמפּעדיקל, אין הימל? דער אלטער לאַטוטניק גייט מיך לערנען, וויאזוי מע דארף אײַנשטעלן א ראַדיאָ. זאָל ער זיך גיין פריער צולערנען א ביסל פיזיק, דער נײַער מאַקאָני!

אָט דאָס האָט שוין פּעטער איטשען ארויסגעבראַכט פון געדולד, האָט ער מיט רעציכע א הייב געטאָן די הויזן און גענומען ריידן צו אים הארבע דיבורים:

— די מינוט זאָלסטו מיר אופהענגען דעם פּאָמפּעדיקל, דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר, אָט די מינוט!

אפּאָנעם שוין לאַנג שטיל געווען אין הויף.

מע קאָן דרייסט זאָגן, אַז ווען ס'טרעפט אַפּ אַן אַנדערן, ניט אַפּ פאלקען, וואָלט יענער זיכער אופגעהאנגען א פּאָמפּעדיקל. פאלקע האָט אָבער קיינעם ניט געפאָלגט, און איצטער זעט מען, אַז ער איז געווען גערעכט אויכעט.

דער ראַדיאָ איז געשטאַנען אַפּ מישקוילעס, ביכלאַל האָט מען שוין גענומען שטארק צווייפלען אין די סאָוועטישע אופטועכצן, ערשט דעמלט, שפּעט באַנאַכט, איז מאָטעלע דער שווארצער אראָפּגעלאָפן אין הויף מיט א געשריי, אַז בא אים אין קעסטעלע האָבן זיך גענומען הערן באַלאַלײַקעס.

דער הויף האָט זיך א ריס געטאָן. מע איז געשפּרונגען פון די פענצטער, און אלע צום פּעטער פּאָליען אין שטוב.

בעעמעס, בא אים, בא דעם שווארצן מאָטעלע אין ראַדיאָ, האָבן געצימבלט באַלאַלײַקעס. דערנאָך האָט דאָרטן אַלץ אופגעהערט און פון ערגעץ ווײַט האָט מען אַרײַנגעזאָגט מיט א מענטשלעכן קאָל:

— האַלאָ! האַלאָ! האַלאָ!

פאַלקע איז אַראָפּגעלאָפן א צעמישטער צו אַלע זײַנע זעקס ראַדיאָס אין הויף. סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער געפּאַקט די זינגענדיקע כוואַליע, עמעס, דערווײַל א פּראָסטלעכע, אָבער ער האָט עטלעכע אַפּאַראַטן אף קאַטאָד־לאָמפּן, וואָס וועלן, האָפנטלעך, פאַנגען אויך פידל־כוואַליעס און אַלע בלאָנדזשענדיקע רעדעס איבער דער וועלט, וואָס זײַנען נאָך ניט אָפּגעניצט געוואָרן.

שפּעטער איז געוואָרן שטיל אין רעבזעהויף, ווי אין אַן אויער. מע איז געזעסן קופּקעסווײַז אַרום די ראַדיאָ־קעסטלעך, מיט א ביסל אַרויסגערוקטע אויגן, ווי בא פייגל, און פאַרכידעשט געהערט א רעדע וועגן די ברויט־פאַרגרייטונגען אין ווססר. די טעלעפאָן־רערלעך זײַנען געגאַנגען פון אויער צו אויער, און איבער אַלע שטיבער איז אַרומגעלאָפן דער פאַרסמײַעטער פאַלקע, געוויזן און אָנגעפירט מיט דער הערערײַ.

דער פעטער יודע איז דאָרטן בא זיך אין שטוב צוגעפאַלן מיט א מין מעשוגאַס צו דעם ראַדיאָ. ער האָט אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך אין שטוב, אַוועקגעזעצט זיך מיט געשלאָסענע אויגן און געהערט. קיינער האָט שוין צו יענעם ראַדיאָ ניט געקענט צוקומען, און אַז צאַלקע האָט דערזען בא אים טרערן אין די אויגן, איז ער אַרויס צום פעטער זישען דערקונדיקן זיך, וואָס דער טאַטע זײַנער הערט דאָרטן.

עס האָט געשפּילט א וויאָלאָנטשעל אין מאָסקווע.

דעמלט האָבן זיך שוין אַלע געפונען באַם פעטער זישען, געקליבן זיך, מיסטאַמע, הערן זײַן מיינונג וועגן דער זאַך.

כײַעלע איז אַראָפּ זיך נאָכפרעגן, צי מעג זי הערן ראַדיאָ און צי דאָס קאָן ניט אַמאָל פאַרשאַטן איר קינד. פאַלקע האָט

זיך אפּ איר אָנגעבייזערט און געטומלענ דערקלערן, לויט דער פיזיק, אז דאָס געזאנג וועט בא איר ניט דערגיין ביז צום בויך, אָבער דאָ האָט די מומע גיטע איבערגעריסן אפּ א רעגע דעם ראבאָנישן שוועיגנס און איר טאקע געייצעט, אז זי מעג מיט דעם ראדיאָ אָפּוואַרטן ביז נאָכן קימפּעט.

פאלקע האָט געזיגט. אפילע פעטער זישע האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. קיינע שום אינצידענטן, ווי דעמלט באם איינפירן די עלעקטרע, זיינען ניט פאָרגעקומען.

אפּ מאָרגן האָט די באָבע באַסיע עפּעס יע באמערקט דעם פלאָקן אפּן דאך, איז זי אוועקגעקראָכן איבער די שטיבער מאכן אן אויספאָרשונג וועגן דעם איניען, און כוישעד געווען האָט זי פאלקען, אז ער האנדלט מיט טויבן... טאָנקע, וואָס האָט שטארק ליב געהאט פארנעמען זיך מיט דער באָבען, האָט זי נאָכדעם אינאָווענט אוועקגעזעצט באם ראדיאָ, אָנגעטאָן אפּ איר אויסגעסאָכנעטן קעפּעלע די רערלעך, אָבער די באָבע האָט, ליידער, גאָרנישט געהערט און גאָרנישט פארשטאנען.

דעם ראדיאָ־אפּאראט האָט זי אָנגענומען פאר א וואנט־זייגער.

●

סענטיאבער כוידעש. דורכזיכטיקע טעג און קילע ווייסע נעכט. עס שמעקט מיט נאסע ליידיקע פעלדער. אין די פענצטער איז גרוי. גראָד אין די קילע, געל־דורכזיכטיקע טעג האָט זיך בא פאלקען אָנגעצונדן די פאנטאזיע. ער פארפולקומט דעם ראדיאָ און הערט שוין איצט קימאט גאנץ אייראָפּע. ער לערנט מאָרזעס אלעפבייז. ער גרייט זיך פאר א קורצ־כוואליעניק.

און אין די קילע זילבערנע נעכט, בייס בלויז עלעקטרישע שיינען שאָרכן איבערן ברוק פון רעבזעהויף, עפענען זיך איילעך די קליינע פאָרטקעס פון די שטיבער, און צעהאָצטע זעלמעניאנער שרייען זיך איבער:

— האלאָ! האלאָ! האלאָ!
— בערלין!
— מאָסקווע!
— ווארשע!
— בוקארעסט!

● ●

געקומענ זײַנענ געסט

א. כאריק

✶

געקומענ זײַנענ געסט פונ שטעטל אונ פונ דאָרפ
אונ אלע זײַנענ נאָענט אונ פארשיידנ,
געקומענ זײַנענ געסט פונ שטעטל אונ פונ דאָרפ:
פויערימ אונ שטעטלדיקע ייִדנ.

איז דאָ געדיכט, צעבושעוועט אונ הייס,
א הארמאָניק שרײַט אונ לידער ווערנ נאָענט.
ס'איז דער פאלאצ גרויס, דער אוילעמ איז דאָ גרויס.
— אונ זאָל מענ גיכ דאָ עפענענ דעמ אָוונט.

— — — — — — — — — — — — — — —

...האָט א שוסטער פונ שטעטל דעמ אוילעמ באַגריסט,
האָט באגריסט אויכ א דאָרפישער פויער.
האָט דער אוילעמ געפאָכט מיט די הענט, מיט די פיס
אונ געהאקט — ביזנ פלאצנ פונ אויער.

איז ארופ אפ די ברעטער א קרעפטיקער יונג
(א באריכט פונ דער ארבעט צומ יאָנטעוו),
רעדט ער אונ שלעפט אזא וואָגיקנ צונג
אונ אינמיטנ באריכט — זיכ פארפלאָנטערט.

שטייט ער אונ שווײַגט... אז ער גיט דאָס א מאכ
אונ א פאָכ מיט דער האנט, מיט דער רעכטער.

האָט זיך א פּלאַץ מיט אוילעם צעלאַכט
— האָ-האָ!
אונ האָ-האָ! —
א געלעכטער!

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָר אז געסט זײַנען פונ שטעטל אונ פונ דאָרף
אונ אלע זײַנען נאָענט אונ פאַרשיידנ,
גיט מענ זיך א שטעל אופ אונ א וואָרפ, —
אונ אלע ברעכנ שוינ א ביינערדיקס א דריידל...

טאַנצט מענ שווער צומ העפקערדיקנ טאַקט, —
א טאַנצ אזא פונ גייענדיקע וועלדער...
אונ נאָענט ליגט א ווייכע יולי-נאַכט
גינענדיק אונ טויִק אפ די פעלדער.

● ●

שמעקט דער שאבעס...

א. כאריק

★

שמעקט דער שאבעס שוין מיט גרויער וואָך,
און די וואָך ווערט רויִקער פון שאבעס.
באוואקסן שוין פון לאנג מיט שטילקייט און מיט מאָך
אלע פרומע וועגן פון רעב אבעס.

נאָר אלטע ייִדעס גייען נאָך אין שול,
אלטע ייִדעס זיינען אלץ נאָך ייִדעס.
ווערן קינדער דול, — ווערן טאטעס דול,
ווילט זיך שוין ניט שמועסן און ניט ריידן.

גייט מען שטיל, געבויגן און פארטיפט,
עס ליגט די שול ביז אלע ווענט פארזונקען.
קומט אָן און ס'יאָגט, און ס'טראָגט פון קאָלעקטיוו
א פולע פור מיט פייערדיקע יונגען.

מיט פעט-פארברענטע ברוינע הענט,
מיט בראָנזענע און אָפּגעברענטע נאקנס:
— גוט-שאבעס! ייִדעס, — ניט דערקענט?..
— כאָטש שעמען זיך האָט איר געדארפט, לייַדאקעס!

און ס'פליט די פור, די גאס ווערט דול,
א הייב די בייטש, א פּאָך, א פייף, פארפלויגן.
גייען ייִדעס שטילערהייט אין שול
מיט שווערע און אראָפּגעלאָזטע אויגן...

● ●

כאסענע

כ. גילדינ

★

אויבנאָנ — זײַנענ געועסנ די מיטגלידער פונ דאָרפּראט, דאָס קאָמיוגישע קעמערל אונ דער קאָלעס טאטע. בא די זײַטיקע טישנ — די איבעריקע פויערימ מיט זייערע ווײַבער.

די הענט פארוואָרפנ איינס די צווייטע אפ די פלייצעס זײַנענ יידישע מיידלעכ אומגעאנגענ מיט אויסגעפוצטע רוסישע יאטנ פונ די נאָענטסטע דערפער, געאמפערט זיכ, געשמועסט, געזונגענ אונ מיט צערייצטער לײַדנשאפט געלאכט.

אינמיטנ באראק, די הענט צעשפרייט, איז דער הויכער נודל געשטאנענ א בעגילופענער. צומ טאקט פונ ניגנ האָט ער זיכ געוויגט אפ די קרומע פיס, ווי אפ צעבייגענע רעסאָרנ, צומ טאקט פונ ניגנ צוגעפליעסקעט מיט די הענט אונ הייזעריק מיטגעזונגענ:

— „יאנקל האָט די פערדלעכ אויסגעפוצט ווי מאלקעס
אונ ער שפאנט מיט סימכע,
שפאנט נאָכ די אָראלקעס.
איצט איז ער שוינ פאָטער פונ די פינאָטדיעלנ,
ועט ער ניט איבערטרעטנ
איבער זייערע שוועלנ".

●

דעמ אוילעמ האָט זיכ שוינ לאנג געוואָלט דורכשווענקענ די גאָרגלענ, אָבער מע איז נאָכ אלצ געזעסנ אונ געפּלאפּלט, געפּלאפּלט אונ געווארט, ביז כאָסנ-קאלע וועלנ לייזערנ, דעמ כאָסנס פאָטער, אײַנבעטנ, ער זאָל קומענ אפ דער סימכע.

אונ לייזער, א געהויקערטער, איז גאָר געזעסנ איבער א

כאָמעט, געשטאָכן אין אים מיט א גרויסער שווייקע, אין מויל געהאַלטן א רימענדל און פאריכט דעם כאָמעט.

נעבן אים איז כאצקל געשטאנען און געטאָרעט אים פארן אקסל:

— טאטע, לייג מיר ניט קיין שטיינער אפן הארצן, קום, בעט איך דיך. הערסט, א לעצט מאָל בעט איך דיך. קום!

— אז איך בין דיר מויכל, רופ מיך ניט טאטע, און טו מיר ניט אָן קיין ביזיוינעס. איך וועל ניט גיין! און אויס מיט אן עק!

פון קאס האָט כאצקל א שלײַדער געטאָן מיטן פוס א טא-בורעטקע און געלאָזט זיך פון שטוב:

— געדענק-זשע, זאָלסט קיין כאראָטע ניט האָבן! קום, מארינע.

די קאַלע איז אָבער געבליבן שטיין נעבן מיר, אַלץ גע-קוקט אפ לייזערן מיט גרויסע פארוויינטע אויגן און נאָר שטיל געפליסטערט:

— טאטע, טאטע.

ווי נאָר זי פלעגט אויסריידן דאָס וואָרט טאטע, פלעגט זיך לייזער אומרויִק א רוק טאָן אפן בענקל און מיטן צעוויטעקטן בליק עפּעס אָנהייבן זוכן אין שטוב, גלײַך דאָס וואָרט שטעכט אים, און מיט א מאָדנעם קלעמענדיקן ווייטעק קײַקלט זיך עס אראָפּ צום הארצן:

— וואָס ווילן זיי פון מײַנע אַלטע יאָרן? וואָס! — האָט ער בייז א פרעג געטאָן בא דער קאַלע — טשי יא קאָמוניסט, טשי יא כרעשטשאָני מעשומעד?

מיט אויסגעשטערעקטע בעטנדיקע הענט איז זי, מארינע, ווי א פארגאפטע צוגעגאנגען צו לייזערן און אים אָנגעהויבן גלעטן:

— טאטאָ, כאָדים, יאזש טעפּער דאָטשקא.

פון אונטער אירע גלעטנדיקע הענט האָט זיך לייזער א ריס געטאָן מיט אזא צעוויטעקט פּאָנעם, גלײַך איר שטים, אירע גלעטנדיקע הענט האָבן ווי מיט צוואנגען פארוואָרגן זײַן גאָרגל,

צונויפגעקלעמט זײַן הארץ, און אויב ער רײַסט עס ניט ארויס, וועט ער כאלעשן אָט דאָ בא איר אונטער די הענט.

— ני, נע פידו!

פון הינטער דער טיר איז צו אים דערשוווּמען איר כליפּענדיק געוויין, א טיף געוויין פון א באליידיקט הארץ. און דאָס געוויין, דאָס קאָל, אירע שיינע גרויסע אויגן האָבן פּלוצעם צערודערט זײַן זיקאָרן און דערמאָנט, אז זי, די טאָכטער זײַנע סאָרקע, האָט אויך געהאט פּונקט אזוינע קארע אויגן מיט בלויע ווײַסלעך און פּונקט מיט אזא גלעטנדיקער שטים פלעגט זי אויך ארויסרעדן דאָס וואָרט „טאטע”.

א ווײל קינד געווען, גאָר א ווײל קינד, האָט זי אָבער דאָס גוטע יאָר אוועקגעטראָגן אין דער רויטער אַרמיי און ערגעץ איז זי אומגעקומען. די טאָכטער איז געשטאָרבן אפן פראָנט, די אלטע מיט די איבעריקע קינדער איז אומגעקומען פון באנדיטן, און געבליבן איז ער אפ דער עלטער נאָר מיט אים, מיט כאצקלען. געכאָוועט א קאדעש, איז נא דיר גאָר א כאסענע מיט א שיקסע...

א געהויקערטער איז ער א לאנגע צײַט געשטאנען נעבן פענצטער, געקוקט ווי די קאלע שפּאנט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און זײַן אלט פּאָנעם איז אזוי צעקנייטשט געוואָרן, גלײַך עס ווילט זיך אים וויינען, נאָר ער קאָן ניט.

ערשט שפּעטער, אז אין דער בלויער לעוואָניקער שטילקײַט איז צו אים דערשווּמען א פריילעך געזאנג, איז ער א מידער, א צעבראָכענער פּאָרט אוועק אפ דער סימכע.

— א, רעב לייזער, מאזלטאָוו!

— אײַ, א מאזל — האָט ער טרויעריק אָפּגעזיפצט — אפ אלע מײַנע סאָנים אזא מאזל.

דערזען דעם גאסט, איז נודל ארופגעשפּרונגען אפ א בענקל און א דיריזשיר געטאָן מיט די צעשפּרייטע הענט:

— לעקאָוועד דעם שיינעם פײַנעם גאסט א וויוואט פון זײַן ליבן נאָמען!

נאָר אָנשטאָט א וויוואט האָט מוישקע א ריפּע געטאָן דעם אינטערנאציאָנאַל, און דער גאנצער אוילעם איז אופגעשטאנען פון די ערטער:

— אהער, אהער צו כאָסן-קאלע.

פאר פרייד איז די כאָסן-קאלע צוגעפאלן צום געשוירן מיידל און אָנגעהויבן זי קושן אָן אן אופהער.

אופגעקלונגען האָבן גלעזער, קעלישקעס און א הילכיקער לעכאיִם.

— וואָס הייסט לעכאיען? — האָט א פרעג געטאָן דער קא־לעס טאטע, מיקאָלא טשומאטשענקאָ. — אהא, פארשטאנען, לע־כא־יען מעכוטן, לעכאיען!

לייזער האָט קוים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, גענומען דאָס גלעזל פארן פּיסל און אזוי מיטן גלעזל אין דער האנט גע־בליבן זיצן: הא, א שיינער מעכוטן! דערלעבט! אָבער ווען די אלטע קומט ניט אום, וואָלט דאָך כאצקל געגאנגען אין אנדערע וועגן.

אנטקעגן אים זיצנען, דאכט זיך, געזעסן מענטשן, געוואונטשן אים נאכעס, הילכיק געבעדט, געלאכט, געזונגען, און לייזער זעט ניט קיינעם אויסער דער קאלע, און זען זעט ער זי ניט מיטן אויג, נאָר מיטן צעווייטעקטן הארצ:

— פּונקט אזוינע אויגן בא סאָרקען...

— וואָס זאָגט איר, רעב לייזער?

עפּעס האָט ער זיך אופגעכאפּט פון שלאָף און מיט צע־טומלטע אויגן אָנגעהויבן צו פּינטלען:

— הא, וואָס, איך זאָג דען עפּעס? ניין, גלאט אזוי, מיר, א טאָג א יאָר, און די סימכע וועט מיסטאָמע פארציִען זיך ביז שפּעט.

— נו, איז וואָס? — מאָרגן איז דאָך שאבעס, וועט מען שפּעטער שלאָפן.

איבער די קנייטשן פון זיין צעפּייניקט פּאָנעם איז צעשוווּ־מען א שמייכעלע א ביטערס און א שטעכיקס:

— שאבעס, זאָגט איר? בא אונדז, דאנקענ גאָט, איז שאבעס דעמלט, ווענ סע גייט א רעגנ, אונ אז מע קאָנ ניט ארבעטנ אינ סטעפּ, דעמלט איז בא אונדז שאבעס.

זײַנע אלטע אויסגעוועלקטע אויגנ זײַנענ געוואָרנ פײַכט אונ טרויעריק צעפּינקלט, גלײַכ עס גליט אינ זיי א שטומער ווײ פארנ פארהאָרעוועטנ שאבעס, פארנ זונס כאסענע אונ פאר זײַנ גאנצ פינצטער לעבנ.

מיט א גלאָז ביר אינ האנט איז נודל צוגעגאנגענ צו דער קאלעס טאטנ אונ פאָרגעלייגט אויסטרינקענ אפ „פּוליטארסקע ברודערשאפט".

— לעכאיענ, לעכאיענ אלע כאווירימ, נאָר פריִער א וואָרט!

— שא, שטיל! א וואָרט באקומט א פאָרשטייער פונעמ דאָרפ טשומאקי, דער כאווער מיקאָלא טשומאטשענקאָ.

— לעכא־יענ, ליבע מענטשנ, אונ זאָגנ וויל איכ, אז מיר האָבנ דערלעבט א צײַט, וואָס האָט זיכ ניט געכאָלעמט אפילע אונדזערע זיידעס — לעמאָשל, אזעוו.

— אָזעט, אָזעט — האָבנ אימ עטלעכע שטימענ פאריכט, — אָזעט.

— נו, יאָ, טאקע אזעוו, א קלוגע זאכ דער אָזעוו, נעמט א יידנ אונ מאכט אימ פאר א פויער, אונ זאָגנ מוז איכ אײַכ, טאקע פאר א גוטנ פויער. צי, לעמאָשל, הײַנטיקע כאסענע? — ניט קיינ גאלעכ, ניט קיינ ראָוו, אונ דאפקע פריילעכ. פרעג איכ אײַכ, לעמאָשל, שלוימע האנעלעכ, געווענ א כאָכעמ? הא! ניטאָ וואָס צו רעדנ, געווענ א גרויסער קאָפּ, אונ צו אזא סימכע ניט דערלעבט, אונ פארוואָס ניט דערלעבט? — ניט דערלעבט, כאווירימ, ווײַל ער איז געווענ א בורזשוי, אונ מיר האָרע־פּאשניקעס — מיר האָבנ דערלעבט, איז לעכאיענ מעכוטנ, לע־כאיענ אלע ברידערלעכע כא־ווי־רימ, צוזאמענ מיט כאָסנ-קאלע!

זײַנע ווערטער זײַנענ פארהילכט געוואָרנ אינ פריילעכנ גע־לעכטער, אינ געקלאנג פונ גלעזער אונ אינ דעמ מאָטיוו פונ א שער.

דער אוילעם איז ארויסגעקראָכן פון די טישן, רעכטס א ריי, לינקס א ריי, און אינמיטן — נודל מיט דער „מאמאשע“:

— מוישקע, דערלאנג נאָר א שער פון זײַן ליבן נאָמען! — און נודל האָט אָנגעהויבן זינגען די נײַע שער:

— איך בין דער פראָלעטאריער פון דער נײַער וועלט...

שווערע אָנגעהאָרעוועטע פיס האָבן שיקערלעך אוועקגעשמאָרעט, געפלאָנטערט די רייען, געפלאָנטערט די פּאַ און לעסאָפּ צעדרייט די שער.

ניט פאר זיי איז דער באשיידענער טאנץ. פון דער געוונטער שווערער מי, פון דער זוניקער לופט האָבן זיך די גלידער זייערע אָנגעגאָסן מיט פרישע קויכעס, און גארן גארן זיי א טאנץ, עס זאָל ברענען אונטער די פיס.

— בייגעלעך! — האָט נודל א קאָמאנדעווע געטאָן — בייגעלעך!

א מונטערער, א פריילעכער ניגן איז צעשווומען איבערן באראק, צעצויגן א גרויסע ראָד, ארײַנגעשלעפּט כאָסן-קאלע און לייזערן.

אינמיטן ראָד — די הענט געפלאָכטן אף די אקסלען—נודל מיט דער קאלעס טאטן.ביידע טראָגן זיי זיך באטרונקענע, קלאפּן צו מיט די פיס און דרייען מעשונעדיקע קרענדעלעס.

פּענעמער געוואָרן רויט, שטימען אָנגעקוואָלענע מיט קליינגענדיקער פרייד, און דער העפּענדיקער קאראהאָד ווערט לענגער, פיס בארירן קוים די ערד, צענדלדיקער אויגן ניט זיי פינקלען, נאָר זיי בליצן, און דער הענגענדיקער לאָמפּ ער פּינטלט, פּינטלט, גלײַך ער איז אזוי איבעראשט פון דער טאנצנדיקער פרייד, אז ער קאָן גאָרניט כאפּן דעם היציקן אָטעם.

אין רעכטן ברעג האָט זיך לייזער ארויסגעשמוגלט פונעם קאראהאָד; ארויס אפן גאס און זיך צוגעשפּארט צום וואָגן, ווו ס'איז געלעגן דעם זונס נאדן.

דעם קאראהאָד איז פּלוצלינג ענג געוואָרן, און א צעקייטלטער און א צעזונגענער האָט ער אויך ארויסגעכוואַליעט פון באראק.

דאָ, אין בלויער לעוואָנע־שײַן איז ער געוואָרן לענגער, ברייטער. אפ צוריקוועגס איבערגעכאפּט לייזערן מיטן בינטל שטרוי און אײַנגעפלאָכטן אים אין טאנצ.

דאָ, אין ווייכער נאכטישער קיל, זײַנען די שטימען געוואָרן קלינגענדיקער, און די שווערע אָנגעהאָרעוועטע פיס האָבן אזוי לאנג געהעפּעט, ביז די לעוואָנע האָט זיך אראָפּגעקײַקלט פון הימל און באם זוים פון האָריזאָנט איז זי געבליבן זיצן ווי א פארשלאָפענע זילבערנע קוואָטשקע.

• •

ניט געדײַגעט

פ. מארקיש

★

1

מ'האָט געוואַרט, געוואַרט אַזױפֿיל,
און די ערד מיט הענט געקרישעט, —
נאָר געקומען נאָר צו לױפֿן
איז אַ טראַקטער אַפֿן יִישעוו.

מיט אַ היץ און מיט אַ פֿאַרע,
מיט אַ הילך דאָרט און מיט נאָך וואָס?
ס'קרױזלט רױך זיך — אַ פֿאַפֿאַכע,
און די קינדער קװיטשען באָרװעס:

— עפּעס נעגל אַף די רעדער,
און אַ גאָרגל, טאַטע, האָט ער;
ציט זיך מענדל, װיל אַ רעד טון:
— װאַש װיסאָקאָבלאַגאָראָדי!

פֿערציק קינדער, צװאַנציק װײַבער
האָבן אים מיט נעז באַטראַכט שװײַן:
— אױ, אױ, אױ, איז דאָס אַ טרײַבער,
— אױ, װעט ער דאָס טאַראַטאַכטשען!

פֿערציק בערד און פֿערציק ייִדן
מיט די הענט און בערדלעך קאָזע:

— א יונגאטש ס׳איז, ייִדן, היט אײַך,
מ׳דארף צו אים א ברײַנדל קאָזעק!

שרײַען אלע און מע טאפּט אים:
— טרײַבן זאָל אים סאָרצי דײַקע;
און אז סאָרצי טרײַבט דעם טראקטער,
איז דאָך גאָר שוין ניט געדײַגעט!

פולע פורן — אָנגעפּאקטע,
ס׳וועט קיין וועג, דאכט זיך, ניט קלעקן;
איז שוין דאָ אין פעלד א טראקטער,
און די ערד ער שנײַדט ווי לעקעך.

דעם בוריאַן, ווי צוקער, קײַט ער,
און דאָס פעלד איז מיט א קרײַקע;
— ייִדן, הא? וואָס זאָגט איר ווײַטער?
— גיי שוין, מענדל, — ניט געדײַגעט!

שטייט דער אָקס און קוקט פארכידעשט,
אויגן שטילע — אויסטאראקעט;
מענדל מיטן גאנצן ייִשעוו
שלעפּט צום אָקס דעם נײַעם טראקטער.

צוגעשלעפּט אים צו די הערנער
און א ווענד זיך צו דעם זאָקן:
— נו, דו כאָכעם מײַנער, הער נאָר,
וואָסטו עפּעס איצטער זאָגן?

אי אָן הערנער, אָן א וויידל
און א קענער — קיין אײַנאָרע!
קוקן זיי זיך שטיל אָן ביידע:
— וועמעס טעג און וועמעס יאָרן...

ס'האָט דער אָקס זיך צוגעגענטערט
און א שמעק פון דאָ, פונדאנען....
און א זאָג געטאָן האָט מענדל:
— נו, דו אָקסנקאָפּ, — פארשטא־א־נען?

רײַסט זיך טראַקטער ערד צעקעמען,
ס'זעצט פון אים א הייסער קויעך;
אויסיִעס בליִענדיקע ברענען
אף זײַן שטאָלן־שטאלטנעם בויך.

און דער אָקס — פארקוקט, פארטרויערט,
הערנער בייגן זיך צו דר'ערד;
ס'פרווט א פּאָכע טאָן דער אויער
און דער ווײדל — הין און הער.

נ'מענדל נעמט דעם אָקס באם נאקן,
גלעט אים, צערטלט אים און שטיפט:
— קוקסט? — די אויגן — אויססטאראקעט,
— ווייסט, וואָס הייסט א קאָ־אָ־לעקטיוו?

— וואָס ליגט דאָרטן אין די קעפּ אײַך? —
— מענדל, — שרײַט דאָס ווײַב אים, — קום!
ס'רײַסט דאָס הארץ! א כײַע, נעבעך,
בעסער גיי מעלק אויס די קו! —

פול דער ייִשעוו מיט גאזעטן,
און א קלוב, א באלאלײַקע, —
ארבעט מען דעם טאָג צו זעט אָן,
און די נאכט איז — ניט געדײַגעט!

אלע נ'יינעם — וואקסן לידער,
ס'א מעכײַע זיי צו הערן;

און ווי קאָרן, ווי צעבליטער,
בליִען יונגע פּיִאָנערן...

II

ליב האָב איך צו קוקן, ווי דו טראָגסט זיך אַפּ אַ פערד!

האָסט אָנגעשריבן? סאָרצי! איז נאָכאַמאָל, פאַרצײַ!
לייען איבער נאָכאַמאָל! ס'איז פאַראַן נאָך צײַט!

און אַצינדער — שנעלער! שנעל און ניט געשטערט,
זעץ זיך, סאָרצי, שנעלער, שנעלער אַפן פערד!

און די ווײַטקײַט טוקט זיך, און די ווײַטקײַט הערט:
— ליב האָב איך צו קוקן, ווי דו טראָגסט זיך אַפּ אַ פערד!

און עס פרעגט אים סאָרצי: — ליבסטער מײַנער, הער!
האָסטו ניט געזען דען, ווי איך זעץ זיך אַפּ אַ פערד? —

און עס שמייכלט סאָרצי: — ליבסטער, קום אַהער!
האָסטו ניט געזען דען, ווי איך טראָג זיך אַפּ אַ פערד? —

— זוניקע, מײַן זוניקע! סאָרצי, כ'האָב געזען, —
גיט זי ראָנדעל, ליִפּנדיק, אַ כאַפּ אַפּ זײַנע הענט:

— און זען איך וויל עס שטענדיק! און אַצינד פאַרטרוי:
זאָג, ווו האָסט זיך אויסגעלערנט רײַטן אָט אַזוי?

האָסט אַזוינע שטאַרקע, אײַזנדיקע הענט,
ס'האָבן מײַנע זיידעס רײַטן נאָך געקענט!

ס'זײַנען הענט דײַנע מיט אנקערס אויסגעשטעמפּלט,
נ'מײַנע זיידעס ליגן אלע דאָ אין סטעפּ..

זוניקע, מײַן זוניקע! אנקערס אפן מײַן לײַב!
אויסגעברענט מיט פײַער, אויסגעברענט מיט בלײַ!

דרײַצן יאָר געגנעכטיקט, דרײַצן יאָר געטאָגט,
פריי'ר אין גיסערײַ און נאָכדעם אפן דאָק!

ווײַט אין ניקאָלײַעוו, אפן ברעג פון בוג,
דאָרט, אפן זאוואָד! נאָר, סאָרצעניו, גענוג!

און נאכער, מײַן זוניקע, — קלײאַשנדיקע טראָט,
און נאכער א פאנצערשיף, און נאכער דער פלאָט!

— ווו איז זי, מײַן זוניקע? ווו איז די שטאָט?
ס'בענקט זיך נאָך געשריי פון אײַזן און פון שטאָל!

הענט זײַנען אין פיבער, הענט זײַנען אין ווונד,
און דאָס בלוט איז הייסער פון צעשמאָלצענעם טשוהון!

דער זאוואָד ז'פון קינדווײַז אָן געווען מײַן אם,
און ליב האָב איך דעם ווידערשטאנד פון שטאָל אונטערן האמער,

ס'ווערט פון אים דאָס לײַב פארהארטעוועט און פעסט.
— גיב א קוק, מײַן זוניקע, גיב א קוק! דו זעסט?

און אזוינע אלע! הייסע פארטיזאנער,
— ליב כ'האָב באָלשעוויקעס, ווײַל אזוינע זײַנען זיי,

דעמלט, ווען מע ברענט זיי, דעמלט, ווען מע רײַסט זיי,
איז פון שטאָל דער ווידערשטאנד! און ס'געשריי פון אײַזן!

און אצינדער—שנעלער! שנעל און ניט געשטערט,
זעצ זיך, סאָרצי, שנעלער, שנעלער אפּנ פערד! —

און די ווײַטקײַט טוקט זיך, און די ווײַטקײַט הערט:
— ליב האָב איך צו קוקנ, ווי דו טראָגסט זיך אפּנ פערד!

און ס'באגלייט זי ראָנדעל, און ער שרײַט איר—זע:
— דעפּעש דעמ מאָסקווער און דעמ כארקאָווער קאָמזעט!

סאָרצי,—ווי א ווינט! אהינצו און צוריק!
אז פונ דיר, מײַנ זוניקע, שמעקט מיט באָלשעוויק!

רײַט-זשע, סאָרצי, רײַט! און ריר ניט אָנ די ערד,
רײַט, ווי באָלשעוויקעס רײַטנ אפּ די פערד!

III

האָט מענ די פערד אינ די וואָגנס געשפּאנט:
— ברויט פאר די ארבעטער, ברויט פארנ לאנד!

וואָגנס פארפּוצטע אינ דראפּ און אינ רויט,
זײַנענ געגאנגענ די וואָגנס מיט ברויט!

וואָגנס, ווי סטערטעס מיט פלאטער, מיט פאָנ,
זונ אינ דער הייך, ווי א רויטער באלאָנ!

ס'האָט „ניט געדײַגעט" א שליאכ אינ דער ברייט,
אפּ פאָרנ, אפּ גייג — אפּ געזונטינקערהייט!

טרעט „ניט געדײַגעט" א וועג בא זיך אויס,
וואָגנס נאָכ וואָגנס — ארײַנ און ארויס!

ציט איבער וועג זיך א לאנגינקער צוג:
— שיק „ניט געדיי̆געט״ ארויס דיי̆ן קאַמיוג!

— שיק דיי̆נע יונגע די יונגע ארויס,
דער וועג איז דאָ יונג און דער וועג איז דאָ גרויס!

— שיק דיי̆נע יונגען — די ברויזיקע קעפּ
מיט לידער פון ארבעט, מיט לידער פון סטעפּ!

מיידן און יונגען — ס'איז אַלץ ניט גענוג,
— שיק „ניט געדיי̆געט״ ארויס דיי̆ן קאַמיוג!

האָט מען די לידער אין וואָגנס געשפּאנט:
— ברויט פאַר די ארבעטער, ברויט פארן לאנד!

● ●

מ ײַ ז

ע. גאָרדאָן

★

א גאנצ ווינטער איז בא דאָווידנ געלעגנ א קופּקעלע ווייצ און זיך געווארעמט אונטערנ שטרויענעמ דאך.

ריינע ווייצ איז דאָס געוועןנ — געפּוכטלטע און געטריקנטע.

ווייצ, ווי פּערל אויסגעקליבענע, איינס און איינס, כאָטש צי זיי אפ א שנירעלע.

א גאנצנ ווינטער האָט דאָוויד געקוקט אפנ קופּקעלע ווייצ מיט זײַנע אויגנ, וואָס טראָגנ אינ זיך שטענדיק זאָרג פאר ווארעמע און זוניקע טעג און פאר רעגנ פאר פעלד, קעדיי, די טוווע זאָל קאָנען וואקסנ. דאָוויד האָט זיי אויסגעקליבנ אָט די ווייצ, פונ זײַנ גאנצער גערעטעניש, וואָס איז באשטאנען פונ פּופּציק פּוד ווייצ.

ווענ די צוויי זעק ווייצ זײַנען שוינ אָנגעקומענ, איז דאָוויד צוגעגאנגענ און גענומענ שארנ מיט זײַנע הארטע פינגער איבער דער קופּקע און אָפּגעקליבנ נאָך א פּאָר הויפנס:

— אנ. אווײַרע מאמעש אופעסנ אזוינע ווייצ... זאָל מענ בעסער ניט דערעסנ, אבי ס'זאָל מער אפ זריע זײַנ... אָט אזוינע הויפנס קאָנענ געבנ, אז ס'זאָל נאָר געראָטנ זײַנ, גאנצע צוויי זעק... צוויי זעק ווייצ!..

יענע ווייצ האָט מענ פארנ ווינטער אופגעגעסנ, נאָך פּריער מיט א כוידעש, ווי דאָוויד האָט אויסגערעכנט, און ערשט, ווענ ער האָט מיטנ בעזעמ צונויפגעקערט די לעצטע ווייצ פונעמ בוידעמ, האָט ער זיך געכאפּט:

— ריינ ווייצנ־ברויט טאָר מענ ניט עסנ... ס'שלינגט זיך צו

גרינג... געדארפט א ביסל גערשטן צומישן, גערשטן לאָזט זיך ניט אזוי שלינגען. וואָלט עס כאָטש ביז פּרילינג געקלעקט.

א גאנצן כוידעש האָט שוין דאָוויד ניט געהאט קיין ברויט און האָט בלויז גערשטענע און קוקורוזענע פּלעצלעך געגעסן, און דאָס ווײַב זײַנס כיענע האָט אלץ געשריִען:

— אפ וואָס וועסטו אויסהאלטן אָט די ווייץ? ! צעמאָל כאָטש צען פונט אפ לאָקשן — ביז דו וועסט פארזייען, וועסטו דאָך די פיס אויסציִען...

דאָוויד האָט אָבער געשוויגן און מיט די אויגן געקוקט ארופצו, אפן בוידעם, ווי ס'קוקט א פרומער ייִד אפן הימל, בײַס ער וויל עפּעס הילף.

— נישקאָשע, כיענע, מע וועט זיך דורכמוטשען — דערפאר וועט אָט דאָס ווייץ געראָטן, ס'מוז געראָטן, ס'איז פון דעם ווייץ, וואָס געראָט.

דאָוויד האָט אין איינער א נאכט דערשפּירט, ווי עפּעס קערט זיך אפן בוידעם, ווי שיידים וואָלטן דאָרטן ארומגע־טאנצט, אז ס'שיט זיך אזש פון דער סטעליע.

ער האָט זיך אופגעכאפּט און דערפילט אָן א שיר מײַזישע טריט, וואָס לויפן איבערן בוידעם. אים האָט אָנגעהויבן ווײַ טאָן, פונקט ווי די מײַזישע טריט וואָלטן קראצן ניט דעם בוידעם, ניט עסן דאָס ווייץ, נאָר זײַן לײַב.

ער האָט געכאפּט א שטעקן און גענומען קלאפּן אין דער סטעליע.

— עך, איר פארשאָלטענע מײַז, — האָט ער זיך צעשריִען און אלץ שטארקער גענומען קלאפּן. — א פּעגירע אפ אײַך זע, ווי מע קריכט עס... א גאנצער טאבון מײַז. — קיצ, קיצ קיצ, קיצעניו, ווו ביסטו, גיי שטיק זיי דאָרט אויס אָקאָרשט

אלע אין שטוב האָבן זיך אופגעכאפּט און גענומען קלאפּן אין טיש, אין דער סטעליע און שרעקן די מײַז.

א גאנצע נאכט איז דאן דאָוויד ניט געשלאָפן. ווי ער פלעגט צומאכן אן אויג, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז זיי לויפן

ווײַטער, אָט די מײַז, אונ באפאלנ ווײַטער דאָס ווייצ. ער האָט דורכ טיר-לעכער אפּנ בוידעמ א קאצ ארופגעוואָרפנ אונ האָט וואכזאמ זיכ צוגעהערט, ווי זי לויפט ארומ אונ ווי זי יאָגט זיי, די מײַז.

— אָט אזוי, אזוי, — האָט ער מיט האנאָע גערעדט צו זיכ אליינ, — אזוי, שטיק זיי אויס ביז איינער, זאָלנ זיי וויסנ, ווי דאָס ווייצ צו שעדיקנ, פארשאָלטענע אזוינע!

באטאָג פלעגט דאָוויד זיצנ אונ קוקנ אינ איינשויביקנ פענצ-טער אהינ, אפּנ בארג, וואָס האָט געקוקט אפ דער קאָלאָניע.

אונ די קאָלאָניע איז געלעגנ צופוסנס דעמ בארג אונ אלע-מאָל, דאכט, געציילט צײַט-יאָרנ אונ טאָג-צײַטנ:

ווענ מע קאָנ אקערנ אונ ווענ מע קאָנ שנײַדנ, ווענ ס'גייט אופּ די זונ אונ ווענ זי פארגייט הינטערנ בארג.

דאָוויד האָט איצט געזענ, ווי דער שניי קריכט שוינ אראָפּ פונעמ בארג אונ די ערד אפּנ בארג איז איצט א ראבע, ווי זײַנ איינ-אונ-איינציק פערדל. ער האָט שוינ געבענקט נאָכנ עמעסנ פרילינג, די ערד זאָל ווערנ שווארצ אונ זאָל זיכ דאמפּנ קעגנ דער זונ א צעהיצטע, א פולע מיט יעיצערהאָרע באַ-פרוכפּערט צו ווערנ.

דאָוויד האָט זיצנדיק באמ פענצטער גערעכנט, וויפל וועט ער קאָנענ אויסזייענ מיט זײַנ ווייצ. ער האָט טיפ געפילט, ווי אונטער דעמ גאָלדענעמ הײַטעלע פונעמ ווייצ ליגט אזא ווײַסער סאָד, ווי איינמאָליקע געבײַטלטע מעל, אונ דער סאָד קאָנ נאָר ארויסגיינ פונ דער טיפ פונ דער ערד קעגנ דער ליכטיקער זונ... גרינע פאסיקלעכ וועלנ אופגיינ אזוינע אָנדער-האלבנ דעסיאטינ אונ וועלנ ארויכוואקסנ הויכע, ביזנ גארטל, מיט גרויסע אָנגעגאָסענע זאנגענ, אונ דאָס וועט הייסנ ווייצ.

דאָוויד האָט אָנגעהויבנ ארויסגיינ אינ דרויסנ זיכ צוהערנ, ווי די הענער קלאפּנ מיט די פליגלענ, ווי זיי וואָלטנ וועלנ דעמ גאנצנ ווינטער-דרימל אויסטרייסלענ, אונ קרייענ מיט גע-זאנג אונ מיט לוסט קעגנ דעמ פרילינג.

די מיסט־בערגלעך האָבן זיך געפּאַרעט קעגן דער זון און אָנגעהויכט היץ אין דרויסן.

— זאָל נאָר א טריקן געבן, וועט מען שוין קאָנען זייִ־ען, — האָט דאָוויד געטראַכט.

דאָס קלינגען פון די אַקערס, וואָס מע האָט ארויסגעפירט פון די קלוניעס, און דאָס קרייען פון די הענער האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ס׳איז שוין פרילינג, עמעסער פרילינג. דאַן האָט דאָוויד פארזשמורעט א ביסל די אויגן, א קוק געגעבן אפן הימל און א זאָג געטאָן:

— אָווא, ס׳באַקט שוין טאַקע די זון אפ אַן עמעסן, זאָל זיך די ערד א ביסל אויסוואַרעמען, וועט מען שוין קאָ־נען זייִען.

הערש אוורוטין, דער גאַבע, איז א גאַנצן טאָג ארומגע־גאַנגען איבער דער גאַס און האָט אַלעמען געמינטערט:

— לעמאַנאַשעם, ניט פארגעסט קומען אפן מיניען, דער רעבע איז דאָ און וויל זאָגן א פּאָר ווערטער.

— דער מיניען, — האָט ער אַלעמען געזאָגט, — וועט זײַן בא מיר אַליין טאַקע, בא מיר אין שטוב.

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אַז די שול האָבן „זיי" דאָך צוגענומען און מאַכן פון איר טיל־טעל און אַז „א גוטער דונער האָט זיי געמעגט דערפאַר טרעפן", נאָר ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט און איז דעריבער געלאָפן פארסאָפּעט ווײַטער.

— אפ א מיניען, ייִדן, אפ א מיניען!

שפּעטער א ווײַלע האָט זיך דער ראָוו באוויזן אין גאַס.

ער איז געגאַנגען אין א שוואַרצער קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך געשלעפּט אין דער בלאָטע, פון דער אָפּגעקראָכענער שליאַפּע זײַנען בא אים ארויסגעקראָכן א פּאָר פייעסלעך, פארדרייטע, ווי די פעדערן בא א קוטשער אפן עק. זײַן גערדיכט באוואָק־סענע באָרד האָט באַדעקט דאָס גאַנצע פּאָנעם. די אויגן זײַנע זײַנען איצט נעבעכדיקע און פול מיט ניט דרייסטן מוסער און מיט מאָנונג פאר זיך און פאר גאָט.

דער ראָוו איז דאָ קימאַט געווען אַ הײמלאָזער איבער דער קאָלאָניע, ווי ער דרייט זיך אַרום אַ ניט־היגער, וואָס קיינער קער זיך מיט אים ניט אָן און קיינעם קען ער ניט.

אים איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען, וואָס הײַנט איז שאַבעס און וואָס אַרום אין דער קאָלאָניע קאָכט און ווימלט ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג באַ פויערשן ערעוו פרילינג. דער שאַבעס איז שוין פאַר אים געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אומקערן, אַזאַ פאַרפאַלענע זאַך, מיט וועלכער ער האָט שוין שאָלעם געמאַכט, און דערפאַר טוט עס אים ניט באַנג.

דער איקער איז פאַר אים געווען פייסעך — צי די קאָלאָ־ניסטן באַקן מאַצע.

ער האָט באַ יעדער שטוב זיך אָפּגעשטעלט, אַ שמעק גע־געבן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט וועלן אין דער לופט דער־שפּירן אַ רייעך פון פרישער, אַ ביסל פאַרברוינטער מאַצע, נאָר די לופט האָט געשמעקט מיט ערד־פרישקייט, וואָס בענקט שוין נאָך זייען.

הערש אוורוטין איז דערווײַל אומגעלאָפן אַפן צווייטן עק קאָלאָניע און האָט זיך געבעטן באַ יעדערן:

— ס'איז דאָך אַ כאַרפּע און אַ שאַנדע, אין אַזאַ קאָלאָ־ניע זאָל מען קיין מיניען ניט קענען צונויפקלײַבן... ייִדן, דער רעבע איז דאָך געקומען!

די לעצטע ייִדיע, אַז „דער רעבע איז געקומען", מיט וואָס הערש אוורוטין האָט געוואָלט אַלעמען איבערשרעקן, האָט אָבער קיינעם ניט געקימערט, און אים האָט אַלץ געפעלט צוויי מענטשן צו אַ מיניען.

— וואָס אַרט אײַך, אַז אירט כאַפּן אַ דאַוון, — האָט ער זיך געבעטן. — שאַטן וועט עס אײַך ניט אַוואַדע...

דאָוויד איז אַליין געגאַנגען צום מיניען. זײַן שטענדיקע זאָרג, וואָס ער טראָגט אין די אויגן — נאָך וואַרעמע און זוניקע טעג און נאָך רעגן פאַרן פעלד, — האָט אים אַמאָל אונטערגע־

זאָגט, אז עפשער איז פּאָרט דאָ א גאָט אין הימל, וואָס גיט רעגן און גוטע גערעטעניש.

ער איז שטיל געגאנגען צום מיניען, געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע מיט זײַנע שווארצע שטיוול, און די פּיס זײַנען פּויל געגאנגען. ער האָט געטראכט:

— ווען קאָן עס שוין ווערן אויס שליומפּער, ווען קאָן שוין אמאָל אויסטריקענען!

— ס'איז דאָך שוין רעכט ערעוו פּייסעך, אלעמאָל אין דער צײַט זייט מען דאָך שוין.

ווען הערש האָט דאָווידן דערזען בא זיך לעבן שטוב, האָט ער זיך דערפרייט:

— אפן מיניען, רעב דאָוויד?

— כ'וויס, זאָל עס הייסן אפן מיניען.

— ניט זאָל עס הייסן, נאָר טאקע אפן מיניען. מיט אײַך וועט שוין טאקע זײַן א מיניען.

אין שטוב בא הערש אוורוטינע זײַנען אלע געזעסן און געוואַרט. די קעפּ זײַנען אלעמען געווען אראָפּגעלאָזט. בלויז דער ראָוו איז ארומגעגאנגען די הענט אפ הינטן פארלייגט און האָט מיט קיינעם ניט גערעדט.

ווען הערש איז מיט דאָווידן ארײַן, האָט דער ראָוו פלינק מיט די אויגן אָנגעציילט צען יידן און האָט זיך פרום אויס־געדרייט צו דער וואנט, גרייט צו דאווענען.

א שאָ זײַנען אלע געשטאנען, געדאוונט, אונטערגעזונגען, ווי באלעגאָלעס אונטערוועגנס, אז ס'ווערט זיי אומעטיק. ווען אלע האָבן אָפּגעדאוונט, האָט הערש אוורוטין שטאָלץ, ווי אלע גאבאָים, אויסגערופן:

— יידן, דער רעבע וויל זאָגן א פּאָר ווערטער...

דער רעבע האָט א גלעט געגעבן זײַן שווארצע באָרד, גע־דרייט א ווײַלע די פּייסלעך, פּונקט ווי זיי, די פּייסלעך, וואָלטן אים העלפן אָנדרייען די געדאנקען.

— ראבויסײַ, — האָט דער ראָוו אויסגערופן. — ס'קומט אָן

פּייסעך, דאָס ייִדישע פֿאָלק, דאָס פֿארבלאָנדזשעטע שעפּעלע, בלאָנדזשעט נאָך אַלץ, היט ניט קיין שאבעס און קיין יאָנ־טעוו, און צו פּייסעך, אין דעם טאָג, ווען ייִדן זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן פֿונעם גאָלעס, ווילן זיי קיין מאצע ניט באקן, קיין סעדאָרים ניט פּראוועןנ און קיין ארבע קויסעס ניט שטעלן.

דער ראָוו האָט זיך געשאָקלט, פּונקט ווי ס'שאָקלט זיך אַן איבערגעפֿוילטער סלופּ, וואָס אָט־אָט וועט אים דער ווינט ארונטערוואַרפֿן.

דער ראָוו האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אויסגעווישט דעם שטערן און ווײַטער גערעדט:

— געדענקט־זשע, ייִדעלעך, באקט מאצע, אניט וועט איר האָבן קאָרעס־יאָרן, איר, אײַערע ווײַבער, אײַערע קינדער, אײַ־ערע פֿערד און אײַערע בעהיימעס.

אזוי האָט דער ראָוו געענדיקט זײַן דראָשע.

און דאָוויד איז ערנסט געשטאַנען, און צו זײַן שטענדיקער זאָרג, וואָס ער טראָגט אין די אויגן, איז צוגעקומען נאָך אַ זאָרג.

— און ווו נעמט מען טאקע מאצע, ווו נעמט מען זי? זאָל זײַן, ער איז גערעכט... סײַדן די זריזע צעמאָלן? מיט וואָס־זשע זייט מען? — ניין, ער וועט דאָס ניט טאָן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — אזא שווערן ווינטער דאָס אויסגעהיט פֿון הונגער און פֿון מײַז — פֿון וואָס ניט? און הײַנט, אַז אָט־אָט זייט מען שוין, נעמען און צעמאָלן אָט די גאָלדענע ווייץ, די קלאָרע ווייץ, וואָס איז אויסגעוואָקסן מע זאָל זי נאָכאַמאָל פֿארזייען. זי זאָל געבן אַ סאך אזוינע ווייץ? ניין, ער וועט דאָס ניט טאָן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און געוואָלט אוועקגיין. איז צו אים צו דער ראָוו און דער גאַבע.

— און איר האָט מאצע? — האָט אים דער ראָוו אַ פֿרעג געטאָן.

— קוקורוזע־פּלעצלעך האָב איך, ניט קיין מאצע, — האָט אים דאָוויד אָפּגעענטפֿערט.

— וואָס הייסט ? — האָט הערש אוורוטינ דער גאבע זיך אריינגעמישט. — אזא ייִד מיט אזא באָרד דארפ נאָך ריידנ ? די לעצטע ווייצ פונ בוידעם קער אראָפּ, אונ מאצע זאָל וועדנ !

דאָוויד איז געבליבנ שטיינ אונ האָט גאָרניט גערעדט. א געפיל האָט אימ געגומענ נאָיענ אינ הארצנ : אונ עפשער איז טאקע דאָ א גאָט, וואָס קענ פארשיילטנ מיינ פעלד, ניט לאָזנ אויסוואקסנ מיינ ווייצ ?

דער גאבע איז שטארקער צוגעשטאנענ צו אימ.

— ייִד דו איינער, מע זאָגט דיר, נעמ אונ מאָל אָפּ דאָס ווייצ אונ באק מאצע ! וואָס קוקסטו ? שעמ זיך כאָטש פאר דיינ באָרד צו עסנ פייסעכ כאָמעצ !

דאָוויד האָט אופגעהויבנ די אויגנ אונ א קוק געגעבנ אינ דרויסנ :

— באלד דארפ מענ דאָך זייענ, טאקע באלד...

— ווי קאָנ איך צעמאָלנ דאָס ווייצ... ווי קאָנ מענ ?

ער האָט ווידער גענומענ ציילנ אפּ די פינגער :

— צענ פוד ווייצ האָב איכ... צענ פוד... אפּ אָנדערהאלבנ דעסיטינקעס פארזייענ צענ פוד, הייסט עס, אונ איינ ווייצל קאָנ איך צעמאָלנ ?

— מאכ ניט קיינ קונצנ אונ גרייט צו מאָרגנ א זעקל מיט ווייצ, אונ מיר וועלנ עס אָפּפירנ אינ מיל אריינ, אונ דיר אינ שטוב אריינברענגענ מאצע.

דאָוויד איז געשטאנענ אונ האָט געפילט, ווי מע ציט בא אימ דאָס ווייצ פונ האנט, אונ אָט־אָט וועט ער עס ניט קאָ-נענ איינהאלטנ. מע וועט עס בא אימ ארויסציִענ.

— אונ טאָמער וועט איבער די דריי פוד ווייצ ניט וואקסנ די גאנצע צענ ? טאָמער איז עס טאקע אזוי ?.. אָבער פאָרט דריי פוד ווייצ, א האלבע דעסיאטינ איז דאָך עס... א האלבע דעסיאטינ, אז ס'געראָט, איז דאָך עס פופציק פוד ווייצ... פופציק.

פארוואָס זאָל איך עס אָנווערנ ?

אפּ מאָרגן האָט דאָוויד אַרויסגעבאַגלייט זײַנע דרײַ פּוד ווייץ אין מיל אַרײַן.

פּאָרנדיק האָט זיך אים געוואָלט אָפּשטעלן די פערד, פאַר־קערעווען זיי, און זאָגן זיי עס צוריק פירן אַפן בוידעם. אָט־אָט רײַסט זיך אַרויס פון מויל: — טפּ־ר־פּ־ר, שטייט! און ער כאַפּט אַראָפּ דאָס זעקל מיט דער ווייץ און אַנטלויפט, — אָבער הערש אוורוטין טרײַבט גיך די פערד, און זיי לויפן.

אין מיל האָט דאָוויד געזען, ווי מע האָט אַרײַנגעשאָטן זײַן ווייץ אין מעל־קויש, און די ציינער האָבן געפרעסן די ווייץ, ווי יענע מײַז.

אים האָט זיך פאַרוואָלט אָפּשטעלן די מיל און ראַטעווען די ווייץ.

— זיבן פוד איז מיר געבליבן... זיבן פוד זריע.

פון הײַנט איז ניט געוואָרן דרײַ פוד ווייץ, דרײַ פוד ווייץ האָבן אופגעפרעסן אָט די מײַז — דער ראָוו מיטן גאַבע. פ״נ יענע מײַז האָט ער עס געראַטעוועט, מיט א שטעקן האָט ער זיי פאַרטריבן, און זיי, אָט די מײַז, האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס און ניט געקענט פאַרטרײַבן, האָבן זיי אופגעגעסן דרײַ פוד ווייץ.

די לעצטע פּאָר טעג האָט שטאַרק א שײַן געגעבן די זון, און פונקט פּייסעך איז געוואָרן טרוקן.

די קאָלאָניסטן זײַנען אַרויסגעפאָרן אין סטעפּ זייען.

דאָוויד האָט דורך זײַן איינשויביקן פענצטער געזען, ווי דער באַרג, וואָס קוקט אַנטקעגן דער קאָלאָניע, קאָכט, און אַלע זייען דאָרט איצט. איצט זעט ער זײַן שוואַרצע שטיק אופגע־אַקערטע ערד, וואָס ליגט דאָרט אַפן באַרג. מאָרגן וועט ער פאָרן אַהין זייען, און א האַלבע דעסיאַטין וועט פּוסטעווען און וועט פאַרוואַקסן ווערן מיט ווילדגראָז.

אין אים צינדט זיך אָן א גרויסער קאַס, אים כאַפּט אַרום א שטאַרקער ווילן צו שלאָגן דעם ראָוו, שלאָגן ביז טויט און

אויסרײַסן אים די פֿרומע פּייעסלעך, וואָס זײַנען פֿאַרדרייט, ווי בײַ אַ קוטשער די פֿעדערן אויפֿן עק. ער וואָלט אים וועלן דערהארגענען, ווי אַ מויז אַ נימעסע.

— דרײַ פֿוד ווייץ האָבן זיי מיר אויפֿגעגעסן, אָט די מײַז... אַ האַלבע דעסיאַטינע וועט בלײַבן ליגן.

ער שטײַפֿט אָן דעם פֿויסט און לאָזט זיך לויפֿן: — ווו איז ער, דער גאָטס־גאַנעוו, כ'וועל אים די צורע צעפֿלעסקען, כ'וועל אים הארגענען, ווי אַ מיִעסע מויז!..

• ○

רעב כעזקל פון גאָמבינ

איזי כאריק

★

1

וווקסיק און ברייט איז די שטוב בא רעב כעזקל פון גאָמבינ,
וווקסיק געבויט און פארלייגט אפ א פעסטנ פונדאמענט.
די טירנ — פארהויבנ. די שויבנ — געשייערט. די מעבל — אינ
סאמעט.
שפאנט ער ארום, אָט דער כעזקל, מיט זעטיקער רו אפ דער
גאָמבע.

פונ מייִרעוו געקומענ. איצט מאכט ער פּאוואָליע האוודאָלע.
— וועייטענ לעכאָ מיטאל האשאָמאים אומישמאניי האָרעצ — — —
די שפּייכלערס באלאָדנ מיט פלאקסנ, מיט ווייצנ, מיט קאָרנ,
און ס'כראָמטשקענ דעמ גאָלדענעמ האָבער די פערד אינ סטאָדאָלע.

עס ווארטנ די בעהיימעס אפ מעלקנ אינ ווארעמע שטאלנ
און טרייסלענ גערעאָטנ מיט פולע און ווארעמע אייטער.
ציִענ זיך וועגנ פונ שטעטלעך און דערפעלעך וויטע,
שטראָמענ אהערצו און בלייבנ צעטראָטנ דאָ אלע...

אימ ברענגענ די דערפער די ערשטלינגענ־טוועס צו פירנ.
נאָך רוילעכע קערנער אינ פּייִנ און אינ הונגער געדראָשנ.
און שטעטלעך שיקנ דעמ לעצטנ, פארבלוטיקטנ גראָשנ,
זינגט ער פּאוואָליע: — אל־טיראָ, אל־טיראָ, אל־טיראָ!..

די פליטנ צעלאָזנ, שווימענ זיי איצטער קיינ דאנציק,
און דאָרפישע יונגע אפ טייכנ באזינגענ, באוויינענ די דאָליע.

אָט, שפּאַנט ער. אָט, גייט ער. אָט, זיצט ער. פּאַוואָליע. פּאַוואָליע.
און ס'דאַכט: דער ריבוינעשעלוילעם אַפילע געהערט אים
אינגאַנצן...

אײַ, גוט איז. אײַ, ווויל איז. איצט נעמט ער אַ ביסעלע
מאַשקע —
— לעכאַיִם, לעכאַיִם, און לעבן זאָל ווערן נאָך לײַכטער.
קומען אַלמאָנעס און ברענגען געשײַערטע מעשענע לײַכטער.
— נאַט אײַך, רעב כעזקל, ניטאָ שוין קיין בעסערער מאַשקן...

ברענגען די שוסטער מאַשקאָנעס און בעטן אַנטלײַען אַפּ רימען.
קומען די שנײַדער און ברענגען די קעפּלעך פון זינגער־
מאַשינען.
— אײַ, גאָטעניו־זיסער, איך גיב דײַנע אָרעמע ייִדן פּאַרדינען,
מיר זײַנען מיט מיצוועס פּאַרפּולט, ווי מיט יאָדרעס פּאַרפּולט
איז דער רימוין...

אײַ, גוט איז. אײַ, ווויל איז. איצט נעמט ער אַ צווייטן לע־
כאַיִם.
— הערסט, רעב יעכעזקל, מיר וועלן דערלעבן, דערהאַרן!
אָט, טרינקט ער. אָט, זיצט ער. אָט, שפּאַנט ער. אַ וואַרע!
אַ וואַרע!
און ס'שטראָמט אין די גלידער אַ שיקערער, פרײלעכער פײַער.

— היי, ייִדן, היי, גאָיִם, קאַפּצאָנים־דאַלפּאָנים־עוויוינים,
נאַט אײַך און טרינקט פאַר מײַן קאָוועד אַ שטאַרקן לעכאַיִם!
וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איך וואָלט אײַך ניט וועלן אַנט־
לײַען?
איר וואָלט, ווי די קלאָווים צעפּײַגערט — איר אַלע אַזעלכע־
אַזוינע.
ליגן אַפּ טישן — טאַלייסים, כאַליאַוועס און גאָלדענע צלאָמים

בערדיקע פעלצן, סורדוטן און שטיקער פון טומע...
האָט רעב כעזקל באַפוילן, דער רעבע זאָל קומען, —
איז דער רעבע געקומען פרום, ווי אַן אָמיין.

איז געקומען דער גאבע, דער כאזן, דער שאמעס:
— רעב כעזקל, גוט־וואָך איַיך, רעב כעזקל — יעכעזקל!
האָט מען צעזעצט זיך בא טישן געוועקסטע
נאָכאמאָל פראווען דעם אוינעג שעל שאבעס.

האָבן זיי צעזעצט זיך אַלע בא די טישן
און האָבן זיך גענומען פאר די פליישן און די פישן
— איַי, טשירי־בים־באָם,
— איַי, טשירי־באָם!

האָבן זיי געטרונקען פון דער הייליקער פליאשקע,
לעבן זאָל, איַי, לעבן זאָל, איַי, לעבן זאָל די מאשקע.
— איַי, טשירי־בים־באָם,
— איַי, טשירי־באָם!

און זיַינען זיי אַלע בעגילופנדיק געוואָרן,
האָבן זיי געשיקט נאָך די פריילעכע קלעזמאָרים.
זיַינען די קלעזמאָרימלעך
געקומען מיטאמאָל.
פידל־פלייט,
צימבל־באס,
פידל־פלייט און פּיַיפּיאָל.

האָבן זיי צעשטעלט זיך אַלע בא דער טיר.
זיי ווילן מעסאמייעך זיַין דעם רעבן און דעם גוויר.
— העפקער־הויף און העפקער־אָרעם,
מיר, די פריילעכע קלעזמאָרים,

וואָס־זשע זאָלן שפּילן אײַך?
עפּשער שפּילן אײַך א פרײלעכס?
עפּשער שפּילן אײַך א וואָלעך?
עפּשער שפּילן א „סטראדאניע“,
וואָס זאָל רײדן, װי א טײַך?

— שפּיל, קאפּעליע,
שפּיל, קאפּעליע,
פונעם דיל און ביז דער סטעליע, —
שפּיל, שפּיל,
ווײַל רעב כעזקל נאכעס וויל,
ווײַל דער רעבע כעדווע וויל.
— שפּיל,
— שפּיל!

האָבן די קלעזמאָרים זיך פארנומען מיטאמאָל —
זײַנען זיך די סמיטשיקעס פארגאנגען אזוי זיס,
דער באס האָט אָנגעהויבן טרעטן אפ די פיס
און ס׳פלאטערן שוין פײגעלעך אין דינעם פײַפּיאָל.

— יאָשקע — אפ דער פידל,
בערל — אפ דער פלייט.
מיר זײַנען אלע ייִדן
פארברידערט און פארדרייט.
מיר בלײַבן שטענדיק ייִדן,
אפילע נאָכן טויט,
טאָר מען ניט צערײַסן
אונדזער גאָלדנע קייט.

2

האָט דער רעבע פארצויגן א הייליקן ניגון:

א לויב צו געצעלטן פון „שעמ“,

א ליב צו די קינדער פון „שעם",
מיר נאָר, אוי, מיר נאָר אליין
קענען די טוירע פארשטיין
און שווימען אין געטלעכן טהאָם.

— איי טשירי־באָם,
— איי, טשירי-באָם!

א כארפע — צו קינדער פון „כאָם",
א שאנדע צו קינדער פון „כאָם",
זיי לעבן פארטעמפט און פארגרעבט,
שטענדיק אין גאשמיעס געלעבט,
זיי אלע, די קינדער פון סדאָם.

— איי, טשירי־באָם,
— איי, טשירי־באָם,
באָם,
באָם!
קלינ־ג־לינ־גא־לעכ!
גלייבט—לויבט—א-א-לע!

גלעקער—קלינגען,
גלעקער—קלאָגן.
גלאָק,
גלאָק!
מאָרגן—כאָגע.
מאָרגן—כאָגע.
כאג —
כאָג!
אייער שאבעס, אייער שאבעס —
שטויב! אש-ש-ש—

שיידים-מייסים־מעכאשייפעס—
א שאבאש,
א שא־בא־א־ש.

אלע, אלע, אלע, אלע,
גלייבט אינ גאָט אונ גלייבט אינ גאלעכ!
גאָט!

אונ דער גלאָק, דער וואָגיק־העכסטער,
ברומט אונ וויגט זיכ! ברומט אונ קרעכצעט——
באָכ!
Бог!
אונ דער מיטעלער, דער דינער,
פעט פארכליאָבעט זיכ אינ סינע!
זשיד—אונ זשיד—אונ כאלאמיד-ד־ד
זשיד—אונ זשיד—אונ כאלאמיד-ד-ד.
אונ דער יונגינקער, דער דינסטער,
רייצט זיכ פריילעכ אינדערפינצטער:
דינ,
דינ,
דינ,
דינ!
... סוויאטאָהאָ דוכא! אונ—אמינ—נ־־נ—

● ●

אומזיסטע מאצע

מ. דאניעל

★

מאָסקווע ווײַלט הײַנט א נײַעם ראט.

ציִען זיך פון אינדערפרי ביז שפּעטער נאכט צעזונגענע מאכנעס ארבעטער, גייען פון עקן און פאַרשטאָט, פון פאַבריקן און אנשטאלטן, טראָגן פאָרויס און איבער קעפּ שטיקער רויטן טוך, סאמעט, זײַד, — פארהילכן דעם גאסיקן טומל מיט געשאַל פון קופּערנע טרומפּייטן, מיט געזאנג פון נײַע, אין דער רעוואָליוציע געבוירענע, לידער.

וויגן זיך הײַנט לידער אפ טעלעפאָן־דראָטן, אפ דעכער, אפ קעפּ און אפ גאסן פון מאָסקווע, אָטעמען גאסן ווידער מיט געשלעג, מיט געראנגל, מיט פארגאנגענע און קינפטיקע שלאכטן...

איז מעשונע שווער זיך אָפּצורײַסן פון די צעזונגענע גאסן, פארקריכן אין א טונקעלן דורכגאנג פון דער ייִדישער שול און ווארטן אפ אומזיסטע מאצע. אויב איר זײַט א באַווײַבטער און האָט צוויי קינדער, באקומט איר אכצן פונט, אויב דרײַ — פיר און צוואנציק פונט, אויב פיר — דרײַסיק... ביז צוויי פוד... ווײַל מער ווי דרײַצן קינדער קאָן שוין א ייִדישער שלעפּער אויך ניט האָבן...

אזוי האָבן באשטימט די מיטגלידער פון דער מאָסקווער קעהילע.

פאָרויס און מיט עטלעכע מענטשן פריִער אין שורע שטייט א נידעריק פליישיק ווײַבל. א בלויער זײַדענער טוך איז איר אָנגערוקט ביז די סאמע ברעמען, און אויגן אונטער די ברע־

מען זײַנען מאט און אויסגעלעבט, פינקלען מיט העפקער און מיט „מיר איז שוין אלצײנס". זי האלט אין איין באלעקן די בלוילעכע דינע ליפּן, און ווען איר ווערט לאנגווײַליק אַזוי לאנג צו שטיין שווײַגנדיק אין דער ריי, רוקט זי ארויס א שמאלציק פּאַנעם פון אונטער דער בלויער טוך און שרײַט מיט א הייזעריק קאָל ארופ, צו א צווייט ווײַבל:

— נעכאמקע, קראנק ביסטו צו עסן ברויט!.. פרום געוואָרן אפ דער עלטער!

— האָב איך א קלעמעניש! אז מאָסקווער ייִדן זוכן מיצ־ וועס, דארף מען זיי טאָן א טױווע...

— וויפל פונט באקומסטו?

— אכצן.

— פארוואָס עפּעס אכצן?

— זעקס פאר זיך, און זעקס פאר מײַנע טויטע נעשאָמעס, פאר מײַנע פרי-פארשטאָרבענע קינדער...

— ווער פארשטומט, הינטיש מויל... שעמסט זיך גאָרניט פאר מענטשן.

— קוק נאָר אָן די צידקאָניעס!.. וויפל מאָל ביסטו שוין דאָ היינט געווען.

— אינגאנצן דרײַ.

ביידע לאכן זיך הייזעריק פאנאנדער, קוקן מיט אויסגענוצ־ טע אויגן אפן ארומיקן אוילעם און טראכטן, וויאַזוי דעם לאנגווײַל אין דער ריי צו פארטרײַבן.

פון א צימער, וווּ ס'זיצן צוויי אָפּגעבליאקעוועטע דאמען אין מאָדנע פארצײַטיקע היט און קליידער, באווײַזט זיך א נעפעש אין א סטודענטיש היטל. שווארצע וואָנצעס זיצן פון ביידע זײַטן פאריסן נעזל אַזוי פעסט און צוגעקלעפּט, ווי ער וואָלט זיי א גאנצע נאכט מיט שוכוואקס געשמירט. ער בא־ קוקט מיט באלעבאטישע אויגן דעם גרויסן דורכגאנג, בא־ מערקט, אז אפ א זײַטיקער טרעפּ, וואָס פירט צו דער ווײַ־ בערשער שול, ליגט נאָך אלץ אָנגעוואָרפן א קופּקע טראנטעס,

און ער הייבט עס אָן בריקן מיט די שפּיציקע נעזער פון זײַנע געלע שיך:

— באראָנעסע, שטיי אוף! דו ווערסט דאָך פארשלאָפן די ארבע קויסעס.

דער אוילעם פּלאצט ארויס א הילכיקן געלעכטער, צעשיט אים איבער שטיינערנע טרעפּ, איבערן טונקעלן דורכגאנג און באהאלט אים צוריק אין קנייטשן פון אלטע, אָנצײַנערדיקע פּענעמער.

די קופּקע טראנטעס הייבט זיך אָן באוועגן, וויקלט אויס פון אונטער עטלעכע ווארעמע טיכער א צעקנייטשטע, פאר־שלאָפענע צורע און זידלט:

— איך האָב אײַך צען איילן אין דרערד!.. זאָלן מײַנע סאָנים אזוי שלאָפן, ווי איך שלאָף...

אָפּגעזאָגט, זיצט זי א ווײַלע, דאָס צעקנייטשטע פארשלאָ־פענע פּאָנעם פון די פּלייצעס ארויסגערוקט, טראכט, וואָס זאָל זי ווײַטער זאָגן, און ווען זי באשטימט, אז מער קיין זידל־ווערטער וועלן שוין אזוי גיך אפן צונג ניט קומען, אז קיינער וועט איר שוין ניט העלפן און ניט גרינגער מאכן, — נורעט זי דאָס פארשלאָפענע פּאָנעם צוריק אײַן אין די דרײַ פּא־טשיילעס און וויל ווײַטער דרעמלען.

אָבער דער נעפעש אינעם סטודענטישן היטל טרעט ניט אָפּ, בריקט אלץ מיט די שארפע שפּיצן פון זײַנע געלע שיך און כאזערט איבער איינע און די זעלבע כאָכמע:

— באראָנעסע, שטיי אוף! דו ווערסט דאָך פארשלאָפן דעם סיידער!..

נעכאמקע רוקט זיך ארויס פון דער שורע, גייט נעענטער צום נעפעש אין די געלע שיך מיט די שארפע נעזער, לייגט אָן איר פולן בוזעם אפ זײַן אײַנגעבויגענעם רוקן און בעט זיך:

— סאָלאָמאָן, לאָז זי צורו!.. איר איז אזוי אויך גוט אָנ־געזאלצן אפ דער נעשאָמע — זי איז דאָך געבליבן צום סיידער אָן א מאן...

— ווו איז ער אהינגעקומען? — פרעגט פארוואונדערט דאָס פלײשיקע ווײַבל און גייט אויך ארויס פון דער שורע.

— ער איז פון איר אוועק. ער זאָגט, אז זי איז שוין אַלט, און ס'הערט זיך פון איר...

— מע האָט אים געדארפט אָנברעכן די ביינער, — אייצעט אן אַלטע אָנצייענרדיקע ייִדענע, — געזען, פארן סיידער אוועק־ווארפן אזא יונגע מאלקע... אזא בלום...

עפּשער דערפאר, ווײַל דער אוילעם לאכט צו הויך און גרילצנדיק, און עפשער דערפאר, ווײַל די שארפע נעזער פון סאָלאָמאָנס שיך הערן ניט אוף צו טורקען אין בערגל טראנ־טעס, רוקט זי ווידער ארויס דאָס פארשלאָפענע פּאָנעם פון די ווארעמע פאטשיילעס, באקוקט מיט רויטע פארלאָפענע אויגן דעם הירזשעדיקן אוילעם און הייבט אָן ריידן:

— א מאקע וועט איר אים ברעכן די ביינער! א קרענק! איצט איז העפקער... מיט א גויע, מיט א מיידל, מיט א ווײַבל... מיט וועמען מע וויל, ווי די הינט. אמאָל געווען א געט... איצט...

זי פארענדיקט ניט ריידן, שפרינגט אוף, וויקלט זיך טיפער אײַן אין די דרײַ פאטשיילעס און גייט גיך אראָפּ אין הויף.

הינטערן טיר שטייט נאָך גאָר א יונגער באָכער, דאָס פּאָנעם איז אים שארף און אָנגעצויגן. אף שמאָלע געבויגענע פּלייצעס טראָגט ער א קורצן פעלץ מיט די האָר ארויף. דער קאָלנער פון פעלץ איז אָפּגעשפּליעט און ווײַזט, אז אונטערן פעלץ איז קיין רעקל ניטאָ, אז אונטערן פעלץ טראָגט ער א שמוציק העמד.

ער קוקט מיט בלויע אויגן פארבײַ א נידעריק פול ייִדל און ענטפערט ניט גערן:

— ניטאָ קיין שטונדן, גיב זיי אַלץ איוורית-בעיִווריט און אלץ אין א רוסישער איבערזעצונג... אינדר'היים געווען שלע־פער און דאָ העברייער געוואָרן!..

ער שפּײַט פאר קאס אויס, ווישט אָפּ מיטן ארבל פון פעלץ

די בלאָנדע אונטערגעשאָרענע וואָנצעס און בלײַבט שטײן פאַר־טראַכט מיט הונגעריקע אויגן געווענדט צו דער סטעליע פון שול...

דער פולער ייִד, קאָנטיק א שאדכן פון א קלײן שטעטל, דערפילט זיך לעבן אים ניט פרײלעך, גלײַך ווי ער וואָלט געווען שולדיק, וואָס די מאָסקווער ייִדן ווילן ניט לערנען זײערע קינדער נאָך דער אלטער מעטאָדע... ער פרעגט פאַר יויצע וועגן:

— נו, און וואָס הערט זיך מיטן שידעך?

— וואָס זאָל זיך הערן? אז אכוץ א צימער פאַרמאָגט זי גאָרנישט. זי טײַנעט, אז א צימער איז אין מאָסקווע ווערט 3 טויזנט רובל. אָבער גײ האָב כאסענע מיט א צימער...

ער פאַרקרימט זײַן אויסגעדאַרט פּאָנעם אין א שלעכטן שמײכל און קערט זיך ווינקלדיק אָפּ.

און אז דער ייִד טרעט אַלץ ניט אָפּ, שטעלט אַלץ נײַע און נײַע פראגעס וועגן דעם שידעך און דער קאַלע, ווערט שוין דער באָכער גוט אין כּאַס, דרײט אויס זײַן שמאָל פּאָ־נעם צום בײַכיקן ייִדן און דערקלערט גאנץ ערנסט:

— איר ווײסט, יעכיעל, — איך האָב כאסענע מיט א גויע, — זי האנדלט אָפּ סוכארעווקע מיט קאָשערע וווּרשט...

יעכיעל גלאָצט אויס א פּאָר קלײנשטעטלדיקע דערשראָקענע אויגן, קאָן ניט פארשטײן, צי דער געוועזענער קלויזניק מײנט עס ערנסט, צי ער טרײַבט פון אים קאַטאָוועס, און רוקט זיך אוועק צו דער פארשפּארטער טיר.

און בא דער פארשפּארטער טיר איז אָנגעוואקסן א טומל.

א דארע ייִדענע האָט דעם אוילעם צעשטופּט, ארײַנגעריסן זיך מיט דרײַ אָפּגעריסענע קינדער אין זיצונג־זאַל און הויך געשריִען:

— איך פאָר מאָרגן אוועק אין האָמליע און לאָז אײַך אי־בער מײַנע דרײַ קאדיישים!... געזונט — מע שפּילט זיך אָפּ אָפּ א קראנקער ייִדענע... וואָס זאָל איך זײ געבן עסן? — מײַנע

ווייטעקן? איך זאָג אײַך דאָס לעצטע מאָל: אָדער איר וועט מיר געבן פּענסיע, אָדער איך פֿאַר אוועק און איר וועט זיי אַליין האָדעווען...

און דערפֿאַר, ווײַל באַם טיש זײַנען די דאַמען אין די אַלטפֿרענקישע היט און קליידער געבליבן זיצן רויִק און פֿאַרגליווערט, געקוקט מיט געוועזענע, גוֹיִרישע אויגן אויף דער ייִדענע און געהייסן דעם נעפּעש אינעם סטודענטישן היטל זי אַרויספֿירן, איז די ייִדענע פּלוצעם געוואָרן ווייך און צע־לאָזן, געשטופּט די דערשראָקענע, אָפּגעריסענע קינדער נעענ־טער צום טיש, צו די אָנגעבלאָזענע דאַמען און אויף זיי גע־קלאָגט, ווי אויף טויטע:

— רעדט, מײַנע קינדער, טײַערע... דערציילט, מײַנע עלנטע פֿייגעלעך, אַז איר גייט באַ מיר אויס, ווי די כּייליעוונע ליכט. רעדט, מײַנע קאַדיישים, איינציקע...

לאַנג האָט די ייִדענע אויף די קינדער געקלאָגט, און ווען זי האָט זיך אויף זיכער איבערצײַגט, אַז איר קלאָגן איז אומ־זיסט און אָפּן ווינט אַרויסגעוואָרפֿן, האָט זי די דרײַ קינדער אַרום זיך צונויפֿגעקליבן און שוין אוועקגייענדיק פּעט געשאָלטן:

— ווערט פֿאַרברענט און פֿאַרסאַרפֿעט, בלוטזויגער!.. זיך גע־מאַכט אַ פּאַרנאָסע פֿון אונדזערע צאָרעס... די קאָמוניסטן האָבן אײַך נאָך ווייניק געשניטן!.. וואַרט, ס׳וועט נאָך קומען אויף אײַך אַ גזאַר, מע וועט אײַך נאָך טויטערהייט איבער די גאַסן שלעפּן...

אָפּגעשאָלטן, איז זי צוריק מיט די קינדער פֿון זאַל אַרויס, זיך געשטעלט אין עק מענטשן־שורע און פֿאַרענדיקט:

— איך האָב זיי אין דרערד! ניט אַמאָליקע צײַטן... זיי מיינען, אַז מע ווייסט ניט, אַז זיי לעבן פֿון דער קעהילע... אַז זיי האָבן זיך געמאַכט אַ פּאַרנאָסע פֿון אונדזערע צאָרעס. ווערן זיי פֿאַרברענט מיט די מאַצעס, איך קאָן עסן ברויט...

זי האָט צוויי קינדער פֿאַר די הענטלעך אָנגעכאַפּט און אַן אויפֿגערעגטע פֿון די טרעפּ געגומען לויפֿן.

און די דאַמען פֿון דער אַנדערער זײַט טיר האָבן טיפֿער

די אָפּגעבליאַקעוועטע צורעס אין די פּאַפּירן אַרײַנגערוקט, מיט אַמאָליקער גרויסקײַט געטיילט די אומזיסטע מאַצע, און טיף און באַהאַלטן געוווסט, אַז די ייִדענע זאָגט עמעס, אַז ווען אין מאָסקווע וואָלטן ניט געווען די עטלעכע הונדערט שלע־פּער, וואָלטן אַ סאַך פון די געוועזענע גווירים און מאָסקווער קלאַל־טוער זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט שוואַרצער אַרבעט...

אַפן הויף קומען צו לויפן צוויי ייִדן. ביידע זײַנען זיי קורצזוויקסיקע און שטאַרק אופגערעגט.

ביידע טראָגן זיי האַרטע קאַפּעליושן אַף פאַרשוויצטע קעפּ און ביידע פאַרנעמען זיי זיך מיט איינער און דער זעלבער אַרבעט:

• ציילן, וויפל ייִדן שטייען אין שורע נאָך מאַצע.

וויצלט זיך דער אוילעם:

— די פּייסעכדיקע פּאַדריאַדטשיקעס זײַנען שוין דאָ.

— זיי ציילן שוין די נעשאָמעס.

— וויפל ייִדן האָט איר שוין געכאַפּט?

— דינגט עטלעכע ראָטעס רויטאַרמייער!

ווען עמעצער פונעם אוילעם וואָלט זיך גענויער צוגעהערט צו זייער גיכן שעפּטשען מיט די ליפּן, וואָלט ער געוויס דער־הערט, אַז יעדער ייִד אין שורע איז פאַר זיי ניט קיין ייִד — נאָר זעקס פונט מאַצע.

מיט אומרויִקע, דערשראָקענע פינגער קייפלען זיי די צאָל ייִדן אין שורע אַף זעקס, רעכענען אויס גענוי, וויפל פוד איז נאָך אַפן לאַגער געבליבן, און פאַרשווינדן צוריק אין טומל־דיקן דרויסן.

אַ שאָ און צוויי ווען זיי אומלויפן איבער די מאָסקווער גאַסן, קלעפּן אַף טויערן און פּאַרקנס קליינע, פּירקאַנטיקע, צעטלעך:

מוידאָע

אַף ספּאַסאָ־גאָליניצינסקי געסל, הויף נומער 8 אין דער פּאָמעשטשעניע פון דער יודישער קעהילע טאַילט מאַן אומזיסט מצה. קאָמיסיע.

דערציילט א ווײַבל אין רעדל:

„מיט זעקס וואָכן צוריק האָבן די צוויי ברידער אין ראָ־האטשאָוו פארפאקט צוועלף וואגאָן מאצע און אָפּגעשיקט אַף מאָסקווע. טרעפט א נעס, און די מאצע גייט אוועק ניט אין מאָסקווע, נאָר אין איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסק... די יידן קומען צו פאָרן קיין מאָסקווע — ניטאָ.

פאָרן קיין סאראטאָוו — ניטאָ. פאָרן קיין סאמארע — ניטאָ.

קומען צו פאָרן צוריק קיין מאָסקווע און דערוויסן זיך, אז די סכוירע איז אין איוואנאָוואָ-וואָזנעסענסק...

דערווײַל, איידער זיי האָבן די סכוירע איבערגעפירט אהער, איז אוועק דער סעזאָן, מאָסקווע איז געוואָרן אָנגעפילט מיט מאצע פון אוקראַינע, פון ווײַסרוסלאנד, פון אוראל...

איז די צוויי גליקלעכע ברידער געבליבן איין האָפענונג: אויב די קעהילע וועט צעטיילן דעם גאנצן פארגרייט מאצע, וועט זי בא זיי אָפּקויפן די צוועלף וואגאָנעס סכוירע... לויפן זיי גאנצע טעג ארום איבער מאָסקווער גאסן און זוכן יידן, וועלכע זאָלן בא דער קעהילע די אָנגעגרייטע מאצע צונעמען"...

אָוונט איז אפן הויף פון דער יידישער שול אָנגעפאלן מיט־אמאָל, פארוועבט אין טונקלקײַט דעם גרויסן דורכגאנג מיט די פארדרייטע הנטער־טרעפ. דער אוילעם האָט שוין עטלעכע מאָל באקומען מאצע, און וועמען איבערצופארקויפן איז ניט געווען, זײַנען זיי איינציקווײַז מיט פעקלעך פון הויף אוועק... דער אונטערשאמעס האָט געזוכט א מיניען אף מײַרעוו און ניט געפונען... נעכאמקע מיט סאָלאָמאָנען האָבן זיך פארוקט אין א ווינקלדיקן צימער פון דער גרויסער שול און דאָרט געטאָן ניט קיין שיינע זאַך... דער בלייכער באָכער האָט די זעקס פונט מאצע אוועקגעטראָגן צו זײַן גויישער קאלע און נאָך אין דעם זעלבן אָוונט אף סוכארעווקע פארקויפט...

... און איבער די מאָסקווער גאסן האָבן זיך אלץ געצויגן מאכנעס ארבעטער, באַם שײַן פון עלעקטרע-לאָמפן באגריסט א ווײַט-נאָענטע רעוואָליוציע, וועלכע קומט פאַר ערגעץ אין

א לאנד כינע, און קיינער פון זיי האָט ניט געטראַכט, אַז אין שכיינעס און דערבײַ לעבט אויס די לעצטע טעג אַן אַלטע, אויוערבאָטלדיקע געבײַדע, וואָס האָט זיך אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, גערופן:

די מאָסקווער ייִדישע קעהילע!

• •

לעווײַע

איזי כאַריק

★

פרימאָרגנס און מענגעס. זינג. געזאנג.
מענגעס און פּאָגעס און מונטערער גאנג.
שולן צעעפנט. אום? — גראָד.
קלויסטערס צעעפנט. אום? — גראָד.
און ס'הילכט שוין די שטאָט
אונטער מונטערן טראָט.

ארבעטערקעס, ארבעטער, קוסטארקעס און קוסטארן
גייען נאָך א פריילעכער און גאָלדענער לעווײַע.
אפּאָנעם, אז דער בארמענער איז קיינעם שוין ניט טײַער.
ווײַל קיינער טוט ניט יאָמערן און קיינעם טוט ניט ארן.

ווו זײַנען די זאָגערקעס און ווו די שווארצע מיטע?
אומגעלומפּערט ראנגלט זיך א פריילעכער אָרקעסטער.
רויִק, ברידער־ארבעטער, רויִק, ברידער־שוועסטער,
לאָמיר נאָר ניט אופוועקן דעם בארמענער אין שליטן.

ווער איז דאָס דער בארמענער? און ווער איז דאָס דער פייגער?
ווער איז דאָס געשטאָרבן דאָ? ווער? און וואָס? און וועמעס?
לאָמיר איצטער אָפּזאָגן דאָ: באָרעכ דאיען עמעס.
געשטאָרבן שוין דער זונטיקדיקער, שאבעסדיקער שטייגער.

שפּאנען פערד פארוויקלטע אין ליכטיקע טאלייסים,
גײַוועדיק און יאָנטעוודיק אין פּאָרכט פון די פּאָפּאָנעס.
מאכנעס־מענגעס מונטערע — קאָלאָנע נאָך קאָלאָנע
און שליטנס שווער באלאָדענע מיט ברוך און... שיידים ווייסן.

הליאקעס ברוינע-בײַכיקע, פּוזאטע סאמאָווארן,
אוירינגלעך און פינגערלעך פון די „טאבאאס־קדושן,“
הענגלײַכטער פארגאָסענע מיט כיילעוו פון יערושע,
מיט טאנע־בארע, ברעטער־טארע, טארי־ראסטאבארי.

גלעקער געלע-וואָגיקע מיט אָפּגעהאקטע צונגען,
ווי פריידן שווער פארבלוטיקטע, נאָרוואָס פון דער שכיטע.
און ס׳ליגן דאָ פארטוליעטע אין שאבעסדיקן ציטער
בעכערלעך־כאזיירימלעך נאָך ווײַסינקע און יונגע.

פון שליטנס טראָגט מיט ווײַרעך־רויך, מיט היימישקײַט
פון אויוון,
מיט אָפּגעניצטן לידעלע פון — „ראָזשינקעס מיט מאנדלען“...
און ס׳דאכט — עס ליגט אין שליטן דאָ מיט ליפּן-צוקערקאנדלען
א וואָלענע, קורצזיכטיקע סאָרעניר־באס-טויווים.

מע וועט עס אלץ אוועקפירן אין שטרענגן קרעמאטאָרי,
ווו ס׳ווארטן ניט־דערבויטע נאָך און גלאנציקע מאשינעס.
דאָרטן וועט דער בארמעניער זײַן טיקן שוין געפינען —
אין הארטע רייד פון טראקטאָרן און רעוועו פון מאָטאָרן.

רעדער־רייד,
רעדער־פרייד,
רעדער ריידן הארטערהייט.
דרײַ און דרײַסיק טראקטאָרן ריידן אפן טראקט,
דרײַ און דרײַסיק טראקטאָרן רײַסן אוף דעם טראקט,
רײַסן־רײַסן
פלאכטעסווײַז
און —
גיבערדיק־געשמאק.

• •

כאַנע־ראָכל

נויעכ. לוריע

★

אָפגעלעבט א לעבנ, גרוי געוואָרנ, די קינדער זײַנענ זיכ צעפלויגנ, ווי פויגלענ פונ א נעסט. איז כאַנע-ראָכל געבליבנ אײנצווײיענ מיט איר גערשענענ. ער האָט נאָכ געארבעט צוביסלעכ סטאָליערײַ — טאבורעטנ, שאפקעלעכ, עטאזשערקעס. געוואָרטשעט אפנ געהילצ, וואָס ס׳קומט אָנ מיט ווייטעקנ, געוואָרטשעט, ווי שטענדיק, אפנ ווײַב.

האָט כאַנע־ראָכל פאר אומעט אָנגעהויבנ ארומצופאָרנ.

צו דעמ זונ דעמ לעדערניק אינ בערדיטשעוו, צו דעמ זונ דעמ מאָנטיאָר אינ קאטערינאָסלאוו, צו דער טאָכטער דער לערערקע אינ קיִעוו, צו די צוויי טעכטער די טריקאָטאזשניצעס אינ מאָסקווע, אונ איינ זונ איז א שאָפער, אונ נאָכ איינער איז אינ דער ארמיי אונ נאָכ א טאָכטער אינ וויניצע בא איר רויטנ קאָמאנדיר.

אומעטומ, ווי זי קומט, איז עפּעס ניט אזוי: א מאנ ניט קיינ ייִד, א ווײַב ניט קיינ ייִדישקע, א ייִנגל ניט געמאלט, מילכיק אונ פליישיק אויסגעמישט, אינמיטנ מיטוואָכ גערוט, אונ שאבעס ניט געדענקט, אז ס׳איז. כאַנע-ראָכל שאָקלט מיטנ קאָפּ, זיפצט אונטער אונ ווערט געוווינט. זי עסט ניט קיינ ברויט אומזיסט: דאָ ניאנטשעט זי דאָס קינד, דאָרטנ קאָכט זי מיטיק, פארצירעוועט זאָקנ; פארברענגט א וואָכ אונ צוויי אונ קערט זיכ אומ אהיימ.

אינ דער היימ זיצט זי אזוי לאנג, ביז פארטראכטקײַט נעמט זי באפאלנ. זי הייבט אָנ פארגעסנ, וואָס זי האָט געדארפט

אפנ מארק. פארקוקט זיכ דורכנ פענצטער איבער די דעכער מיט פארבענקטע אויגנ, ווי פונ א שטײַג. הערט באנאכט אפנ געלעגער, ווי די צוגנ פײַפנ, אונ נאָגנדיקע ווארעמקײַט רירט זיכ אונטער איר הארצנ. זי צײלט איבער די עטלעכע רובל אינ אירע קניפלעכ. זי הייבט אָנ נאָכפרעגנ אפ באנענ אונ איבערשטײַגנ, ביז אינ אײנעמ א פארנאכט מעלדעט זי דעמ מאנ, אז זי וויל פאָרנ. ווײַטער פאָרנ?—כידעשט ער זיכ. זי איז ערשט געווענ. יאָ, נאָר בא ווענמענ—בא מאניטשקענ. אָבער ס'איז דאָכ ווינטער, קעלטנ, וואָס האָט זי קײנ צײַט ניט? לאָזט זיכ אויס, אז זי האָט שוינ א בילעט.

אײנמאָל פרײַטיקצונאכט, שפעטלעכ, עפנט דער סטאָליער אנ אויג פונ שלאָפ אונ זעט, זײַנ אלטע פארדרייט דעמ לאָמפ.

— וואָס טוסטו?—האָט ער זיכ אופגעכאפט א דערשראָקענער.

— סע טשאדעט—האָט כאנע־ראָכל געענטפערט קאלטבלוטיק.

— אָבער סע איז דאָכ שאבעס!—איז ער געווענ אויסער זיכ.

— כ'וויס, דײַנע אײַנריידענישנ.

אונ זי איז אוועק צו זיכ אינ בעט.

ער האָט זי אינדערפינצטער געיאדעט, אויסגעריסנ דאָס הארצ א שאָ נאָכאנאנד. זי האָט געשוויגנ.

אינגיכנ איז זי ערגעצ אוועקגעפאָרנ.

דאָס מאָל איז זי ניט געווענ אינ דער היימ לענגער ווי געווינלעכ. דער אלטער האָט שוינ אָנגעהויבנ איבערקלערנ, וואָס קאָנ דאָס זײַנ, איז אָנגעקומענ פונ כאנע־ראָכלענ א בריוו, אז זי איז גאָט צו דאנקענ געזונט, וואָס מאכט ער, וואָס מאכט גנעסיע, צי קאָכט זי אימ עסנ. זי אליינ טראכט שוינ פארבלײַבנ בא דער טאָכטער. זי האָט א גאנצ לעבנ אָפגעליטנ צוליב די קינדער, קײנמאָל פונ אימ קײנ גוט וואָרט ניט געהערט, טאָמעד געהאט אויסצושטײנ פונ זײַנע מעשוגאסנ, נאָר איצט, אײנ מענטש צו די עלטערע יאָרנ, וויל זי מער ניט לײַדנ, וואָס קומט איר דערפאר? אכוצ דעמ איז ער א פא־

נאטישער מענטש פון דער אלטער וועלט, און זי וויל ניט זײַן קליגער פון אירע קינדער. ווען זי אכוצ זיי, זאָל ער זיך לאנג לעבן און היטן זײַן געזונט און זיך ניט ריכטן אף איר.

ער האָט ניט געענטפערט. ס'איז אים געווען א כארפע און א פארדראָס ביזן ביין.

צי ס'איז אים נימעס געוואָרן גנעסיעס קעסט, צי ער האָט זיך פארבענקט, אין א האלב יאָר ארום זומער־צײַט, עפנט זיך אין איינעם א פרימאָרגן די טיר און כאנע־ראָכל זעט, איר גערשן איז דאָ.

— אָ, דו לעבסט—האָט זי אים באגעגנט — פארוואָס האָסטו ניט געשריבן קיין וואָרט, ביסט בארויגעז געוואָרן?

— בארויגעז, כ'ווייס, געדארפט עפעס האָבן קיין קיעוו, בין איך ארײַן זען מוסיען, וואָס מאכט זי.

— מוסיע וועט ערשט זײַן צו מיטיק, קום, וועסט זען דײַן איינִיקל.

אף דער ערד האָט זיך געשפילט א ליכטיק באשעפעניש פון א יאָר אָנדערהאלבן. דער אלטער האָט גלײַך געכאפט א קוק צווישן די פיסלעך און זיך אָפגעקערט פארטרויערט.

— ביסט אוודע הונגעריק—האָט כאנע־ראָכל זיך אָנגערופן ווייב—גיי וואש זיך ארום פון וועג. דערווײַל וועל איך דיר מאכן עפעס עסן. כ'ווייס, זאָל עס שוין וואקסן אָן דער פלאָמבע. א גאָלדן קינד.

צו מיטיק איז מען געזעסן באם טיש די גאנצע מיש־פּאָכע. נאָכן ערשטן געריכט איז אופגעשטאנען דער טאָכטערס מאן, א פרײלעכער יונג מיט א גוטמוטיקן שמייכל, ארויסגע־נומען פון דער מאנטל־קעשענע א פלאש ווײַן און געמאכט איר אן אָרט צווישן די ענגלעך־שטייענדיקע טעלער.

— נו,—האָט ער זיך אָנגערופן צו די אלטע—איצט צעקושט זיך, וועלן מיר נעמען צו קאפעלעך.

— מע קאָן נעמען—האָט דער סטאָליער געזאָגט.

— ניין, דאָס גייט ניט, צעקושט זיך פריער.

דער אלטער האָט געשמייכלט פארלוירן. ער האָט א גאנצן טאָג זיך געקליבן פרעגן בא כאנע־ראָכלען, צי זי וועט פאָרן מיט אים אהיים. זי האָט געשוויגן און ער האָט געשוויגן. איצט איז ער צופרידן געווען, וואָס דער שמועס האָט זיך א קער־רעווע געטאָן וווהין מע דארף.

— וואָס האָב איך צו ריידן—האָט ער זיך פארענטפערט—זאָל כאנע־ראָכל זאָגן.

— גוט—האָט כאנע־ראָכל גלייך איינגעשטימט—איך וועל זאָגן. מע קאָן זיך צעקושן, כאָטש אז מירן זיך אין דער יוגנט ניט געקושט, איז שוין איצטער שפעטלעך, נאָר איך וויל אויסנעמען טנאָים.

— א, טנאָים!—האָט עס די יונגע אָנגעהויבן געפעלן ווערן.

— נאָר ניט ברעכן טעלער—האָט די טאָכטער געבעטן—שווער היינט צו קריגן נייע.

— ניטאָ וואָס צו לאכן—איז כאנע־ראָכל געוואָרן ערנסט—כ'האָב זיך אָפּגעמוטשעט א לעבן פון קינד צו קינד, קיינמאָל ניט קיין גלעט, קיין גוט וואָרט, ווי א רויפע שטעלט פאָקן, און קעסיידער ניט צופרידן. די מילך שמעקט מיט רויך, דאָס פלייש איז צו הארט. שטענדיק מיט קוילעס. מיילע, וואָס פאר־גאנגען, קאָן מען ניט אומקערן, נאָר טאָמער איז מיר געבליבן א ביסל יאָרן, וויל איך, ער זאָל מיר שאנעווען—וואָס קומט מיר דערפאר?

— פון היינט אָן און ווייטער וועט ער אייך שאנעווען. עמעס, פאָטער?

דער אלטער האָט זיך געקנייטשט, געפרוווט פארוואנדלען די מייסע אין א שפאַס.

— נו, שאנעווען, שאנעווען, ווי דען?

— ווארט—האָט כאנע־ראָכל זיך אָנגערופן—ס'איז נאָך ניט גאָר.

— מיר הערן. זאָגט.

— כ'וועל שוין זאָגן. ער איז פרום. מיילע, קאָשער, טרייפ־דאָס טעפל איז שותפעס. פארפאלן. אָבער שאבעסן, אשטייגער,

איך פאַרדריי דעם לאָמפּ, וועט מען מיך שמײַסן, וואָס האָט ער זיך צו מישן? אז אָט לעבן מײַנע קינדער אָן ייִדישקײַט שענער און איידעלער ווי מירן געלעבט. צו וואָס־זשע דאַרף איך, ס׳זאָל מיר טשאַדען?

— איר נעמט אָן דעם פּונקט?

דער אַלטער האָט געשוויגן.

— אַכוץ דעם וויל איך מער ניט זײַן קיין קוסטאַר — האָט זיך כאַנע־ראָכל דערמאָנט א נײַע טײַנע — זאָל ער גיין אין פאַבריק, ווי אַלע גייען, אז איך וויל ניט זײַן קליגער פון מײַנע קינדער! — האָט זי מיט אַקשאָנעס געשריִען.

— פאַראַן נאָך פּונקטן?

די אַלטע האָבן ביידע געשוויגן.

— אַפּאָנעם, אז ניין, איז ווי, פאָטער, איר נעמט אָן די טנאָיִם.

— כע־כע־כע — האָט דער סטאָליער געענטפערט מיט א גע־בראָכן געלעכטער — נו, כ׳נעם אָן.

דער איידעם האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אן אָנשטעל פון פײַערלעכקײַט אָנגעגאָסן גלעזלעך. מע האָט געטרונקען לע־כאַיִם איין מאָל און נאָכאַמאָל. די אַלטע האָבן זיך געמונט צעקושן. פונעם וואַרעמען עסן מיטן ביסל ווײַן האָבן זיך זיי־ערע געקנייטשטע פּנימער שמייכלענדיק געראָטלט.

אַפּ מאָרגן איז כאַנע־ראָכל אוועקגעפאָרן מיט איר גער־שענען אַהיים.

נאָך אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום, פאַר יאָמים-נויראָיִם, האָט זי אים ווידער אוועקגעוואָרפן, אוועק צו דער טאָכטער אין וויניצע.

— קומט אונטער א יאָנטעוו, איז מיט אים א מוטשע־נינע — האָט זי זיך פאַרענטפערט.

— ווי, באַבושקאַ, בעזבאָזשניצאַ — האָט דער איידעם, דער וווּקסיקער רויטער קאָמאַנדיר מיטן בלאָנדן קאָפּ, געשפּאַסט.

— איך ווייס — האָט זי רויִק געזאָגט — אויב קיין גאָט איז ניטאָ, איז ער דאָך פאַר קיינעם ניטאָ.

• •

„אויב ניט נאָך העכער"

איזי כאַריק

★

דורכזיכטיק, אומעטיק, אין שײַן
דערברענענע שוין די אָונטיקע ליפּעס...
וואָס וועט זײַן? — עס וועט באַלד יאָנטעוו זײַן,
די הײַזלעך גיסן אָן זיך מיט יאָנקיפּער.

אין גרויע הײַזלעך ברענען ווײַסע ליכט,
און ווײַסע ייִדן גייען צו קאָלנידרע.
און ס'האָט די לערערן דערפילט זיך אומגעריכט
אַזוי אַליין. עס יאָנטעווט נאָך ייִדן, —

באַלד וועט בא זיי ווערן העל אין שול
און אפן גאַס — איז אויסגערוט און ליידיק.
זי האָט זיך הייס א ריס געטאָן פון שטול,
ווי ס'וואָלט איר עמעץ ווייטעקדיק באַליידיקט...

אין אויסגערוטער בלויקײַט פון דער נאַכט
שטייען קאָמיוגיסטן אין איין בינטל.
— פאַרוואָס האָט מען קיין אָוונט ניט געמאַכט?
— וווּהין זאָל מען זיך, כאַווערטע, אהינטאָן?

— אַזוי, אַזוי, און עפּעס מוז מען טאָן,
— אַך, כאַווײרים -- ברידער מײַנע — יאַטן!

י איז אוועק.
עבראכט מיט זיך א פאָן,
און ס׳האָט די פאָן, ווי זי אליין, געפלאַטערט.

און איינס נאָך איינס,
און איינס נאָך איינס,
האָט מען צעשטעלט זיך אין דער לענג,

און איינס נאָך איינס,
און איינס נאָך איינס —
פארזינגענ זיך שוין אלע...

און ס׳האָט דער הימל הויך א בלווילעכער געבענקט,
און שטערנ זיינען בלווילעכע געפאלנ...

דערנאָך, —
ווענ יידנ זיינען זיך פונ שול צעגאנגענ,
האָט זיך יעדערנ געדאכט:

אינ גרויסער שטילקייט פונ דער נאכט
גייט אופ א ליכטיקע פאלאנגע,
גייט אופ א ליכטיקע פאלאנגע
אינ ווייסנ וווּנדער פונ דער נאכט.

און ס׳האָבנ יידנ זיך פארטראכט...

● ●

ווײַסקײַט

איזי כאַריק

★

אַ ווײַסע לעוואָנע, אַ גרויסע, אַ שטומע
האָט פּלוצלינג אַ שטיק פֿון דעם הימל פֿאַרנומען.

אַ ווילדע געטראַכט, זיך דערשלעפּט ביזן מיטן
און גיך זיך געלאָזן דעריאָגן דעם שליטן.

אַ וויאָרסט נאָך אַ וויאָרסט — און עס שיטן זיך שטערן.
און סאָסנעס אַנטקעגן — פֿאַרווייעטע בערן...

שליטן, דו שליטן, — אין זילבערנע רויכן,
דיך יאָגט אַ לעוואָנע און קען ניט דערגרייכן.

שליטן, איַי — שליטן, איַי — שליטן, איַי — שליטן,
עס יאָגט זיך די ראַכוועס און דו ביסט אינמיטן.

●

ווער איך דערציילן אײַך אַ מײַסע,
וועלכע וועט געשען באַלד.

נאַכט
און שטערן,
קלאָרע ווײַסקײַט,
קלאָרע ווײַסקײַט און אַ וואַלד.

זיצן זיי באַצווייט אין שליטן,
און דער שליטן — אין געלויף...
יונגע בלוט און יונגער ציטער
האָט דערגרייכט שוין ביזן שלייף...

ווײַסע נאַכט — אין פּערלמוטער,
ווײַסע שטילקייט איבער זיי.

— „אײַ, דו באָכער, אײַ, דו גוטער,
וואָס־זשע זיצסטו שטיל אַזוי״?

— „אײַ, דו מיידל״,
— „אײַ, דו באָכער״,
— „באָכער — מיידל — מיידל — מויד״.

איז דער פערד אין שניי פאַרקראָכן
און ער גייט שוין שטילערהייט.

זאָל ער גיין זיך!
נאַכט — אין ליבע,
נאַכט ווערט הײַנט פון היץ צעשפּאַרט.
איז דער שליטן שטיין געבליבן
און דאָס פערדל שווײַגט און וואַרט.

● ●

און דאָס שטעטעלע רעדט...

איזי כאריק

★

אזוי האָט מען נאָכדעם אין שטעטל גערעדט,
אזוי האָט מען נאָכדעם דאָס מיידל בארעדט:

...שטילקייט און בלויקייט און זיי זאלבעגאנד
און הינטערן פענצטער דער פערד איז געשפאנט.
— „קום, זאָגט ער, לאָמיר איצט פאָרן אין דאָרף,
מיין עמעסע ווייב וועסטו ווערן און — גאָר,
אז קוק, וואָס דו האָסט פון מיר, מיידל, צעמאכט"...

און זי האָט זיך הילכיק־און־הילכיק צעלאכט.
— „א ליבע צו פירן איז טאקע קעדיי,
נאָר מיר, זאָגט זי, ווילט זיך זיין האָפערדיק־פריי.
קום, זאָגט זי, מאָרגן צו מיר אפדערנאכט".
— „נו?" — פרעגט דאָס מיידל דעם באָכער און לאכט.
— „נו?" — זאָגט דער באָכער און שעמט זיך און לאַ־אכט.
— „גיב מיר א וואָך אפ באטראכטן די זאך".
— „נא דיר א וואָך אפ באטראכטן די זאך".

דערנאָך פלעגט ער קומען שוין פון קאָלעקטיוו
אָן כופע, אָן קדושן, — איר האָט א באגריף?
אָן כופע, אָן קדושן — ס'איז גוט שוין און רעכט.
אזוי האָט דאָס מיידל איר לעבן פארשוועכט.

אזוי האָט מען נאָכדעם אין שטעטל דערציילט,
און דאָס האָט מען נאָכדעם אין שטעטל דערציילט.

● ●

א נײַ הויז

י. זעלדין

★

גאסן פליסן מיר אנטקעגן,
הײַזער הויערן פאר מיר —
איך האָב שליסלעך צווי געקראָגן,
צו א טויער, צו א טיר.

ווילט זיך טומלען און בארימען
און דערציילן קליין און גרויס:
כ'האָב באקומען הײַנט א צימער
אין א שפּאָגל נײַעם הויז.

בין איך שיכּער אָדער ניכטער,
אָדער טרוים איך אפן וואָר?
איך האָב נעכטן נאָך גענעכטיקט
אין א קאלטן קאָרידאָר.

און מיט הייסן לײַב געוואָרעמט
דעם פארפראָרענעם צעמענט,
און צוקאָפּנס קישנס דארע —
צווי פארהאָרעוועטע הענט.

איצטער לויף איך, ווי א זיגער,
גאס ארויס און גאס ארײַן, —
כ'בין א היגער, כ'בין א היגער,
שטאָט איז מײַן און אלץ איז מײַן.

מעג שוין קנאקן בייזער ווינטער
און זיך רײַסן אויסן הויט, —
ס'איז דאָס ערגסטע שוין אהינטער
און פאָרויס איז בלויזע פרייד.

יאָג ניט, טראָג זיך ניט, קאָנדוקטער,
שטעל מיר אָפּעט דײַן טראַמוויי,
בירגער ווירדיקע, וואָס קוקט איר?
מאַכט אַן ערטעלע מיר פרײַ!

„רוקט זיך, האָט ניט קיין פאריבל,
ס'איז פון פאָרנט נאָך געראַוים, —
בירגער ווירדיקע און ליבע,
לאָזט, איך פאָר צו זיך אהיים".

• •

סטודענטישע מאָטיוון

ב׳ אליעווסקי

★

1

אין שטומע נעכט — פאָרפרעס איך שטײַף די ציין
און זינג אין זיך מיט צוגעמאַכטע אויגן,
אין שטומע נעכט איך גיי אַראָפּ אַליין
און טוליע צו דעם קאָפּ צו פרירנדיקע שויבן.

כ׳באַטראַכט דעם דיל, די אָפּגעקלאַפּטע ווענט,
דעם צימער, וווּ כאַווײַרים מײַנע שלאָפן, —
אָט שלאָפט וואַסיק — צוקאָפּן מיט די הענט,
און דער זיריאַן, דער אײַנוווינער פון צאָפּן,

פון דער געגנט קאָמי — וווּ די הויכע שטערן
ווײַזן אָן די וועגן צו דעם ווײַסן יאַם, —
וווּ צו ברעגן שטרענגע אַף די ווײַסע בערג
גייט אין יאַגד אין שווערן שטענדיק דער זיריאַן...

און די ערד — אַ וויסטע, און די זון — אַ רונדע,
און די זון אַ שווערע דרייט אין יאַם זיך אום;
און זײַן גוואַר, דער טאַטע אין דער טויבער טונדרע,
אונטער הויכן צעדער זינגט אַ ליד דער זון...

נאָר דער צימער זינגט ניט, נאָר מע ליגט צעצויגן —
יעדערער פאַרנורעט רויק אין זײַן בעט;
דער קאַלמיק דער יונגער מיט די שמאָלע אויגן,
מיט די ברייטע קינען אינדערפינצטער רעדט, —

רעדט פון אסטראכאנער אָנגעהיצטע סטעפּעס,
ווו קאלמיקן האָבן יורטעס און קומיס, —
ווו די קעמלען כראָמטשען אויסגעדארטע שטשעפּעס,
מאלעגיירען רויק אף די הויכע פיס...

און קאלמיקן אַלטע האָבן שטרענגע ברעמען,
ווי די ליד די שטרענגע וועגן טשינגיס־כאַן,
און די גרינע כוואַליעס, ווי האָרבאַטע קעמלען,
טראָגן מיט דער וואָלגע פיש קיין אסטראכאַן.

אוי, דו טייַך, דו וואָלגע — וויפל דינע וועגטקעס
פלעג איך דיר פארוואַרפן ס'פאסטעכל וואַסיל?
כאָלעמט זיך הַעם באָכער איוואַנאָ־וואָזנעסענסק גאָר,
און די נייַע פאבריקע, וואָס ארבעט אויס טעקסטיל...

און טויזנט וויאָרסט פון מאָסקווע, צען טויזנט פון קאָמי,
ווייַט פון הויכע בערג און ווייַט פון בלויע יאַמען,
בא א שליאַכ א ווייַסן לעם דער שטאָט זשיטאָמיר,
איז פאראַן א יישעוו, איז פאראַן א מאַמע...

ליגן די כאוויירים, ליגן אויסגעצויגן,
און די טישן ליידיק און דער דיל איז הויל.
עפנט דער קאלמיק אויף זייַנע שמאָלע אויגן,
שטייט אויף דער זיידאַן און עפנט אויף דאָס מויל;

ווערט די ליד פון פעלקער אַזוי רוישיק עפּעס,
אַז איך זינג פאַר אַלע — פאַר די אַלטע קאָמער,

פאַר די אסטראכאַנער און קובאַנער סטעפּעס,
און פאַר גרינע דערפער ארום שטאָט זשיטאָמיר,

פאַר די ניסן־ביימער, פאַר דעם הויכן צעדער,
פאַר די וואָזנעסענסקער און דובראָוונער וועבער...

● ●

אָפּרו

כאַנע לעוויִנ

★

ניט קיינ יאָנטעוו, ניט קיינ כאָגע,
נאָר די פרייד איז פול אונ גרויס,
וויִנטנ שעפּטשענ, ווינטנ זאָגנ,
אז מע פאָרט אינ אָפּרו־הויז!
שפּיל, האַרמאָניקע, צעגיס זיכ,
ווײַז, וואָס קאָנסטו, נו, שוינ נו.
עלף כאַדאָשימ צו דער אַרבעט,
אונ דער צוועלפטער צו רו.
עלף כאַדאָשימ צו וואַרשטאַטנ
צווישנ שטיינ אונ גלאָז.
אונ דער צוועלפטער צו פעלדער
אונ דער צוועלפטער צו גראָז.
נו, צעבייגט זיכ הענט אונ פּלייצע,
באָמקעט פיסלעכ צו צומ טאַקט;
ביזנ וואַלד אונ ביז די פעלדער
פירט א לאַנג פאַרשטויבטער טראַקט.
קומענ אַרבעטער,
קומענ אָנ פונ טאָל,
פונ וואַרשטאַט, פאַבריק,
פונ אַנשטאַלט, זאַוואָד;
פונ אַלע זײַטנ שיקט
דער פאַבקאָמ פונ שטאָט,
פונ אַלע זײַטנ שיקט

צו דער גרינער רו,
צו דעם גרינעם גראָז,
צו דעם הויכן בארג
פון אנשטאַלט, זאַוואָד,
פון פאבריק, ווארשטאט.

● ●

נאפטאָלע באָטווין

מ. טייף

★

כ'האָב הײַנט א גאנצע נאכט געזונגען
אונטער קלונג פון שטערנדיקן שרויט, —
פרײַנט, מיר זײַנען ביידע יונגע,
נאָר דיך האָט אויסגעמעקט דער טויט.

אַזויפיל צײַט... איך קאָן דיך ניט פארגעסן,
איך זוך דיך, פרײַנט, פון לאנג, פון לאנג,
אפ מאָסקווער אויסגעקרימטע געסלעך
דערמאָנט דיך ווידער מײַן געזאנג.

דו הערסט, מײַן פרײַנט, איך זאָג:
פון טעמזע, ריין און דניעפּער,
אָנשטאָט דײַן קאָפּ צעשפּאָלטענער,
זיך הייבן נײַע קעפּ!

דו הערסט, מײַן פרײַנט, איך שווער:
מיט הארץ, און ביין, און גליד
איך וועל אין ווארשע בא דײַן דענקמאָל
לייענען די ליד!

● ●

לוניאָל

מ. כאשטשעוואצקי

★

אין גרויסן קרעמל־זאל, צווישן זיצונג און באראטונג,
אפ הויכן שטול, באדעקט מיט שניי־ווייסן טשעכאָל,
האָט זיך א נעגער צוגעזעצט פארמאטערט, —
א נעגער מיטן נאָמען לוניאָל.

פון הויכן שטול פון דעם, מיט קרוינ באצירטן,
דאָ האָבן הערשער גרויזאמע געוועלטיקט איבער לאנד,
און מיליאָנען קנעכט, בארויבטע און פארפירטע,
געהאנגען זיינען אפ דער רוט אין שווערער האנט.

און כניפעדיקע ראָד פון פאלשע דינער
מיט גיפט אין הארצ, מיט זיסע רייד אין מויל,
דעם הייסן דאָרשט פון בלוטנדער מעדינע,
געשטילט האָבן מיט שטריק, מיט בליי און קויל...

...און לוניאָל — א נעגער פון דער הייסער קאָנגאָ־געגנט...
אפ שווארצן לייב, וואָס איז פון זון פארברענט,
וואָלט מען ביז איצט געוויס זיי נאָך דערקענט —
די שארפע צייכנס פון די באמבוק־שטעקנס.

ער האָט געוויס נאָך פארגעדענקט ביז איצט
די שווארצע נעכט און גליענדיקן דאָרעם,
ווען ס'האָבן ציין אָנמעכטיק זיך פארקריצט
און פויסטן זיך געדריקט אין שווערן צאָרן...

...צעברעקלט איז די רוט פונ ווילדער מאכט,
ס'איז הערשאפט גרויזאמע, ווי אש צעשאָטנ,
אונ ניט קיינ שקלאפ האָט שוינ אינ שטורעם-נאכט
די הויכע שוועל פונ קרעמל-זאל באטראָטנ.

די שווערע שטילקײַט פונ די קרעמל-ווענט
צעהוידעט איז פונ היימישנ געווימל,
אונ ס'הערנ צו געוועלבנ, ווי פארשעמט,
פילשפראכיקנ גערייד פונ בונטע שטימענ.

אונ קומט איצט ווער אהער, אונ טראָגט ער האס
אונ מוט אונ מוירדישע אימ ברענט אינ די געבליטנ,
איז ער א כאווער דאָ, איז ער א גאסט,
איז ער מיט אלעמענ באגלײַכ פארביטנ...

אפ הויכנ שטול מיט זויבערנ טשעכאָל —
א נעגער מיטנ נאָמענ לוניאָל...

● ●

צוג

א. קושניראָוו

★

נו, גענוג!
אָפּגערוט און איבערכאַפּט דעמ אָטעמ —
צײַט אינ וועג אײַנ זיכ לאָזנ ווײַטער,
צוג, מײַנ צוג!

די וואַגאָנעס אײַזנ-פּעסט געבויט,
איינס און איינס, און אויסגעפּרווט איז יעדער
פונ דער האַרטער גלאַנצנדיקער הויט
ביז די שווערע שווינדלדיקע רעדער.

און אינ שפּאַנ — אַזאַ לאָקאָמאָטיוו:
אינ געלויפ מיט אימ זיכ ניט פאַרמעסטנ,
ווענ ער שפּרינגט אַריבער טיפסטע טיפ,
ווענ ער שלינגט פונ אונטער זיכ די ווערסטנ.

ס'האָבנ יונגע און פאַרגלייבטע הענט
אַרומ אימ כּאַדאָשימ זיכ געפּאָרעט,
ער זאָל יאָגנ, ער זאָל טראָגנ זיכ אינ וועלט
מיט א רויטנ שטערנ אפנ פאָרנט.

אַלע פעלדער איצטער אינ מײַנ לאַנד
אונטער ווײַסע שנייענדיקע פעלצנ.
און עס יאָגט זיכ און עס טראָגט זיכ נאָכאַנאַנד,
און עס לויפט, און לויפט, און לויפט דער שנעלצוג.

נאָר דער שווינד פון רעדער ווערסטן האקט,
נאָר די שויבן ליכטיקייט צעטרייסלענ...
און וואגאָנעס פול און פול געפּאקט —
יונגע אימפּעטיקע, זינגענדיקע, הייסע.

הייסע יונגע אין די שויבן אָנגעשפּארט,
קעפּ אפ קעפּ אין ליכטיקייט זיך באָדן.
און אין יעדערן פון זיי דאָרט זיצט א הארצ
אָ, א הארצ... מיט ברויז אָנגעלאָדנס!

עמעצער די פויסטן דריקט צונויפ
און מיט ציין פארקריצט שוין דאָרטן עמעצ,
ווען דער צוג אין אימפּעטיקן לויפ
שטויסט זיך אָן מיט שטערן אין א גרענעצ.

עפּשער איז געקומען שוין די צייט
אויסלאָדן מיט וואָס די הערצער ברויזן...
אָט די גרענעצן — אפ ווערסטן ווייט —
אָט... צעשפּארן זיי אפ עטלעכע טויזנט!

דו אזעלכער, דו אזוינער, דו, מיין צוג!
נאָך פאראן פאר אונדז א וועלט א ווייטע —
איבערכאפּט דעם אָטעם — און גענוג!
צייט אין וועג אריין זיך לאָזן ווייטער!

● ●

3-טער
טייל

צומ קאַפּיטאַנ

איציק פעפער

★

ניט געוואקלט.
קאלט
אונ קלאָר
שווימט די שיפ פונ אונדזער דאָר...

אפֿנ בריקל שטייסטו פעסט,
יעדער בליק
די ווײַטנ
מעסט...
יעדעס וואָרט
אינ גרויקײַט
גליט,
פירנ קאָנסטו, ביסט געניט!

ס'האָט דער לערער פארנ טויט
דיר אפֿ יאָרנלאנג פארטרויט
אי זײַנ כאָכמע אי זײַנ שרויט
אי דעמ סאָד פונ שטאָל אונ ברויט..
פירסטו איצטער קלוג אונ טיפ
אונדזער שווערע יונגע שיפ!..

האָסט גערופנ:
ברודער, קומ!

ס׳רינגלט
שווארצקײַט
אונדז ארום,
ווילדע פיש פון פרעמדן ברעג
גיסן שווארצקײַט אפן וועג...
אונדזער פלייש
איז יונג
און פריש,
גלאנצן אויגן בא די פיש...
אונדזער בלוט
איז יונג
און ריין, —
קלינגען בא דעם טויט די ציין.
רופ
און שאף
און ס׳איז געגאנגען...

— — — — — — — — — —

בראוואָ, בראוואָ, קאפיטאן!
קלוגע מענער אפ די בערג,
העכסטע
האָבן ניט באמערקט,
ניט דײַן שיינקייט,
ניט דײַן מאכט, —
אפ די בערג האָט מען געלאכט...

בראוואָ,
בראוואָ,
ס׳ליגט
דער ריז,
ס׳ליגט דער לייב צו דײַנע פיס!

ריזן ריזיקע באַזיגט...
זייער גרויסקייט איז צעפּליקט,
זייער כאַכמע ליגט פאַרקלעמט
אין די קייטן פון דער פרעמד,
ס'האָט דער יאַם אַפּ אונדזער ברעג
נעמען זייערע פאַרמעקט!
איבער אונדזער
דאָרף
און שטאָט
האָט מען פון די בערג געדראָט:
„זעט, סע לעשט זיך אונדזער זון,
און איר פירט די שיף צום גרונט".
קאַפּיטאַן!
דו האָסט געפאָלגט
אונדז,
די זין פון מי,
פון פאָלק!
אַ צטער הילכט דאָס גאַנצע לאַנד:
לעבן זאָל דער קאַפּיטאַן!

קאַפּיטאַן!
ס'איז שווימען שווער...
ס'פרעסן הויכע יאַמען-בערג,
און פון ברעגן און פון רוים
שלאָגט מיט סינע און מיט שוים...
איבער
ווערסטן
פונעם יאַם
ברענט
און בלענדט
אַ ווײַסער פלאַם...

קראפט און פולווער
איז פאראַנ...
פיר אונדז ווײַטער, קאפיטאנ!

ביזנ הילכ פונ לעצטנ שאָס
וועל איכ בלײַבנ דײַנ מאטראָס.
ניט געוואקלט,
קאלט
און קלאָר —
פיר די שיפ פונ אונדזער דאָר!

● ●

סטאלינ

כ. גילדינ

★

ניט יעדנ איז באשערט,
ניט יעדנ איז געראָטנ
א לעבנ זיכער גיינ
אונ אויסמיידנ א גליטש, ניט יעדנ איז באשערט
דורכ שטעכעוודיקע דראָטנ
דערטראָגנ יענע גאָב, וואָס האָט געלאָזט איליטש.

מיט דרייסט פונ יאָרנ שלאכט געראונצלט איז דיינ פּאָנעם,
פארקערפערט אינ דעמ בליק אנ אומרויִקע רו,
פארמאָגט נאָכ עמעצ ווער
אזוינע בייזע סאָנימ?
פארמאָגט נאָכ עמעצ ווער
אזוינע פריינט ווי דו?

ווו זיינענ, זיי אצינד די העלדנ פונ פּאכדאָנעס,
וואָס האָבנ אונדזער שווונג געהאלטנ פאר דער האנט?
מיט אופגעשוימטער פרייד,
מיט טראקטערנע קאָלאָנעס
אינ קאָלעקטיווג מארש
א דאָרפ צו דערפער שפּאנט!

אינ אימפּעט רוישט דאָס לאנד מיט נייע דניעפּערבויענ,
אונ מיליאָנענ הענט זיי טראָגנ הויכ די פאָנ.

א לאַנד, וואָס קאָן איר גליק אַזויפיל העגט פאַרטרויען,
איז ווייניק א טורקסיב, און קליינע א וואָלגע־דאָן!

די שיף איז צענדליק מאָל געשווומען צווישן ריפן,
און בלינדע האָבן זיך צעברילט: „א נייעם ווענד“,
נאָר סטאַלין האָט געשעפּט פון לענינישע טיפן
און רויִק אונדז דערפירט צו בליִענדיקע רענד.

טאָ זײַ באַגריסט!
נאָר דיר באַשערט איז קאָנען
באַשיצן אַזוי טרײַ דאָס לעניניש געבאָט,
ווײַל שטענדיק האָסט געקאָנט אין גאַנג פון מיליאָנען
פאַרצווײַגן אַזוי פעסט דײַן זיגעוודיקן טראָט.

• •

בויונג

פ. מארקיש

★

די פײַערנ פונ דער בויונג אינ סטעפ האָבנ אָנגעהויבנ גײנ אפ דער שטאָט.

דאָס צוועלפוויאָרסטיקע צוזאמענגעפלאָכטענע בוי־געוועב אינ דער הייכ אונ אינ דער ברייט האָט ווי א ווונדערלעכער סטעפנ-ריז געוואָרפנ דער שטאָט — דער הויפטשטאָט פונ אוקראינע פײַערנ.

פײַערנ, ווי ראקעטעס,
פײַערנ, ווי ווערטער,
פײַערנ, ווי ציפערנ.

ווי גאָלדענע באריכט-ציפערנ וועגנ דעמ גאנג פונ דער בויונג.

אונ אָט איז שוינ אויסגעשריבנ אינ דער געדיכט-בלויער לופט פונ אנ אָנהייב־הארבסטיקער שטאָלענער נאכט איבער דער הויפטשטאָט פונ אוקראינע, — אָט איז שוינ אויסגעשריבנ מיט פריידיקע מיט אופגעשטיגענע פײַערנ א ליכטיקע מעלדונג, ווי גרויסער פליענדיקער פלאקאט:

„— דרײַ טעג אונ דרײַ נעכט שטורמעוועג מיר די בויונג! מאָביליזירט זיכ פרײַוויליק אפ באנאכטיקע בוי־אטאקעס!"

ערגעצ אינמיטנ סטעפ, אינ אופגעווינטיקטע באראקעס האָבנ שוינ געארבעט צוויי דרוקערײַענ. צוויי מאָל אינ טאָג זײַנענ דערשינענ פלוג־באריכטנ. אונ דורכ א ראדיאָ-אפאראט, וואָס איז אופגעזעגלט אינמיטנ סטעפ, רעדט די בויונג מיט כארקאָוו,

מיט מאָסקווע, מיט דאָנבאַס און מיטן גאַנצן לאַנד און ראַ־פּאָרטירט:

„— די אַרבעט אַרום דעם מאָנטאַזש־צעך וועט זײַן פאַרענדיקט אויפן צוויי־און־דרײַסיקסטן טאָג. אויף צוועלף טעג פריִער פאַר דעם טערמין. הײַנט איז די דריטע שטורעם־נאַכט!"

און שאָטנס, אומגעווײנלעכע שאָטנס פון קאָרפּוסן האָבן זיך געלייגט איבערן סטעפּ אײנעם מיט דעם, ווי די וווּנדערלעכע בוי־געשטאַלטן האָבן זיך געצויגן אין דער הייך.

עס רײַסן זיך לאָקאָמאָטיוון איבער דעם אויפגעוועקטן סטעפּ־מאַסיוו. זיי שפּאַצירן דאָ שוין אַרום — פרידלעכע, פאַרשטאַנענ־געוואָרענע פון די סטעפּישע ברייטן. זיי שפּאַצירן אַרום — געשיקטע פון אײן עק בויונג צו דעם אַנדערן מיט קלוגער באַזיניקטער דינסט. און זייערע אויפרײַסנדיקע פײַפערײַען לייגן זיך אויפן סטעפּ און אויפן האַרץ, ווי אַ נײַער אַלעפבייז פון דעם סטעפּ. ווי די קינפטיקע שפּראַך פון אָט־אָ דער שטאָט, וואָס בויט זיך. ווי אָנזאָגן. ווי גוטע, פאַרשטענדלעכע אָנזאָגן.

אַ צוועלפוויאָרסטיקער שעטעך, פאַראָשטשינעט מיט שטיינער און בעטאָן, מיט שטאָל און מיט זאַמד, מיט ליים און געהילץ — ווערט געקנאָטן פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, אויסגעמישטע אין איין וווּנדערלעכער קראַפט, ווערט געקנאָטן און געפורעמט פון איין ווילן, פון איין דראַנג, ווו אַלע אײנ־ציגע שרײַען זיי אַרויס דורך דעם ריס און געשטיג פון אויפ־גייענדיקער צוקונפט.

אַלע אײנײנעם, ווי בלוט־קײַלעכלעך צירקולירן זיי אין אָט דעם נײַעם רויען לעבן, וואָס ווערט אָט־אָט געבוירן. וואָס כאַפּט זיך אָט־אָט אויף. וואָס שטאַמלט אויס די ערשטע, די פרישע, די וווּנדערלעכע „אַלעפּ".

עפּשער זעט עמעצער, ווי אין אַן איבערײַס לויפט דער כאַ־ווער כאָלאָדענקאָ צום אַפּאַראַט און רעדט מיט דער הויפּטשטאָט,

אַ הײזעריקער. ווי ס'פּיבערן זײַנע שיקלדיקע אויגן. און ווי ער זאָגט דער גאַנצער הויפּטשטאָט פון אוקראַינע:

„— דו!"

„— שיק מיר, כאָווער פּאָרזיצער, מענטשן! היינט איז די לעצטע שטורעם-נאַכט. דער מאָטאָר אפן זעקסטן באַ־ צירק האָט געגעבן א קרעכ. מענטשן! שיק וואָס מער מענטשן!"

אין שטאָט איז א רעגן. דער ערשטער האַרבסטיקער רעגן. — א קלעפּיקער. אין די נאַסע גלאַנציקע אַספאַלטן ווייקט זיך א שווערער, א כמאַרנער, א רעדנעוואַטער הימל. טע־ לעגראַפן־דראָטן כאַפּן א ציטער. נאָר טראַמוויַען זײַנען פול. אַרומגעהאַנגען און אַרומגעקלעפּט.

ווי איבערגעפּילטע שיפלעך גייען זיי אָפּ פון טעוועליעוו־ פּלאַץ דורך דער אַלט-מאָסקווער גאַס איבערן הילצערנעם בריק פונעם טײַך לאָפּאַן און קומען פאַרשפּריצטע צום „געז" און צום „כ. פּ. זע.", ווען ס'איז שוין טונקל. און פון דאָרט איז ווי זאָלסט זיך ניט א קערווע טאָן און ווי זאָלסט זיך ניט צורירן מיט דער האַנט, ביסטו אפ דער בויונג.

גייען טראַנספּאָרטן אפ א שטורעם־נאַכט. מיט געזאַנג און מיט פאָנען. אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. אַרמייער און קאָמ־ יוגיסטן. א האַלבער נאַרקאָמפּראָס און רעדאַקציעס און שרײַ־ בערס, — מע גייט זיך אָנטרינקען מיט א שטורעם-נאַכט אפ דער בויונג.

יעדער אַנשטאַלט האָט אַרויסגעשיקט זײַן פאָן און זײַנע פּריַיוויליקע און מע גייט, ווי אפ א גרויסן יאָנטעוו.

●

און אין שטאָט איז א רעגן. א קלעפּיקער האַרבסט־רעגן. אָבער די פײַערן פון סטעפּ לעשן זיך ניט. עס וויגן זיך מענטשן-מאַכנעס. מע גייט אפ א שטורעם־נאַכט. ס'איז בלאָטיק אונטער די פיס. נאָר ס'איז שווערער אָפּרײַסן די אויגן פון

די פּאָכעדיקע פּײַערן, ווי ארויסרײַסן די פיס פון די אויסגע־ווייקטע קלעפּיקע ליימען.

און מע גייט.

און מ׳איז געקומען.

נייטן האָט זיך פארוואונדערט:

— וואָס וועלן זיי דאָ טאָן?

— א מיטינג וועלן זיי דאָ מאכן?

אין איין האלבער שאָ ארום זײַנען אלע אָנגעקומענע שוין געווען פאנאנדערגעוואָרפן אף פארשיידענע טיילן פון דער בויונג.

ארומגעבונדענע מיט גארטלען ארום די פידזשאקעס, אָנגע־טאָן אין שטיוול האָט מען זיך איינגעשפּאנט אין נאָסילקעס און מ׳האָט א קלעטער געטאָן דורך דיאגאָנאליק-אויסגעלייג־טע לייטערס.

דער באָדן איז געווען אינגאנצן צעווייקט פון דעם רעגן. דער סטעפּ האָט זיך געגליטשט פון אונטער די פיס און גע־שריגן אונטער יעדן טראָט באזונדער. פרײַוויליקע, מאָביליזירטע אף דער שטורעם-נאכט, ניט געוווינטע צו אזא ארבעט האָבן זיך אלע ווײַלע אויסגעגליטשט. און אויסגעשמירטע אין קלעפּיקער ליים האָבן זיי זיך מיט געלעכטער געטראָגן ווײַטער. דער סטעפּ האָט געגלאנצט פון באלויכטנקײַט און די פּנימער האָבן געגלאנצט פון שווייס און פון דערוואַרעמטקײַט.

די צווייטע שאָ איז שוין די ארבעט געגאנגען פרײַלעכער. אין דער דריטער שאָ האָבן זיך שוין אלע געקומענע געפילט פאר אלטע ארבעטער מיט גרויסע ארבעט־סטאַזשן. מע האָט זיך געשרויפט אף ספּיראלן, אָנגעלאָדענע מיט מאסע — הין און צוריק. און וואָס איז זיי אָנגעגאנגען דער רעגן? און וואָס איז דען אָנגעגאנגען די צעווייקטע, די קלעפּיקע בלאָטע אונ־טער די פיס? וואָס א שאָ ווײַטער, אלץ מער איז אויסגערי־בן געוואָרן די אומגעוווינטקײַט. אלץ מער זײַנען זיי ארומגע־וויקלט געוואָרן מיט א געפיל פון אזארט.

און נייטן האָט יעדן איינציקן, וואָס האָט אים געבראַכט צו טראָגן מאַטעריאַל, געקוקט אין פּאָנעם:

— א מאָדנע לאַנד! און מאָדנע מענטשן!

— אָט נעמט מען דיר און מע הייבט אוף א האַלבע שטאָט אינמיטן דער נאַכט און מע קומט אין א רעגן און אין א בלאָטע און מע שפּאַנט זיך דיר איין אין נאָסילקעס און מע ווערט שיִר ניט דערהאַרגעט טראָגנדיק. און מע וויל זיך גאָר אפילע ניט אָפּרוען! אָט האָסטו דיר! אז ס'איז בא זיי אַלץ מאָדנע!

— אָדער מע שטעלט זיך דיר אַוועק אינמיטנדערינען מיט א בענקעלע פון דריי ציגל און — „זאַקוריוואַי!" אָדער מע שטעלט זיך אַוועק אינמיטן דער נאַכט, ווי משוגאָים, און פאַר איין נאַכט בויען זיי אויס א האַלבע וועלט. און ס'איז זיי נאָך ווייניק! און מע יאָגט. און מע איילט. און מע ווערט שיִר ניט דערהאַרגעט!

יעדע שאָ האָבן אין דער לופט אופגעפלאַקערט פייערדיקע ציפערן, וואָס האָבן ראַפּאָרטירט וועגן דעם טעמפּ פון דער אַרבעט. און יעדע אַזא אופשריפט איבער דער בלויער גע־דיכטער נאַקעטער הייך איז באַגלייט געוואָרן מיט נייגעריקן טומל.

אַכצן טויזנט אַרבעטער און אן אומגעציילטע צאָל געקו־מענע פרייוויליק אַפּ א שטורעם־נאַכט האָבן אָנגעפילט דעם באַנאַכטיקן סטעפּ מיט פריידיקע דויערנדיקע אויסגעשרייען אַפּ יעדן פייערדיקן ציפער, וואָס האָט א ביס געטאָן די הייך. און אַלע האָבן מיט געקרעמפּעוועטן פיבער געוואַרט אַפּ בא־גינען, מע זאָל באַווייזן דעם טאָג און דער זון דעם פאַרענ־דיקטן מאָנטאַזש־צעך.

און אינמיטן איינעם אַזא פריידיקן „אוראַ", ווען פייערן האָבן הויך געמאָלדן אַריבערשטיגנקייט אין דער אַרבעט, איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן אַפּ דער גאַנצער בויונג.

א רעגע איז מען פאַרגליווערט געבליבן אַפּן אָרט. און דער פריידיקער אויסגעשריי איז פאַרשטיינערט געוואָרן אין דער

נאכט. ס'האָט זיך ווי מיט מעשונעדיקער האַק איבערגעהאַקט און אָפּקלאַנגען האָבן געדונען, ווי בלוט.

איינ ווי:

— עמעצער האָט איבערגעריסן די עלעקטרישע שנורן!

ס'האָט אַ שטראָם געטאָן אַ פינצטערער ציטער איבער דער גאַנצער בויונג, איבער דעם גאַנצן סטעפּ. אַלע קאָרפּוסן זײַנען געבליבן טויט און שרעקעדיק. און באַלד איז געוואָרן אַ טומל אין דער פינצטער. ס'האָבן זיך אַ גליטש געטאָן איבערופן. און באַלד האָט זיך אַרויסגעשניטן כאָלאָדענקאָס קאָל:

— כאַווערים! פּאָרוּיכטיק! כאַווערים געקומענע!..

ס'איז אים פאַרהאַקט געוואָרן אין גאָרגל דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. און באַלד האָט זײַן דערטרונקען-געוואָרן וואָרט ווידער געשווומען אינעם פינצטערן אַרום.

נאָר ס'האָבן זיך דערהערט שטימען פון עטלעכע יאַטן מיטאַמאָל:

— מיר שטעלן ניט אָפּ די אַרבעט!

— כאָלאָדענקאָ! גיי מאַך ליכטיק!

— כאַווערים!

מיט צוויי עלעקטראָ-מעכאַניקער האָט זיך כאָלאָדענקאָ אַראָפּגעלאָזט. די אַרבעט איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין דער פינצטער.

אַרבעטער מיט נאָסילקעס האָבן גענומען פּאָרזעצן זייער וועג אין דער פינצטער. אויסגעגליטשט זיך. געפאַלן. זיך אופגעהויבן און געגאַנגען ווײַטער. די אַרבעט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אין דער פינצטער האָט מען געלייגט די לעצטע פלאַסטן ציגל. אין דער פינצטער האָט מען געמישט וואַפּנע און מיט די הענט אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער די ליניעס פון געבוי. פון איין קאָרפּוס צום אַנדערן זײַנען אין דער פינצטער געגאַנגען שטיקער ליכטיקע געלעכטער. און איין אַרבעטער האָט געמונטערט דעם צווייטן:

— אַרבעט, כעוורע!

— ס'וועט באַלד זײַן ליכט!

אייניקע האָבן זיך אפילע געוויצלט:

— מ'עט דאַרפן אַרויסלאָזן אַ באַריכט אין דער לופט, אַז וויפל גיכער מ'ר אַרבעטן אין דער פינצטער, ווי אין דער ליכטיק!

און די אַרבעט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. איינציקווײַז האָבן אַ שווים געגעבן לאַמטערנס. פון איין לייטער האָבן זיך צוויי אַרבעטער אַראָפּגעגליטשט מיט אַ נאָסילקע און פאַרוווּנדעטע געוואָרן. ס'איז געוואָרן אַן איבעראַש. און בעשאַס כאַוויירים האָבן מיט לאַמטערנס געלאָזט אין דער פינצטער אופהייבן די אַראָפּגעפאַלענע, האָט דער סטעפּ ווידער אַ געשריי געטאָן מיט טויזנטער ליכט.

די בויונג איז ווידער לעבעדיק געוואָרן. אַ הילכיקער געשריי אויסגעמישט פון פרייד און אופגערעגטקײַט האָט באַגעגנט דאָס פײַער. די פאַרוווּנדעטע האָט מען אָפּגעטראָגן אין אַ נאָענטן באַראַק און די אַרבעט איז ווידער אַוועק.

נייטן איז געשטאַנען אַ פריטשמעליעטער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. צי ס'איז דאָ אַ מילכאָמע, צי ס'איז דאָ דער גאַנצער סטעפּ מעשוגע געוואָרן. ס'האָט זיך אים אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט געשריי, מיט ראַש, מיט אומפאַרשטענדלעכקײַט און ס'האָט זיך אים געוואָלט שרײַען. שרײַען. ס'האָט זיך אים אַליין געוואָלט אַזאַ געשריי טאָן, ווי די אַלע צענדליקער טויזנטער מעשוגאָים שרײַען איינינעם. ער זאָל עפּעס אויסשרײַען פון זיך אַזאַ ווייטעק אָדער אַזאַ פרייד, וואָס ער ווייסט אַליין ניט וויאַזוי זאָל ער עס אין זיך אײַנהאַלטן.

און כאָלאָדענקאָ האָט געכליופּעט איבער דעם צעווייקטן קלעפּיקן סטעפּ. ער האָט פאַנאַנדערגעשטעלט וואַכ בא יעדן פונקט. און די אַרבעט האָט אָנגעהויבן אַרײַנגיין אין באַגינען.

ביסלעכווײַז האָבן זיך גענומען באַווײַזן האַרטע פעסטע רע־

ליעפנ פונ קאָרפּוסנ אפנ יונגנ הארבסטיקנ טאָג. יעדער ציגל פונ אָט דעמ געבוי איז געוואָרנ טײַער אונ אייגנ צו יעדער ארבעטער. ווי א קינד, וואָס ס׳זאָל ערשט איצט האָבנ גע־בוירנ געוואָרנ.

דער מאָנטאזש-צעכ האָט אפּ זיכ גענומענ די לעצטע באריר־נ פונ ארבעטער. אָט באלד וועט ער אליינ א געשריי טאָנ אי־נ באגינענ ארײַנ:

— פינפ אזייגער מיט פערציק מינוט האָבנ זיכ צו מיר צוגערירט ארבעטאָרערשע הענט מיט די לעצטע ציגל! איכ האָב אכט הונדערט מעטער אינ דער לענג! עפנט אופ אינ מיר די טירנ אונ פירט ארײַנ אינ מיר מאשינעס! איכ בינ פארטיק!

● ●

אווראַל

איזי כאַריק

★

צווייטע וואכטע.
דריטע וואכטע.
גייט א מאכנע
נאָך א מאכנע.

אלע-אלע-אלע-אל,
אלע גייען צום אווראל.
ס׳גייט דער פליִיציקער אמבאל,
ס׳גייט דער גרייזער קאָמיסאר,
ס׳גייט דער יונגער בריגאדיר,
ס׳גייט דער רויטער קאָמאנדיר,
אלע מיר און אלע מיר:
איין פארגלייבטער בריגאדיר.

ס׳גייט אהער סוראכאני,
ס׳גייט אהער באלאכאני,
ס׳גייט אהער בינאגאדי,
ביבי־עיבאט און סאבונטשי.
אלע-אלע-אלע: — הי!
אלע-אלע-אלע: — מי!

אלע-אל און אלע-אל,
אלע גייען צום אווראל.

ס׳גייט דער פערס מיט צימרינג-הויט,
ס׳גייט דער כיורק, געזונט ווי ברויט,
ס׳גייט דער רוס און דער גרוזינ,
און דער מײַסטער פון בערלינ,
און דער גארבער פון סמארגאָנ,
די גארבאַרעס,
די מאַליארעס,
מאָטאָריסטנ,
טראקטאָריסטנ,
און די שטרענגע מעטאליסטנ
אלע-אלע קומענ אָנ.
אלע־אלע־אלע: — בויט!
און, ווי כנא מעשונע־רויט,
ראנגלט זיכ די זורנע,
זורנע־טארע־טארע־טירע־
זורנע־טארע־קאמאנטשא.
און די טרויבנ—די טראָמבאָנענ
פלאטערנ, ווי בונטע פאָנענ,
העכער פונ אָרקעסטער.

האָט די פידל הויכ דאָס קעפעלע פארהויבנ:
— פײַנ. פײַנ.
האָט די פידל זיס דאָס קעפעלע פארבויגנ:
— פײַנ. פײַנ.
פידל־פײַנ.
פידל־פײַנ.
— מיר וועלנ אלע בויער זײַנ.

● ●

אנטבאלעגופעט

נאָטע לוריע

★

I

די פארזאמלונג האָט זיך אָנגעהויבן ניט אזוי, ווי עלקע רודנער האָט אויסגערעכנט. באלד ווי דער פרעזידיום האָט פארנומען דאָס אָרט ארום טיש, האָבן זיך ערגעץ פון די הינטערשטע בענק דערטראָגן אויסגעשרייען.

— זאָל מען הייַנטריידן וועגן כאָנצען.

— פארוואָס באהאלט מען דאָס...

— ווו איז דאָס ברויט פונעם אמבאר?..

סימכע בערעזין האָט דאָרט אינעם ווינקל אונטערגעטורקעט, געסטארעט זיך, אז מע זאָל אים ניט באמערקן.

— פאר גאנוועענע ברויט... — האָט ער געבורטשעט — פאר גאנוועענע ברויט... וואָס שווייַגן מיר?..

— אונדזער ברויט פרעסט איר!..

— ווו זייַנען די שליסלען?

צוביסלעך, אומבאמערקט האָט די פארזאמלונג גענומען אופלאקערן פון אלע זייַטן, ווי א סקירדע טרוקענע שטרוי.

— וואָס שווייַגן מיר? — האָט עלקאָנעס יידענע געשריען.

— איר מיינט מיר ווייסן ניט?!

— וואָס זיצן מיר, — האָט סימכע בערעזין שטארקער אונטערגעטורקעט די הינטערשטע בענק, — וואָס זיצן מיר, לאָמיר נעמען די שליסלען, לאָמיר גיין צום אמבאר!..

עלקע האָט זיך דערפילט, ווי זי זאָל זיצן אף א וואָגן, און די פערד האָבן זיך צעטראָגן. זי דארף איצט פעסטער אָנעמען

די ליצעס אין די הענט. זי האָט פאַרוואָרפן די בלאָנדע האָר אָפּ הינטער און זיך אָפּגעשטעלט.

צום טיש האָט זיך דורכגעשפּאַרט כאָנצע. זײַן אויסגערונענע אויג האָט זיך אָנגעהויבן צונויפּצין און עטוואָס אונטערגע-פינטלט. ער האָט געפּרוּווט אָנהייבן ריידן און זיך פאַרטשעפּעט אָן אייגענעם צונג.

— דער אמבאַר... נאַט אײַך די... נאַט, — האָט ער אַרײַנגע-פּערעט די האַנט אין קעשענע.

— כאָנצענ ווע֒לן מיר איצט קיין וואָרט ניט געבן, — האָט ע֒לקע אים איבערגעריסן. — זעצ זיך אוועק, דו האָסט קיין וואָרט ניט. — אין צימער איז געוואָרן רויק. — די פראַגע, כאָטש זי גייט ניט אַרײַן אין אונדזער טאָג-אָרדענונג, וועלן מיר, כאַ-ווײירים, באַהאַנדלען, מירן זי באַהאַנדלען פריער ווי אַלע. א וואָרט וועגן דעם וועלן מיר געבן... ווער וויל א וואָרט, ווער שטעלט די פראַגע?..

די כוטעראַנצעס האָבן זיך איבערגעקוקט און אַלע האָבן געוואָרפן זייערע בליקן אָפּ סימכען. קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן. סימכע האָט זיך פאַרוקט הינטער עמעצנס א פּלייצע.

— ווער וויל א וואָרט? — האָט עלקע איבערגעכאַזערט, — דאַכט זיך, אַז סימכע בערעזינ האָט עפּעס געזאָגט. כ'רעכן, אַז מיר וועלן געבן א וואָרט... בערעזינען.

— ריכטיק.

— בראַוואָ!

סימכע האָט זיך אַראָפּגעזעצט, ער האָט דערפילט געדיכטע טראָפּנס שווייס אָפּן גאַנצן פּנים, זיך געוואָלט אַרויסרוקן, נאָר ער האָט אַנטקעגן בא דער טיר באַמערקט דאָוויד-בערן.

— אונדז, כאַווײירים, — עלקע האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון סימכען, — איז די פראַגע קלאָר. קעגן כאָנצען האָט מען דאָ פאַרשפּרייט רעכילעס. סע איז ניט נאָר קעגן כאָנצען, סע איז קעגן אונדז אַלעמען, קעגן דעם קאָלעקטיוו... עמעצער שלאָפט

דאָ ניט. נאָר דאָס איז איצט ניט וויכטיק. א וואָרט וועגן דעם האָט בערעזין... קומט ארויס אהער, נעענטער.

סימכע האָט זיך עטלעכע מאָל אופגעהויבן און צוריק אוועקגעזעצט. ער האָט זיך אפ דעם ניט גערעכט, שטארק פארלוירן זיך און אָנגעהויבן שטאמלען:

— וואָס פרעגט איר מיך... איך ווייס פון גאָרניט. איך האָב גאָרנישט ניט גערעדט און ווייס פון גאָרניט. אדרעבע...

— הייסט עס, אז סע איז רעכילעס, — האָט עלקע אים איבערגעשלאָגן, — אזוי מיינט איר, צי ניט?

— איך ווייס פון גאָרניט, — האָט ער אלץ געשטאמלט, — אדעואבע, זאָג איך, וואָס סע איז שייעך כאָנצען, איז אדעראבע...

— הייסט עס, אז סע שטאמט דאָ פון עמעצן אנדערש, מירן קלאָר מאכן... מירן קלאָר מאכן...

— ער אליין האָט געזאָגט, — האָט עמעצער אויסגעשריען, — וואָס ברייעסטו איצט...

— אפ אונדז וויל ער ארויספאָרן.

— אָט א הונט, אליין בילט דאָס...

— ער האָט גערעדט!..

— ער!..

— מיר ווייסן פון גאָרניט.

— באלעגופ דו מיעסער! קולאק!

עלקע האָט זיך אוועקגעזעצט און אָפגעלאָזט די לייצעס.

— זאָלן זיי טראָגן. ס'עט שוין זיין רעכט!..

II

יאנקעוו אָקסמאנ האָט ארויסגעוואָרפן היפשע לאָפעטעס ליים. ער איז שוין געשטאנען טיפ אין דער גרוב. פלוצלינג האָט כיענע הינטער דער קלוניע אָנגעהויבן הוסטן. ער האָט ארויסגעלאָזט די לאָפעטע פון די הענט, זיך איינגעהערט און נאָכדעם אפ די שפיץ פינגער ארויס.

— וואָסי, — איז ער צו איר צוגעפאַלן, — וואָסי, הא?..

— גאָרנישט... א גערשטן, איז מיר אין האַלדז אַרײַן... גיי, גיי, וואָס געדויערט דאָס בא דיר. מע קערט דאָרטן וועלטן, — האָט זי אָנגעוויזן אפן רויטן ווינקל, — ביז דו וועסט זיך נאָך אויסקלײַבן, כאַסוועכאָלילע...

ער איז צוריק אַרײַן אין דער פינצטערער קלוניע און זיך אַראָפּגעלאָזט אין גרוב. באַלד האָט ער אָנגעטאַפּט די זעקלעך.

אזא ווייץ איז גאָר א שאָד אַרויסצופירן, — האָט ער א טראַכט געטאָן. ער האָט זיך שטאַרק אײַנגעבויגן, עטוואָס א קרעכץ געטאָן און אַרויסגעוואָרפן א זעקל מיט ווייץ איבערן גרוב. נאָכדעם האָט ער אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער א צווייט זעקל, — ע-כע-כע, — האָט ער אין זיך א זיפץ געטאָן, — די אייגענע ווייץ דאַרף מען גאַנוועגען. א וועלט איז דאָס געוואָרן...

אין דער פינצטער האָט ער מיט די געניטע הענט אָנגע־לייגט א וואָגן מיט ברויט, אַרומגעלייגט גוט מיט שטרוי און איז פאַמעלעך אַרויס פון קלוניע.

— קום, לאָמיר נאָכאַמאָל אָנמישן די פערד, — האָט ער קוים וואָס א רוף געטאָן כיענען, — מירן אַליין אויך עפּעס איבער־כאַפּן. זאָלסט מיר דערמאָנען אַראָפּנעמען די קייט פון דער מיל... — ער האָט זיך אַרומגעקוקט, — ביז פאַרטאָג וועל איך, דאַכט זיך, אָנטרײַבן...

זיי זײַנען אַרײַן אין שטאַל.

III

עלקע האָט דערפילט אַן אינווייניקסטע שטאַרק־צעבויטעטע פרייד. זי האָט געפילט אַן איבערפלוס פון געדאַנקען, וואָס האָבן אַלץ געכוואַליעט מיט א נײַער קראַפט.

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— אפּ צוריק, כוטעראַנצעס, איז פאַר אונדז קיין וועג ניטאָ. דערמאָנט זיך, כוטעראַנצעס, אָנעם שולץ, אָן דער אָרעמקײַט... וואָס האָט איר פאַר אײַער לעבן דאָ אָנגעלעבט, אײַערע זיידעס

האָבן נאָך דאָ געריסן די ערד, און איר מאַטערט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג, יעדערער אַף זיין ברעקעלע מעזשע. לאָמיר נעמען כעמע טראַסקון, וואָס האָט ער, וויאַזוי לעבט ער, וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס...

— ער איז אַ פּויליאַק, — האָט סימכע בערעזין זיך ניט גע־קאָנט איינהאַלטן און אַ בורטשע געטאָן. אים האָט שוין פאַר־דראָסן, נאָר סע איז געווען צו שפּעט.

עלקע האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ שרעקלעכן האַס, וואָס קיינער האָט דאָס אַף איר ביז איצט ניט באַמערקט.

— כעמע טראַסקון איז אַ פּויליאַק? אַ פּויליאַק... און קאַל־מען זאַהאַט, וואָס האָט ער? ער איז אויך אַ פּויליאַק? און שיִע קוקוי, ער איז אויך אַ פּויליאַק, און דאָוויד-בער איז אַ פּויליאַק, און וואָווע דרוּיאַן, און ער, און ער... און ער... איר אַלע זייט פּויליאַקעס, אַזוי וויל סימכע בערעזין... איר אַלע האָט ניט קיין גערשטן-ברויט, איר גייט אַרום אַלע אָרומגעריסן, הייסט דאָס, אַז איר זייט אַלע פּויליאַקעס, נאָר סימכע בערעזין איז ניט קיין פּויליאַק, ער עסט ווייס ברויט, ער האָט אַ הויפן מיט פּי, ער האָט אַ טשערעפּיצענע שטוב, ער האָט פולע קלוּ־ניעס, ער האָט אַלץ... יאַנקעוו אָקסמאַן האָט אַלץ, נאָר עפּשער, כוטעראַנצעס, האָט עמעצער פון אייך געאַרבעט אַף זיי, עפּשער וועט איר זיי דערמאָנען. עפּשער וועט איר...

די כוטעראַנצעס האָבן זיך מיטאַמאָל אַ וויג געטאָן פון די ערטער. סע האָט אַלעמען דורכגענומען אַ ציטער. זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צו סימכען.

— כוטעראַנצעס, — האָט עלקע ניט אָפּגעלאָזט דאָס שנירל, — כוטעראַנצעס, שוין איצט מאַכן אַ סאָף צו דער באַלעגופישער עקספּלואַטאַציע, איינמאָל פאַר אַלעמאָל! דער כ׳ לעניג האָט געזאָגט, אַז דער אָרעמפּויער און מיטלפּויער... פאַרשטאַנען?.. וואָס־זשע קוקן מיר זיי אין די ציין...

— ווייסט איר גאָר וואָס, — האָט קאַלמען זאַהאַט אַ קנאַק געטאָן אין טיש, — פאַרשרייבט מיך אין קאָלעקטיוו...

— קאַלמענ...— האָט דאָס ווײַב פונ די הינטערשטע רייען אויסגעשריִענ, — ווי איז צו מיר, וואָס טוסטו?!..

— כאַווײרים, — האָט עלקע אופגעציטערט, — קאַלמענ זאָהאָט גייט מיט אונדז, מיר וועלנ דאָ אויסבויען אזא לעבנ, וואָס איר האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט... דאָס באלעגופּנטום וועלנ מיר ליקווידירנ אַלס קלאַס... דער איינציקער אויסוועג פאר אונדז איז דער קאָלעקטיוו, נאָר דער קאָלעקטיוו, כאַווײ-רים. קאַלמענ זאָהאָט איז א מענטש, וואָס פארשטייט אינ דער ווירטשאַפט...

— פארשרײַבט מיך...

—פארוואָס פארשרײַבט איר מיך ניט, — האָט געשריִען וואָווע דרויאנ.

— מיך נעבנ אים, — האָט זיך געהויבנ פונ אָרט ליפּע זאיִקע.

— מיך...

—פארשרײַבט שיִע קוקוי... קוקוי...

— סמעקונ...

— קוקוי...

שעפטל קאַבילִיעצ איז געבליבנ זיצנ איינער צווישנ טומל, מיט א הארצ אפ צעפּיקעניש.

— א מאקע זיי... זי וועט, דאכט זיך, גיכער לויפנ צו מיר... — האָט ער זיך געטראכט.

— כאַווײרים, מירנ פארשרײַבנ... אונטער דעמ זשאָרניטשער בערגל ליגט אָקסמאנס קלינ, ער האָט אים גענומענ אינ ארענדע, אונ דער קלינ איז האיאָר בא אָקסמאנענ געלעגנ ניט באאר-בעט, אונ ביכלאל, די ברויט־פארגרייטונגענ...

פונ ווינקל האָט זיך אופגעהויבנ מאטוס.

— די פארזאמלונג איז ניט וועגנ אָקסמאנענ, אונ, אגעוו, דאכט זיך מיר, אז מיר קאָנענ אלע אָקסמאנענ... סע איז א שטילער מענטש אונ כ׳וואָלט זאָגנ זייער אנ אָרנטלעכער, דאָס ברויט האָט ער פאראיאָרנ אָפּגעגעבנ ביזנ לעצט, מיר וויסנ

אַלע וועגן דעם, וואָס ווילן מיר נאָך, ער איז א גוטער באַלע־באָס, מע קאָן דאָך ניט אזוי...

— כאווער מאטוס, איר האָט קיין וואָרט ניט, איר'ט ניט געבעטן קיין וואָרט, מאטוס!..— און זי האָט זיך דערפילט, ווי זי וואָלט יאָגן מיט א וואָגן אפּ א הויכן בארג, אָט־אָט איז זי דאָרט און נעבן סאמע שפּיץ בארג האָט דער וואָגן זיך פאַר־טשעפּעט און האָט זיך א קײַקל געטאָן פּאמעלעך אפּ צוריק...

זי האָט זיך פארלאָרן און זיך אָנגעהויבן ארומקוקן אפּן פּרעזידיום, ווי זי וואָלט בעטן הילף, נאָר קײנער האָט איר ניט געענטפערט. א געדיכטער שווייס איז איר ארויסגעטראָטן אפּן שטערן און ס'האָט זי אָנגעהויבן פּארען אונטער די פּאכוועס.

— כאווער מאטוס! —.האָט זי געקלאפּט איבערן טיש, — כא-ווער מאטוס!..

נאָר אינ רויטן ווינקל איז שוין געשטאנען א מעסוקענער טומל, ארויסגעמישט אינ מאכאָרקע-רויך. די כוטעראנצעס האָבן זיך געריסן פון די בענק. ס'האָט פון זיי ארויסגעשלאָגן דער ערדישער ווייטעק, די פארשאָלטענע האָרעוואנ'יע, זיי האָבן גע־רעוועט, ווי מע וואָלט זיי געשטשאָבעט מיט בײַטשן און זיי האָבן פארטויקעט מאטוסן, ווי ער וואָלט זיי אַלעמען ביז בלוט באליידיקט.

— וואָס פארדעקסטו אים, פּאָדקורקולניק דו, מיר ווייסן דיך, — מיר האָבן נעכטן געזען בערעזינען בא דיר, זאראזע!..

— מיר ווייסן!..

— אנטבאלעגופּעוועט זיי!..

— בא זיי איז פארגראָבן דאָס ברויט, אינ דער מאמען אריין!

— און מיר פייגערן אוועק...

— ס'איז ניט זייער ברויט, אי דאָס!..

— מיר האָבן געהאָרעוועט...

— כ'בינ אכט יאָר בא אים אויסגעריסן געוואָרן...

— כ'האָב מער פאר דיר געהאָרעוועט בא אים.

— אונדזער בלוט ליגט אין זײַנע קלוניעס...

— אנטבאלעגופעווען!..

— ס'איז אונדזערס.

— שוין אנטבאלעגופעווען!

— שוין!..

— רויקער! — האָט עלקע געקלאַפּט אָן טיש און ניט געוווסט, וואָס צו טאָן, — כאַווײרים, ווער וויל אַרײַן אין קאָלעקטיוו, כאַווײרים, ווער וויל אַרײַן...

אין ענגן צימער איז אויסגעוואַקסן אַ וואַלד מיט הענט, מיט גראָבע שוואַרצע הענט, וואָס האָבן אַ לעבן זיך אָפּגעגריבלט מיט די נעגל אין דער פײַכטער ערד און האָבן איצט אונטערגעציטערט פֿון שטענדיק הונגערן. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די אויפגעהויבענע הענט צו איר, ווי יעדערער וואָלט וועלן, אַז מע זאָל אים גיכער באַמערקן. ס'איז געוואָרן שטילער.

— הייסט דאָס, אַלע... אַ דורכויסיקער קאָלעקטיוו, — האָט עלקע צעטראָגן זיך אַרומגעקוקט, — אויסער, ווער איז דאָרט... סימכע בערעזין... און... — זי האָט זיך אַרומגעקוקט אָפּן פּרעזידיום און באַמערקט שעפּטלען. ס'האָט איר עפּעס אַ טיאָכקע געטאָן אינווייניק בײַ דער ברוסט און איר איז געווען שווער אויסצוריידן, — און שעפּטל קאָבילעצ...

עלקע האָט זיך געסטאַרעט ריידן ווײַטער, קעדיי עמעצער זאָל זיך ניט אַרײַנרײַסן אינמיטן.

— איצט, כאַווײרים, האָט מען אַרײַנגעטראָגן אַ פֿאָרשלאָג אנטבאלעגופעווען יאַנקעוו אָקסמאַנען און בערעזינען...

— אנטבאלעגופעווען! — האָט זיך צעטראָגן אַ געשריי איבערן צימער.

— אנטבאלעגופעווען און אַרויסוואַרפֿן פֿון כוטער.

— ווער איז פֿאַר דעם, אַז מע זאָל אנטבאלעגופעווען אָקסמאַנען?..

די כוטעראַנצעס האָבן זיך אויפגעהויבן פֿון די ערטער,

ווי ס׳וואָלט אין זיי אופגעריסן דער האס און זיי קאָנען אים שוין ניט איינצווימען.

— און ווער איז, אז מע זאָל סימכע בערעזינען...

— אנטבאלעגופעווען!

— אנטבאלעגופעווען! — האָבן זיך אופגעהויבן די הענט, אָנגעגאָסענע מיט האס און מיט ציטער.

— כאוויירים, — האָט קאָפּלדינער א קנאק געטאָן אין טיש, — כאוויירים, כ׳לייג פאָר זינגען דעם אינטערנאציאָנאל...

— זיי וועלן אנטלויפן, לאָמיר שוין...

קאָפּלדינער האָט אָנגעהויבן זינגען דעם אינטערנאציאָנאל. נאָך אים האָבן געכומען זינגען די כוטעראנצעס. עלקע האָט פאמעלעך אראָפּגעדרייט דאָס לעמפּל, און זיי האָבן מיט א געזאנג א שפּאר געטאָן פון רויטן ווינקל.

כעמע טראסקון האָט געפירט מיט זיך סימכע בערעזינען. דער גאנצער כוטער איז געגאנגען צו אָקסמאנס הויף. פאָרויס איז מיט גיכע טריט געגאנגען עלקע רודנער.

IV

בא יאנקעוו אָקסמאנען אין כאטע האָט קיין פייער ניט געברענט. ער האָט אין דער פינצטער איבערגעכאפּט און איז אוועק צו דער ווינט־מיל.

פונדערווייטן האָט ער געהערט דעם טומל אינעם רויטן ווינקל און דערפילט אלץ א גרעסערע אומרויִקייט.

— כאָטש וואָס פריִער אוועקפאָרן, — האָט ער גיך אראָפּגענומען די קייט פון דער ווי׳נט־מיל און איז אוועק שפּאנען די פערד.

— וואָסי שייעך, וואָסי שייעך, — האָט זיך בא אים געטרייסלט יעדער אָדער, — וואָס מע קאָן, דארף מען ראטעווען... דער לעצטער שולץ בין איך געווען דאָ אין כוטער, און כ׳וועל שוין, דאכט זיך, זיין דער לעצטער באלעבאָס... ס׳וועט שוין, דאכט זיך, גאָרניט העלפן...

ער האָט אַרײַנגעפּירט דעם וואָראָנוי אין קלוניע און צו־געמאַכט די טיר. כ׳ענע איז אַרויס צום טויער. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן ווײַנשל־פּאָליסאַדניק.

אין רויטן ווינקל האָט אַלץ געברענט דאָס פײַער.

— וואָס געדויערט דאָס בא אים, כאָטש גיכער זאָל ער שוין אָוועקפאָרן, — האָט זי זיך געטרייסט. נאָכדעם האָט זי א טראַכט געטאָן.

— עפּשער זאָל זי אים הייסן קויפן ציץ אַף אַ קאַפּאָט, ער האָט איר שוין לאַנג צוגעזאָגט...

פּלוצלינג האָט זי דערהערט אַ שטאַרקן טומל און געזאַנג נעבן דעם רויטן ווינקל, און זי האָט באַמערקט ווי אַ שוואַרצע מאַסע האָט זיך באַוועגט פונקט אַהער, צום פּאָליסאַדניק.

— אוי, ווי איז מיר, — האָט זי אויסגעשריִען, געלאָזט די פּאַטשיילע און זיך געלאָזט צו דער קלוניע.

דער ברייטער הויף איז פול געווען מיט כוטעראַנצעס.

מע האָט אויפגעריסן די ברייטע קלוניע־טיר, און די כוטעראַנצעס האָבן אַ שפּאַר געטאָן אַהין.

כאָנצע האָט אָנגעצונדן פײַער. נעבן אַ פול אָנגעפּאַקטן וואָגן מיט ברויט איז שרעקלעך צעטומלט אַרומגעלאָפן יאַנקעוו אָקסמאַן. נעבן דישל איז אַ האַלב־אײַנגעשפּאַנטער געשטאַנען דער וואָראָנוי און געשמעקט די פּאָלאָווע.

— אין דר׳ערד מיטן קאָפּ, — האָט אים קאָפּלדינער אַ זעץ געטאָן מיט דער לאָפּעטע און אַרויסגעיאָגט פון קלוניע.

כאָנצע האָט אָנגעצונדן אַ צווייט שוועבעלע.

נעבן וואָגן איז געלעגן נאָך ניט קיין פאַרשאָטענע גרוב מיט היפּש זעקלעך ווייץ...

V

אין הויף איז דער טומל געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

— זעכציק זעקלעך... זעכציק זעקלעך!.. האָט זאַהאָטס יידענע

געשריִען און געכאַפּט זיך באַם קאָפּ, — אויסקרענקען זאָל ער דאָס !..

— אַן אַמבאַר מיט ברויט, אַ בליץ אים אין האַרצן !..

— אונדזער ברויט, און מיר פּייגערן פאַר אַ סקאָרינקע...

— אויסקײַקלען זאָל דאָס אים...

— שאַ, וואָס שילט איר אים, — האָט אַ ייִדענע געמאַכט מיט די הענט, — איר נעמט דאָך סײַוויי צו...

— אַזאַ מאַקע אים אין האַלדז, וויפל ס'איז נאָך פאַר־גראָבן.

— ס'פויִלט נאָך גענוג !..

— כאָנצע...

— קאָפּלדינער, אַהער !

די כוטעראַנצעס האָבן זיך צעשאָטן איבער דער קלוניע, צווישן די סטערטעס און אין שטאַל.

— אָט זײַנען דאָך פון די... פון דער מיל... — איז כעמע טראַסקון אַרויסגעלאָפּן פון דער קלוניע מיט די שרויפן פון דערווינט־מיל...

אָפּן שטוב־בוידעם האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער טומל. דאָוויד־בער האָט פון לייטער אַראָפּגעשריִען :

— ייִדן, אַ בוידעם מיט פלאַקס, אַ פולער בוידעם, ייִדן, אַהער ! ..

— פלאַקס ! ..

— פלאַקס ! ..

— פעל, פערדישע פעל ! ..

— עפּל ! ..

עלקע רודנער האָט פון אונטער די טוכלע גערשטן־שטרוי אַרויסגעשלעפּט אַ הילצערנעם קאַסטן. באַ איר האָבן זיך גע־טרייסלט די הענט. איר האָט זיך געדוכט, אַז אין קאַסטן ליגן ביקסן, און דעריבער האָט זי אַליין געשלעפּט און געוואָלט דאָס פלוצלינג אַנטדעקן פאַר די כוטעראַנצעס.

ווען מע האָט אויפגעריסן דעם קאַסטן, האָט זיך דאָדע בור־

לאַק אַ כאַפּ געטאָן, ווי מע וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ ווילדע אין זײַט.

— ייִדן, מײַנע סטרומענטן... מײַנע הובלס... נײַינקע סטרו-מענטן...

— אוי, אַ בראָך צו מיר, — האָט זיך שיִע קוקויס ייִדענע אַ כאַפּ געטאָן, ווען עלקע האָט פֿון קאַסטן אַרויסגעשלעפּט אַ פּעלצל, — ס'איז דאָך מײַן קינדס פּעלצל, לעמעכ, לעמעכקע!..

— לאָזט מיך — האָט זיך געשטופּט אַ ייִדענע, — זוכט אויף מײַנע לײַכטער, פֿאַראַיאָרן האָב איך באַ אים פֿאַרלייגט, פֿאַרלייגן זאָל מען אים!..

אַלע האָבן זיך געשטופּט אַרום דעם קאַסטן, און יעדערן האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט עפּעס דערקענען זײַנס...

מאַטוס איז געשטאַנען אָן אַ זײַט. מיט אַ צעבראָכן שוועבעלע האָט ער זיך קוים וואָס געפּאָרקעט דעם באַקצאָן און זיך געערגערט.

— שטענדיק קומט באַ מיר אויס עפּעס אַזוי, אַז ווער זאָל זיך ריכטן, דאַכט זיך, אַ שטיל, אָן ערלעך מענטשל... ווער זאָל דאָס וויסן...

די כוטעראַנצעס האָבן זיך אַלע געקליבן אַרום עלקען, מע האָט געקוקט אַף איר מיט פֿרעגנדיקע אויגן, ווי זיי וואָלטן וואַרטן, וואָס זי וועט הייסן טאָן.

אַלע האָבן מיטאַמאָל עפּעס דערפֿילט און דערזען דאָס, וואָס זיי האָבן ביז איצט ניט באַמערקט. זיי האָבן איצט דערפֿילט אַ מעסוקענעם האַס צו דער אייגענער אָרעמקײַט, צו אָקסמאַנס עקספּלואַטאַציע, צו בערעזינס רײַכן באַלעבאַטישן הויף, צו זייער רויִקן און זאַטן לעבן.

— איך האָב גענוג אַף אים געהאָרעוועט — האָט געשריִען ווילינאָוו און געטויִקעט זיך צווישן די כוטעראַנצעס.

— מיר גייען אויס פֿאַר הונגער, און באַ אים טוכלעט דאָס ברויט!..

— אַף יאַקרעס.

— מיט אונדזער האָרעוואַניע ספּעקולירן זיי...

— ליקווידירן און האָדיע!..

— כאַווירים, — האָט שפּעטער עלקע אויפגעקליבן די כוטע־ראַנצעס, — דערווײַל האָבן מיר געפּאַקט זעכציק זעקלעך ווייץ, א דרײַ הונדערט פּוד פלאַקס, דרײַצן פעלן, וואָס פאַר א פאַר־שלאָגן זײַנען...

די כוטעראַנצעס האָבן זי ניט געלאָזט פאַרענדיקן.

— דער מעלוכע!..

— אין הולייפּאָליע!..

— דער פּאַרטיע!..

— דער פּאַרטיע, — דער פּאַרטיע! — האָבן אַלע אינערלעך באַ־גײַסטערט אויסגעשריִען, און יעדער האָט דערפילט עפּעס אזעל־כעס, פון וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, און ער איז גרייט געווען טאָן איצט אַלץ, וואָס זי, די כאַווערטע רודנער, וועט הייסן...

● ●

אַנ אײנונײַנציקער

ה. קאצאָוויטש

☆

ראָכע-לײַעס בעהײמע איז געקומענ פונ פעלד אַנ אָנגעפּיטערטע, מיט פולע זאַפטיקע אײַטער אונ איז גײַוועדיק געגאַנגענ אינ שטאַל, מאַלעגײערענדיק אָנ אופהער. אפנ וועג האָט זי צעטריבנ אַ סטײַע הינער, ענטלעכ, ענדיקעס אונ האָט מיט איר עק אַ שמיר געטאָנ איבער זיאַמקעס צעפּינטלטנ געזיכט.

זיאַמקע, ראָכע-לײַעס אײנונײנציק ייִנגל, האָט מיט ליבע צוגעפּאַטשט דער בעהײמע איבער איר זאַטנ בויכ.

— גײ, קראַסולקע, גײ...

אונ ער איז אפגיכ געלאָפנ אָפּטראָגנ דעמ עמער מיט דעמ כאַזערס וועטשערע צו דער קלײנער קאָרעטע לעבנ גאַנעק, ווו עס איז געשטאַנענ דאָס ווײַסע כאַזערל אונ האָט געשנאָרכעט מיט זײַנ כאַזערישער פּלאַטשיקער נאָז ארומ ראָכע-לײַעס פיס.

דער גאַנצער באַלעבאָס אינ הויפ איז זיאַמקע. באַטאָג אַר-בעט ער אפנ פעלד מיט אַלע קאָלווירטניקעס גלײַכ. אינאָוונט זעט ער צו די בעהײמע, דעמ כאַזער אונ די אויפעס. ער שאַטקעוועט אָנ גראָז, ער מאַכט דעמ צובער, ער גיט אכטונג אפ דעמ גאָרטנ, קלײַבט ארויס די גרינס. אזוי ביז שפּעט אינ-אָוונט, ווענ עס פאַרקײַקלט זיכ די קופּערנע זונ אהינטער דעמ כאָסנע-וואַלד, ווענ דער הויפ ווערט באַפּײַכט מיט אַנ אָוונט-טוי, אונ איבער דעמ ברײטנ צעבליטנ ארומ, ווי דער אָנגרונ-טיקער הימל איבער קאָלווירטישע פעלדער, ווערט צעשפּרײט אַ געצויגענער געזאַנג פונ פויערטעס.

קומענדיק פונ פעלד, האָט זיכ ראָכע-לײַע אָפּגעשטעלט באַמ

גאנצע א ווײַלע פאַרברענגען מיט ביילען, דעם געוועזענעם באַלעגאָלעס ווײַב. ביידע עלטערע פרויען זײַנען אַקטיווע קאָל־ווירטניצעס. ניט לאַנג, דאַכט זיך, האָבן זיי נאָך געבענטשט ליכט אין אַזוינע פרײַטיקן־אָפּדערנאַכטן, געגאַנגען אין שול, געגאָסן טרערן יאָנקיפּער און געפאַסט. הײַנט זײַנען זיי די ערשטע אויפן פעלד. זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם סיידור פון די טעג.

— ער איז בײַ אײַך אַן איינוניינציקער, אָבער אַ געראָטע־נער, — האָט ביילע געשמייכלט.

— ער וואָלט זיך נאָר אַזוי ניט אײַנגעמוטשעט...

— אַ דײַגע, ס'איז נאָך געזינטער... וואָס איז בײַ אים אַנג עווער? — האָט ביילע באַמערקט.

— אָפּגעצאַראַפּעט ערגעץ, ווײַזט אויס... האָט ראָכע־לייע אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, — ער איז דאָך אומעטום פול, דער מײַדים... זי האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.
ביילע האָט אָפּגעזיפצט.

— ביזוואַנען מע האָדעוועט אויס... האָט מען עס אויסצו־שטיין... מיר דאַכט, אַז ער איז כּוישעכלעך בײַ אײַך...

— איצטער זעט ער שוין אויס גוט... — האָט ראָכע־לייע געשמייכלט, — געדאַרפט אים זען פריער, בעשאַס דער איבערו־גאַנג, ניט הײַנט געדאַכט; ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונ־נען. איך האָב געמיינט, אַז עס איז שוין נאָך אים...

— נו, זאָל ער זיך בײַ אײַך האָדעווען אָן צאַר. איך וועל גיין אַ קוק טאָן צו מײַנעם...

אויף דעם האָט זיך געענדיקט זייער געשפּרעך וועגן ווײַס־כאַזערל, וועלכער האָט שוין געענדיקט עסן זײַן אָונטברויט און איז אַוועק כרושטשענדיק אין שטאַל.

● ●

טאָרפּער

איזי כאַריק

★

1

אין קיך האָט געוויגט זיך א זויערע פּארע
פון מאָגערן באָרשטש און צעפּארעטער קאשע.
סעזאָניקעס האָבן ניט אופגעהערט שפּארן
און האָבן די טירן און שויבן צעקוואשעט.

זיי האָבן די עס־קיך צעשטורעמט, צעליארעמט
און אונטער די טישן געגאָסן דאָס עסן,
געקייפלט ביז העכסטן דעם טאטן, דער מאמען
און אויך אָן דעם הייליקן זון ניט פארגעסן.

— געשמאקער און פעטער זאָל זיין די אכילע!
— מיר ווילן אזוי־אָ! און בעסער! און מערער!
אניטע? איז נאט אייך די ברודנע באכילעס,
און שטעלט זיך אליין אין די טיפע קאריערן!

זיי האָבן מיט צינענע שיסלעך געפאָכעט,
די הילצערנע לעפל אינלופטן געוואָרפן.
— וועט מען אונדז בעסער ניט אָנהייבן קאָכן,
איז בלייבט אייך געזונט אף די דאָסיקע טאָרפן.

— שלעפט נאָר אהער דעם צעבארעטן קוכער!
— ברענגט נאָר אהערצו די כאָפטע מיט קעכער!

זאָלן זיי פּרוּוון די קאשע פארזוכן,
וועלן זיי, דאכט זיך, ניט אופהערן ברעכן.

און ס'האָט זיך דער טומל געדרייט אַפ די טישן,
געקלאפּט אין די ווענט און געהילכט אַפ די דילן.
עס האָט א טאָרפּיאניק געבעטן זיך: — טישע!
א צווייטער האָט רויִק געקײַט די אכילע.

האָט קאָרנייטשיק — א שטויס אין דעם טיש דעם סאָסנאָוון,
דאָס פארמורזשעטע בערדל פארשטיקט אין קולאק.
— מיר האָבן פון לעבן סײַוויי קיין האנאָע,
איז וואָס, אויב די קאשע איז אויך ניט געשמאק.

ניטאָ וואָס, טאָרפּיאניקעס, צופיל צו שרײַען.
אז מיר זײַנען — דערפער און זיי זײַנען — שטעט...
זיי האָבן געברײַעט, און זאָלן זיי ברײַען,
ווען־עס־איז וועט דאָך די קאשע זײַן פעט...

הײַנט איז ניטאָ נאָך, נו, מאָרגן וועט ווערן,
די פּיאטילעטקע וועט ברענגען אונדז אלץ.
טאָ לאָמיר איצט עסן נאָר פראנצן און ווערעם
און הײַנט לאָמיר שלעפּן דעם יאָך אפן האלדז.

איז הערסטו, טאָרפּיאניק, איז אלע — דאָ כאטי!
ניטאָ וואָס צו פוילן אָט דאָ אפן טאָרף.
זיי ווילט זיך עלעקטרע. אין זייערע טאטעס!
סײַווי וועט ניט קלעקן קיין נאפט פארן דאָרף...

איז הערסטו, סעזאָניק, פארענדיקט! און קיינער!
עס וועט אונדזער כארטש שוין ניט ווערן געשמאק.
ביזוואנען נאָך וועלן דאָ אונדזערע ביינער
מאָטשען דעם זומפּיקן, אײַביקן טראקט!?..

מיקאָלע האָט ניט געקאָנט!
מיקאָלען האָט געשלײַדערט,
עס האָט באַ אים פון האלדז געוויטעקט מיט א כריפּ:
— הינטיש פעל, קאָרנײַטשיק,
דו ביסט גרייט צו לײַדן?
און דו האָסט עס א לעבן אָפּגעליטן?
כריטש!

— טאָרפּיאַניקעס, איר הערט?
— מיר ווילן דיך ניט הערן!
— טאָרפּיאַניקעס, איר הערט?
איר מוזט!
און אומבאדינגט!
עמעס, ס'איז די ארבעט א ברודנע און א שווערע,
ווײַל ס'העלפט אונדז נאָך דערווײַלע ווייניק די מאשינ.

— און דאָס, וואָס ס'איז דאָס עסן מאָגער באָך און ווייניק,
כאָטש מע לאָזט אונדז אָפּעט דעם זעטיקסטן פּאיאָק,
איז מײַן בריגאדע מעלדעט:
מירן זיך פּארייניקט —
מירן מאָרגן אויכעט
הונגערן
א טאָג.
און אונדזערע פּראָדוקטן,
און אלינקע פּאָטראוועס
נעמט אײַך צו...
איר שרײַט דאָך,
וועט איר ווערן זאט...

— הער אוף!
— גענוג!
— ניט זדיעקעווע זיך, כאווער!
האָט זיך א וואָרפ געטאָן דער ברוינלעכער קאָנדראַט.

— איך זאָג: דו לאכסט פון אונדז.
מיר דארפן דײַן פּאיאָק ניט!
איך װעל סײַװי ניט װארפן דעם קאריער!

עס האָט די לופט געװיגט זיך און געשראָקן.

האָט פּיניע הייכ אפּ דער באסאָװער:
— הערט!
טאָרפּיאניקעס!
סעזאָניקעס!
כאװיירים!

איך בעט און לאָזט מיך ענדיקן מײַן װאָרט!
מיר מעגן טיפּ א קוש טאָן אונטער װיידל,
אויב מע רעאגירט ניט אפן אָרט.

צי פּאטערט מען פּראָדוקטן דאָ? אװאדע.
צי גאנװעט מען די װארמעסן? געװיס.
איז לייג איך פאָר איצט: קלײַבן א בריגאדע.
א טרויבער טאָן די גערגעלעך: — ה־הא־קיש.
איז איינס.
און צװייטנס, װאָלט איך װעלן זאָגן,
פאר װעמען, פרעג איך, גראָבן מיר דעם טאָרף?
קאָרנייטשיק װיל א שפּיל טאָן אפן מאָגן.
און מיר דארפן דערלאנגען אים אין טאָ———
גיי.
נו, גיי.
צו אלדי שװארצע יאָרן!
פאָר אהיים
און פילנעװע דעם גוף.
קוקט, װי ער איז מאָגער דאָ געװאָרן.

נעבעכ...

א ראכמאָנעס....

באַלעגוף!

דער טומל האָט פארשטעקט זיך אונטער טישן,
גענידערט,
און געפאַלן
ביזקל דיל.

עס האָבן די טאָרפּיאַניקעס א נעם געטאָן זיך: — טישע!
און ס'איז געוואָרן דאָ באריידעוודיק און שטיל.

האָט מען צעזעצט זיך שווייסיק און פארבראָנזעט,
און ס'האָבן זיך בארויקט די לעפל אין די הענט...
קאָרנייטשיק ט'מיט דער דלאָניע אָפּגעווישט די וואָנצעס,
גענומען עסן רויִק:

— זאָג איך דאָך... וואָ־דען?..

— עך, דו אלטע שקורע — האָט געמורמלט איינער.

א צווייטער: — קלוגער פויגל.

א דריטער: — א קולאַק.

עס האָבן די טאָרפּיאַניקעס מיט הונגעריקע ציינער
געגעסן אזוי סמאַהעדיק־געשמאַק.

● ●

אונדזערע לידער

י. דאָבּרושין

★

קאָלווירט „האָרעפּאַשניק“, זומער 1931. א שווארצע טיפע סטעפּישע נאכט. אזא סטעפּישע זומערדיקע נאכט נעמט אָן א פול מויל מיט שטומקייט. אזא סטעפּישע נאכט פארגייט, פאר-כלינעט זיך מיט שווייגעניש. און אין אזא נאכט לאָזט זיך די קאָלווירטישע יוגנט אין ווייטנ פעלד פארזינגענ די שטילקייט. נאָכ א מי־פולנ פּרוכטבארנ ארבעטסטאָג איז אזוי גוט צעשרייענ זיך מיט זינגעוודיקנ קאָל אין שווארצער ווייטעניש אריינ, מיט א פארלאַנג, דאכט זיך — דורכרייסנ דעם שווארצנ נאכטישנ פאָרהאנג און איבערופנ זיך מיט העל באלויכטענע רוישנדיקע גאסנ ערגעצ אין שטעט, וואָס ליגנ פארשפּרייט באם ברעג יאם פונ אומענדלעכנ סטעפּ.

אין אזא נאכט זיצנ עלטערע קאָלווירטניקעס, באיאָרטע פּוי־ערים, בא די גאנעקעס פונ זייערע דאָרפ-הייזער און נאָכ דעם, ווי ארבעט-געשפּרעכנ זיינענ אויסגעשעפּט, הערט מענ זיך צו צו די לידער, וואָס דער זינגענדיקער סטעפּ דערלאנגט אהער, מע נעמט זיך שוינ אָנ אליינ מיט טיפער פארטראכטער שווייגעניש און מע הערט:

אוי, עס ווילט זיך ליעקטרע,
א קלייניקייט ווי ליכטיק
וועט אינ קלוב און גאס בא אונדז דאָ זיינ.
מע וועט ניט דארפנ זיצנ טראכטנ
אפ דער לעוואָנע ווארטנ
ביז שיקנ וועט זי אונדז א ביסל שיינ.

הילכיקע יאַטישע שטימענ פארגייענ זיכ אונ פארשפרייטנ אינ דער ארומיקײַט די מעלאָדישע נאָגעניש, וואָס קלינגט אינ דער ליד. אונ די ליד איז דאָכ א היגע, אפ די סטעפעס א געבוירענע, א בלוט-אייגענע — אייגענער אויסגעטראָגענער פאַר-לאַנג אונ בענקשאַפט נאָכ העלקײַט, נאָכ ליכטיקנ פריידיקנ שטייגער-לעבנ, דאָרט, ווו נײַער שטייגער-לעבנ איז שוינ מאַ-טעריעל באוואָרנט, דאָרט, ווו עס שפרייטנ זיכ אָט דאָ אינ-דערפינצטער זאטע קאָלווירטישע פעלדער מיט אראָפגענומענע הויכ געסקירדעוועטע ברויטנ אונ פונ די שוטפעסע קי-שטאלנ דערטראָגט זיכ דער געמיינזאמער האנאָעדיקער שנאָרכ פונ בעהיימישנ נאכטלעגערישנ ווילטיק...

— הערסטו, ווענ ס׳איז טאקע דאָ ליעקטרע!..

דער עלטערער קאָלווירטניק, וואָס האָט איבערגעריסנ אלע-מענס שטיל-שוויַגנ, האָט זיכ טייקעפ אָפגעשטעלט. דעם געדאנק זײַנעם האָט פארטײַטשט די זינגענדיקע יוגנט, וואָס האָט די ווײַטערדיקע ווערטער פונ ליד געוואָרפנ, דאכט זיכ, דער שווארצ-שוויַגנדיקער געגנט אינ פּאָנעם ארײַנ:

אוי, עס ווילט זיכ ליעקטרע
אונ דאפקע צו אָקטיאבער,
ווײַל ער האָט מיט טאָק דאָכ אונדז באהעלט —
דער טאָק וועט יאָגנ, יאָגנ,
די פינצטערניש דערשלאָגנ,
אונ ליכטיק וועט דאָכ זײַנ אפ גאָרער וועלט!

יוגנטלעכע שטימענ האָבנ זיכ שטײַפ פארפלאָכטנ, אופלא-מענדיקער כאָר-געזאנג האָט שוינ געהאָפט, געגלייבט, געזענ, דאכט זיכ, בעכוש די ליעקטרע, דעם באלויכטענעם סטעפ, די שײַנענדיקע גאסנ אונ העל פינקלענדיקע הײַזער...

— ס׳א ניגנ, וואָס ציט!..

ער האָט זיכ ניט געקאָנט אײַנהאלטנ, דער עלטערער קאָל-ווירטניק, געמאכט האָט ער א פאָר טריט אהינ, נעענטער צום

זינגענדיקן סטעפּ, אָפּגעטוקט זיך אינגוערפינצטער און דער־פילנדיק זיך איינער אליין, האָט ער אפריער שעמעוודיק פאר זיך א ברום געטאָן און דערנאָך מיט פולן האַרציקן קאָל צעוויגט די אַרומיקע שוואַרצע לופט:

— אוי, עס ווילט זיך ליעקטרע!..

•

יאָר 1932.

סאקי. טעלעגראפיש צום „עמעס“.

די עלעקטראָ־ליניע סעוואסטאָפּאָל־סאקי האָט אָנגעהויבן אַר־בעטן. דער קאָלווירט „האָרעפּאַשניק“ איז דער ערשטער אײַנ־געשלאָסן אין דער עלעקטרע-נעץ. דעם 9־טן אָקטיאַבער האָט ער באַקומען ליכט.

שעפּ פון קרים־ענערגאָ.

איצט זײַנען נעכט אין „האָרעפּאַשניק“ שטענדיק ליכטנדיקע און אויסגעהעלטע. פינקלענדיקע פענצטער פון הײַזער ציִען זיך אין דער לענג, ווי פּערלדיקע שנירלעך, און אַף שײַנענדיקער גאַס זאַמלען זיך קאָלווירטניקעס און פילן זיך יאָנטעוודיק אינדערוואָכן. מע קוקט שמייכלענדיק איינער אַפן צווייטן און מע געפינט גאָר ניט קיין ווערטער אַף אויסריידן דאָס פרייד־פולע האַרץ.

איצט פלאַמט אוף באַ דער יוגנט א ליד אָט דאָ אַפן דאָרף־פלאַץ אונטערן סאַמע העלסטן עלעקטרישן לאַמטערן. א שטורעם פון יונגע שטימען, פריידיקער שאַלן. שאַלנדיקער געזאַנג רודערט אוף די גאַס און פאַרטרײַבט נאָך ווײַטער די דערשראָקענע, דאַכט זיך, נאַכט־פינצטערניש, וואָס האָט זיך פאַרקליבן שוין ערגעץ ווײַט אין עק סטעפּ.

העגנען לעניג-לעמפּעלעך,
מיר האָבן זיך דערוואַרט,

די פײַערלעך זײ װיגן זיך
און שװימען אין דער נאַכט.
הענגען הױך די לעמפּעלעך,
באַגיסן גאַס מיט שײַן.
דאָס איז ניצאָכן-שטעמפּעלעך
פֿון אונדזער נײַעם זײַן...

נײַע אױסגעװאָקסענע ליד גיסט זיך איבערן דאָרף, און פרײלעכער שמײכל פֿליסט נאָך שטאַרקער בא עלטערע פּױערים פֿון די אױגן, רינט אין באָרד אַרײַן, אין אױפגעעפנטן מױל, װאָס בעט זיך אַפּ רײד:

— אָט האָבן זײ דיר שױן א נײַעם ניגן!

— און פּונקט צו דער מינוט.

— פּאַראַיאָרן, געדענקט איר, האָט מען געזונגען װעגן ליעקטרע און װעגן דעם טאָק.

— און דאַפּקע צו אָקטיאַבער.

— איז זעט איר דאָך!..

דאָס לעצטע װאָרט האָט געהערט צום עלטערן פּױער, װאָס האָט געזונגען פּאַראַיאָרן. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט:

— איז זעט איר דאָך. טאַקע דאַפּקע צום אָקטיאַבער...

אַלע האָבן טאַקע געזען, געװוּסט, אַז דער עלעקטראָפיציר-טער קאָלװירט װעט לעבן און טעטיקן מיט אַלע זײַנע שעפּערישע אױסגעפּרװוטע קרעפטן. אַרום זײַנען דאָך שױן איצט געלעגן גרױסע גערטנערישע ערד-מאַסיװן. די קומענדיקע גרינס-גערעטעניש װעט שױן באַגיסן דער עלעקטרישער שטראָם, װאָס איז שױן אײַנגעשלאָסן אין דער באַװאַסערונג-סיסטעם. און נאָך שטאַרקער װי האיאָר װעלן ריזלען איבער די בײטן פֿולע שטראָמען און אָנפֿילן מיט זײער זאַפטיקן געװריש די סטעפּישע טעג און נעכט...

און די נײַע ליד פֿון דער יוגנט האָט זיך אױך אָט װי אײַנגעשלאָסן אין דעם עלעקטרישן שטראָם, צעצונדן זיך מיט האַסטיקע טעמפּן — פֿולער, שטאַרקער, שנעלער, א ברױזנדיקער

געדראנג פון פײַערלעכע שטימען, וואָס הייבן, רופן און ציִען אין קאָן אַרײַן...

— קומט !..

ער האָט זיך ווידער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, דער עלטערער קאָלווירטניק. דער ערשטער האָט ער זיך א לאָז געטאָן צום זינגענדיקן יוגנט־קרײַז, און בעשאס די ליד האָט זיך אָנגעגאָסן מיט איר העכסטן פארפלאמטן אימפעט, האָט ער ארײַנגעפלאָכטן זײַן שטים און צוזאמען מיט די יאטן געדונערט איבערן גאנצן שײַנענדיקן קאָלווירט:

די לעמפעלעך זיי וואָרענען
דער פינצטערניש אזוי —
ביז דעם פינפיאָריקן
אוגדזער יובילײ —
קיין איין קאָלווירט, קיין דערפעלע
פארבלײַבן ניט אָן זיי...

איין מאָל און נאָכאמאָל:

קיין איין קאָלווירט, קיין דערפעלע
פארבלײַבן ניט אָן זיי!..

● ●

פישקע פאָרט אויכ

מ. אלבערטאָנ

★

(פונ „בירעבידזשאנ”)

ס'איז געקומענ יאָסלס זונ א דעמאָביליזירטער פונ דער ארמיי אונ ס'האָבנ זיכ דאָרטנ ווידער אָנגעהויבנ קריגערײַענ אינ שטוב. דעריקער האָט יאָסלענ פארדראָסנ, וואָס זײַנ סאָלדאט נאפטאָליע איז עס געוואָרנ אזא גוטהארציקער אונ זיכ אָנגעהויבנ שטעלנ פאר דער שוועסטער, פאר באסיענ. הער נאָר, אלע יאָרנ האָט מענ זיכ געשלאָגנ, אז מע האָט פונ זיי ניט געקאָנט לעבנ: דער „סווינאָק” האָט נאָר געוואָלט אויסרײַסנ בא דער שוועס־טער די צעפ. ער קאָנ ניט לײַדנ — האָט נאפטאָליע געשריענ — וואָס באסיע איז אליינ א קורצע אונ האָט אזעלכע לאנגע צעפ. אונ פיאָקלע, מיטראָפאנ דעמ שאָכנס מיידל, איז א לאנגע אונ האָט קורצע צעפלעכ. איז וויל ער זיי איר אויסרײַסנ, די לאנגע צעפ, אונ שוינ.

אונ איצטער איז ער געוואָרנ א גאנצער גוטהארציקער. „וואָסי? — שרײַט ער, נאפטאָליע — א מענטש דארפ האָבנ א כאראקטער.” דעריבער וויל ער אוועקפאָרנ קיינ בירעבידזשאנ, אליינ זיכ באשטאטנ אונ זי, באסיענ, ארויסנעמענ. אונ די עלטערנ — זאָגט ער, נאפטאָליע — אפילע מיטנ קאָפ אינ דער ערד.

אָבער אז יאָסל קאָנ אימ ניט אָפלאָזנ. יענער האָט צוויי געזונטע, אײַזערנע הענט, וואָס קאָנענ פארארבעטנ א וועלט. ווענ יאָסל האָט זיי פאראיאָרנ, שלאָגנ זיי מיט מיטראָפאנענ צונויפ דאָס שיינע קערבל. מע האָט אפנ צוקער־זאוואָד געזוכט פלאָטניקעס, אז די אויגנ זײַנענ זיי שיר ארויס. מע האָט גע־

שלעפּט קאַצאַפּעס אוש פון פּענזע, וואָס האָבן ניט דעם ווערט נאַפּטאָליעס פּיאַטע.

נאָר נאַפּטאָליע האָט אין זיך דער מאַמעס אַקשאָנעס: זי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט מאַכן אַ קליײטל. און ער האָט זיך פאַר־אַקשנט ־פאָרן קיין בירעבידזשאַן.

...יאָסל האָט זיך איצט פאַרנומען מיט מײמעסן דעם קלענערן זון, פּישקען — אַלעמײַ הוליעט ער ביז שפּעט אין דער נאַכט און שאַרט זיך צו פּיאָקלען. ערגער פון אַלע קינדער איז ער בא אים, אַ כאָליערע אַפּ זײַן קאָפּ. אַ בוץ איז עס אויסגעוואָקסן גרעסער פונעם טאַטן מיט דער מאַמען אײנײנעם און טאָן וויל ער גאָרניט. עס דרייט זיך אַרום אַזאַ געזונטס, שלאָגט ביידעקעס און דערציילט מײַסעס, אַז מע קאָן ניט קריגן קיין אַרבעט. אַ כאָליערע אַפּ זײַן קאָפּ. נישקאָשע, יאָסל וועט אים אַרומטעסען, אָט דעם גראָבן דעמבענעם קלאָץ.

נאָר מער פון אַלעמען פאַרדריסט אים אַפּ באַסיען. זי וואַקסט גאָר אין דער ברייט אַרײַן. ווי אַ סטובער וואַקסט זי. זי וועט שוין באַלד ניט קאָנען אַדורכ דורכ דער פּירטקע. אַ פּאָר אויגן באַלעכאָטע אַ מויד האָט זיך עס פאַרלאָזט, ווי באַם שאָכנס קאַלב, און זע נאָר, דאָס דיקײַט, וואָס אַ מויד פאַרגינט זיך. אַלע קליידלעך פּלאַצן דאָך אַפּ איר. אַ כאָליערע זאָל אײַך אַלעמען פאַרנעמען !..

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מאַמע, די נעכבעניצע, מיט דער טאָכטער, דעם דיקן קאַלב — סוידען זיך, באַהאַלטן עפּעס פאַר אים. און ווען ער האָט זיי אײנמאָל געפּאַקט אײנײנעם, איז זי געשטאַנען, באַסיע, און זיך געפּודרעט.

— וואָס פאַר אַ כאָליערע! שוין זיך געגומען שמירן?

— זע נאָר, וואָס־זשע ?! — זי קאָן דען אַזוי אַרויסגיין, באַסיע, אין גאַס; צי פון עפּעס טראַכטן? אַז בא איר אַפּ דער אויבער־שטער ליפּ איז דאָ אַ שוואַרצע וואָנצע, ווי בא אַ „מוזשעסקע פּאָל אַ ברונעט". און ברעמען בא איר אַזעלכע, ווי באַם גאַלעכ. זע נאָר, מוז זי זיי כאָטש פאַרפּודרען, די וואָנצעס.

— אָבער וואָס פאר א כאָליערע קעסיידער זיך שושקען?
— ווער שושקעט זיך? קיינער שושקעט זיך ניט. — אז א פאָטער זאָל קיינמאָל ניט א פרעג געבן וועגן קיין קינד... הינדע האָט נאָך אזא פאָטער ניט געזען.

— אוי, טאטע! — האָט באסיע פלוצעם אויסגעשריִען.. זי האָט צעפּלעטשט דאָס פּאָנעם, ווי אַ אויסגעפּאָלטן, גלאנצעדיקן טע־לער. צוגעשקראבעט נעענטער צום פאָטער און גענומען מאכן מיט די גראָבע הענט פאר זײַנע זעענדיק אויג. — אוי, טאטע, ער שרײַבט, נאפּטאָליע, אז ס'אזוי אינטערעסנע, אזוי אינטע־רעסנע. טאקע מעסוקן. ער שרײַבט, אז ער וועט מיך דאָרט פארצוקערן און...

יאָסל האָט זי פלוצעם אָפּגעשטופּט פון זיך און א שפּײַ געטאָן:

— טפו, א כאָליערע אף אײַך. — און איז ארויסגעגאנגען.

נאָר ווײַט איז ער ניט אוועקגעגאנגען. ער האָט זיך באלד אומגעקערט, ארײַנגעגאנגען אין שטוב, זיך אויסגעדרייט מיטן בלינדן אויג צו באסיען און צוגעלייגט א פינגער צו די פאר־שמאכטע ליפּן:

— טפו, אין דער ערד ארײַן. שמירט זיך שוין ווידער... איז וואָס־זשע שרײַבט ער?

באסיע האָט צעפּלעטשט דאָס פּאָנעם, ווי א גלאנציקן פלאַ־טשיקן טעלער, און א צופרידענע גענומען מאכן מיט די דיקע הענט לעבן פאָטערס זעענדיקן אויג.

— ער שרײַבט, ער וועט מיך ארויסנעמען. די ערשטע וועט ער מיך ארויסנעמען. באַרישניעס, שרײַבט ער, איז דאָרט זייער טײַער. א געליבטן קאָן מען דאָרט מיט דער מינוט געפינען. או, טאטע...

— אָבער וואָס שרײַבט ער עפּעס אזוי? — האָט זיך יאָסל אָפּ־געקערעוועט מיט דער זײַט צו באסיען און געקוקט אף איר מיטן בלינדן אויג. — עפּעס אזוי שרײַבט ער גאָרניט?

— זע נאָר: וואָס זאָל ער שרײַבן? אף א סטאנציע, וואָס

מע מאכט דאָרט מינעסטאמע פּעסלעך, אין באָטשקאראָוו, האָט מען אים און נאָך אזעלכע סאָלדאטן געוואָלט געבן צו פוּפצן טשערוואָנצעס א כּוידעש פאר סטראזשניקעס, זיי זאָלן זײַן; זיי זאָלן היטן די גרענעץ, האָבן זיי נאָך ניט געוואָלט, ער וויל בעסער אוסטרויען זיך, און מיך בעסער ארויסנעמען, און מיר קריגן בעסער א כאָסן, און מער שרײַבט ער גאָרניט.

— א כאָליערע אף אײַך אלעמען. — האָט יאָסל א מאך געטאָן מיט דער הארטער האנט און איז ארויסגעגאנגען.

...פון טאָג־צו־טאָג איז יאָסל נעכבע געוואָרן מאָרעשכויִרעדיקער, אײַנגעשרומפּענער. דאָס ברייטע געזונטע פּאָנעם איז אים געוואָרן אזוי פארשמאכט, ווי ער האָט עס אָנגעשמירט מיט עפּעס א פעטס און פון אויבן איז עס פארשטויבט געוואָרן. און דער גאנצער קורצער קאָפּ איז ווי אײַנגעזונקען געוואָרן אין די ברייטע, פעסטע אקסלען. ער האָט ווייניקער אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו דער שטוב און צו די שטוב־מענטשן. אף גאנצע טעג פלעגט ער פארפאלן ווערן אין די גאסן פון דער קאצאפּישער סלאָבאָדע. פישקע, דער געזונטער בוץ, פלעגט אָפּט טרעפן דעם פאָטער זיצן אף די קלעצער, וואָס ליגן פאר מיטראָפאנס פארקן.

פישקע האָט דעמלט שוין פארקערעוועט און אָפּגעצויגן. נאָר סײַווי האָט ער אפּדערנאכט ארײַנגעכאפּט זײַן לוין, ער זאָל ניט קריכן צו פיאָקלען.

אמאָל פלעגט מען טרעפן יאָסלען ארומשפּאצירן מיט מיטראָפאנען איבער די גאסן פון סלאָבאָדע. וואָס יאָסל האָט מיט יענעם אײַנגעטײַנעט, ווייסט קיינער ניט. מע האָט נאָר געזען, אז יאָסל רעדט מיט אימפּעט, וויל עפּעס מיטראָפאנען אײַנריידן. ער סטארעט זיך די גאנצע צײַט גיין בא מיטראָפאנס לינקער האנט און קוקן אף אים מיטן רעכטן זעענדיקן אויג, און מיט דעם אויג עפּעס דערווײַזן. נאָר מיטראָפאן קוקט גלײַכגילטיק מיט די יונגע, בלויע אויגן און גלעט זײַן געלע לאנגע באָרד...

איינמאָל איז יאָסל נעכבע אָנגעלאָפֿן פֿון דער סלאָבאָדע, גלײַך אַרײַנג צו באַסיען און זיך געהייסן געבן נאַפּטאָליעס לעצטן בריוו. ער האָט דעמלט געקוקט מיטן זעענדיקן אויג אָפּ באַסיען און באַפֿוילן איר אונטער דער ערד געפֿינען פּיש־קען. ער מוז אים שוין, די מינוט, האָבן.

באַסיע האָט זיך אומגעקערט ניט אײַנגאַנצן קיין צופֿרידענע, נאָר אַ געפּודערטע און אָן פּישקען. זי האָט אויסגעגלײַכט די שמאָלצענע פֿאַלדן אָפּן פֿעטן קורצן האַלדז און געשריִען: וואָס זאָל זי טאָן, אַז זי קאָן דעם ברודער, דעם בוץ, אין ערגעץ ניט געפֿינען? נאָכדעם האָט זי מיט אַראָפּגעצויגענע מויל־ווינק־לען אַ בורטשע געטאָן, אַז דער בוץ קער מיסטאָמע זיצן בײַ ביאָקלען...

וואָס דער נעכבע האָט דעמלט אויסגעאַרבעט! ער האָט צע־בראָכן אין קיך די טעלער, די טעפּלעך. צו אַלעמען זיך גע־לאָזט מיט דער האַק. און צום סאָף צעבראָכן דאָס קליינע שפּיגעלע באַסיעס און אויסגעשאָטן די פּודרע.

ווען פּישקע איז נאָכדעם אָנגעלאָפֿן, האָבן הינדע און באַ־סיע געדערכנט, אַז דער נעכבע וועט אים דווירעס זײַן, די מו־טער האָט געוואָרנט פּישקען, ער זאָל איצט בעסער ניט אָפּענט־פֿערן. ער זאָל שווײַגן און שוין.

נאָר ווען יאָסל האָט דערזען דעם קרעפּטיקן בוץ, האָט ער נאָר אַ קוק געטאָן אָפּ אים מיטן בלינדן אויג, אַרויסגע־כאַפּט פֿון דער קעשענע דעם בריוו און אויסגעשריִען:

— אין ביאָקלען מעגסטו שוין פֿאַרגעסן. נעם זעץ דיך אוועק און פֿיר מיר איבער דעם בריוו אָפּ רוסיש. הערסט? די מינוט!

פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס פּישקע האָט געשריבן, איז יאָסל געזעסן אָפּן באַנק־בעטל לעבן אים און געקוקט מיטן בלינדן אויג. קיינער האָט זיך פֿון די ערטער ניט גערירט.

ווי נאָר פּישקע האָט פֿאַרענדיקט, האָט יאָסל געכאַפּט ביי־דע בריוו, דעם ייִדישן און די איבערזעצונג און אוועק אָפּ

דער סלאָבאָדע. אף די קלעצער האָט ער שוין מיטראָפאַנען ניט געטראָפן. יאָסל האָט זיך געקאַסט, אומגעלאָפן און קאַם אָפּגעזוכט דעם גלײַכגילטיקן מיטראָפאַנען. ער האָט אים אַרױס־געשלעפּט פון דער זײַט פאַרקן אף די קלעצער און אים גע־נומען פאָרלייענען. נאָך יעדן אַנטיטשנעם וואָרט, נאָך יעדער פראַזע האָט יאָסל זיך אָפּגעשטעלט, א קוק געטאָן מיטן זעען־דיקן אויג און געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגסטו, מיטראָפאַן?

— אף אַזוי ווײַט פאָרן קאָנען מיר אומעטום קריגן אַר־בעט, — האָט מיטראָפאַן גלײַכגילטיק געענטפערט און געגלעט זײַן געלע לאַנגע באָרד.

— אָבער דאָרטן קאָן מען דאָך האָבן אַרבעט דאָס גאַנצע יאָר. זומער בא פלאָטניקערײַ און ווינטער פירן א באַלעבאָ־טישקײַט.

מיטראָפאַן איז דערפון גאָרניט אַנציקט געוואָרן. ער ענט־פערט ווײַטער קאַלט, גלײַכגילטיק:

— דאָס זעלבע טו איך דאָ. זומער אַרבעט איך בא טעס־לערײַ און ווינטער פיר איך א באַלעבאַטישקײַט.

— ניין, מיטראָפאַן, כאָטש דו ביסט א קאַצאַפּ און א גו־טער אַרבעט־מאַן, נאָר דו האָסט א כאַכאָלישן קאָפּ.

דאָרטן אין בירעבידזשאַן איז דאָך ניט סטאַם אַרבעט. מיט־ראָפאַן האָט, ווײַזט אויס, שלעכט פאַרשטאַנען דעם בריוו. אָדער דער בוצ האָט שלעכט איבערגעפירט. יאָסל וועט לייענען אויסוויניק. דאָרטן, שרײַבט נאַפטאָליע, איז אַזאַ געהילץ, וואָס מע זעט עס ניט אף דער וועלט. דאָרטן איז פאַראַן געהילץ אָן א שיר, דאָרטן דאַרף מען אַזויפיל בויען, אַז מען רײַסט פון די בוימער שטיקער. נאַפטאָליע שרײַבט, אַז ווער ס׳קאָן נאָר האַלטן א האַק אין האַנט, פאַרדינט פינף רובל א טאָג. נאָר זיי זײַנען קאַליקעס. נאַפטאָליע גלויבט ניט איין מאָל וואָרפט אַזאַ טעסלער די האַק אין קאָפּ אַרײַן.

יאָסל האָט זיך אָפּגערוקט פון די קלעצער, צוגעזעצט זיך

אפ די קני פאר מיטראָפאנען און אים געטרייסלט מיט צוויי שטײַפע הענט.

— פארשטייסט, מיטראָפאן? — נאפטאָליע שרײַבט, אז ס׳טוט אים ווי דאָס הארצ פארן געהילצ. ס׳בעט זיך, מע זאָל עס באארבעטן און צוזאמענשטעלן דערפון געבײַען. דאָרטן בויט מען הײַזער פון גאַלע האָלצ. פארן האָלצ-ארבעטער איז דאָרטן פאראן ארבעט איבערן קאָפּ און אפ אַלע יאָרן.

— פארשטייסט, מיטראָפאן?

נאָר מיטראָפאן איז דערפון ניט איבערגעראשט. ער גיט זיך אונטער יאָסלס שטײַפע הענט און שאָקלט זיך אהינצו, וואהין יאָסל טרייסלט. מיט די אויגן קוקט ער אלצ גלײַכגיל־טיק. כאָטש זיי זײַנען איצט מידלעך: ניט אזוי יונג, ניט אזוי בלוי. נאָכדעם טוט ער מיט צוויי פינגער א רײַב די אויגן און פירט אראָפּ די צוויי פינגער איבערן פּאָנעם, אי־בער דער גערער, לאנגער באָרד און זאָגט:

— אָבער ס׳איז צו ווײַט, יאָסיפ, זייער ווײַט. פאָרן אהינ־צו אפ צײַטווײַליקער ארבעט קאָן מען ניט. אהינצו דארפ מען פאָרן נאָר אפ צו בלײַבן.

— טאקע אפ צו בלײַבן. נאָר אפ צו בלײַבן. — יאָסל האָט זיך זייער דערפרייט מיטן וואָרט „בלײַבן“. ער האָט איצט געפינטלט מיטן זעענדיקן אויג און געפרווווט דאָס לינקע, דאָס צוגעמאכטע, אויך עפענען, נאָר ניט געקאָנט. — מירן דאָרט בלײַבן. אפ שטענדיק בלײַבן. מירן ביידע קעסיידער צוזאמען ארבעטן. און נאפטאָליע אויך מיט אונדז. קעסיידער וועלן מיר איינעם טעסען. דאָס גאנצע געהילצ, וואָס דאָרטן וואקסט, וועלן מיר באארבעטן און צונויפשטעלן אין געבײַדעס. אזוי־נע געבײַען, ווי מיר וועלן מאכן, קאָן קיינער ניט. מירן זיי אַלעמען ווײַזן, ווי מע דארפ האלטן א האק. מירן זיי אַלע־מען ווײַזן, וואָס הייסט יאָסל מיט מיטראָפאנען. און ווינטער. פארן לאנגן ווינטער...

נאָר, ניין. יאָסל האָט נאָך וואָס צו זאָגן: נאפטאָליען גיט

ער אָפּ מיטראָפאנענ פאר אנ איידעמ. מיטראָפאנ געפעלט אימ זייער פאר א מעכוטנ. אונ פיאָקלע פאר א שנור. מיטראָפאנ האָט דאָ גאָרנִיט וואָס צו טראכטנ. אזא ארבעט־מאנ ווי נאפטאָליע זעט מענ ניט. ער פארמאָגט צוויי געזונטע אײַזערנע הענט מיט דער עמעסער שטאָלענער האק. נאפטאָליע וועט פיאָקלענ נעמענ. נאפטאָליע שאדכנט זיכ שוינ צו איר לאנג. נאָכ פונ פאר דער דינסט שאדכנט ער זיכ שוינ צו איר.

— נו, מיטראָפאנ, באשטייסט?

מיטראָפאנ קוקט מיט מידע גרויִע אויגנ אונ יאָסל רעדט מיט אימפּעט ווײַטער.

ביידע געזינדנ וועלנ זיכ אויסבויענ איינ הויז. פאר זיכ וועלנ זיי אויסבויענ דאָס בעסטע הויז. זיי וועלנ אוועקשטעלנ די בעסטע ווירטשאפט. דאָרטנ קאָנ מענ, דאכט זיכ, ווינטער אויכ זיכ פארנעמענ מיט טעסלערײַ. אויב ניט, וועלנ זיי געפינענ ארבעט. נאפטאָליע שרײַבט, אז אינ ארבעט איז דאָרטנ קיינ מעניִע ניטאָ. הענט, געזונטע הענט זוכט מענ.

— נו, מיטראָפאנ, פארשטייסט?

מיטראָפאנ האָט געשוויגנ. יאָסל האָט זיכ גוט אײַנגעקוקט מיט זײַנ איינ זעענדיק אויג אינ מיטראָפאנס צורע. אינ דרויסנ איז געוועזנ טונקל, יאָסל האָט שוואכ געזענ. ער איז נאָכ לאנג געשטאנענ אָפּ די קני, געשוויגנ, געקוקט אונ אלצ געווארט. נאָכדעמ האָט ער זיכ שטיל אופגעהויבנ אונ אוועקגעגאנגענ.

...נאָכ א שטיקל צײַט שטילשטאנד האָט זיכ בא די נעכבעס אינ שטוב נאָכאמאָל אָנגעהויבנ מאָרדעוואניעס. פּישקע האָט געמאָלדנ, אז ער פאָרט ניט. אלע מעגנ פאָרנ וווהינ זיי ווילנ, נאָר ער, פּישקע, בלײַבט דאָ.

— טאטע, ווייסט פארוואָס? — איז באסיע ארײַנגעפאָרנ. — ער קריכט צו דער לאנגער, נימעסער פיאָקלענ...

פּישקע האָט זיכ באלד ארופגעוואָרפנ אָפּ באסיענ אונ מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער זי געבאָכקעט: מיט די עלנבויגנס, מיט די קני, מיטנ גרויסנ שווערנ קאָפּ.

הינדע מיט יאָסלען האָבןביידע זיך געוואַלגערט אַפּ פּיש־קען, געפּרוּווט אים אָפּרײַסן און ניט געקאָנט. אַלע פיר האָבן זיך אַזוי לאַנג געקנוילט, ביז מע איז געוואָרן מיד, צענע־ריקט, פאַרבלוטיקט...

...איינמאָל איז יאָסלען אָנגעקומען אַ גרויסער קאָנווערט, אַ רעקאָמענדירטער. אין קאָנווערט זײַנען געלעגן אַ סאַך גע־דרוקטע פּאַפּירלעך, געלע און ווײַסע. יאָסל נעכבע האָט דעמלט געפירט קוינים צו זיך אין שטוב אַרײַן און אַלצ גיך און גרינג פאַרקויפט. יעדערן האָט ער צוגעײַלט, אונטערגעטריבן. יאָסל האָט געטײַנעט, אַז ער וויל פאָרן אָן פּעקלעך, אַ גרינ־גער: ער דאַרף גאָרניט האָבן. ער דאַרף נאָר האָבן די האַק, מיט וועלכער ער אַרבעט שוין באַלד דרײַסיק יאָר—אָט־אָ די האַק, וואָס זי טעסעט, ווי יאָסל נעכבע הייסט איר.

און יאָסל האָט אויפגעהויבן אַ שטאָלענע, בלאַסקענדיקע האַק צום פּאָנעם און מיט דער שאַרפּ אַ פיר געטאָן איבער דער פאַרגרעבטער באַק. איבערן פּאָנעם האָט זיך באַלד צעגאָסן אַזויפיל פאַרגעניגן, ווי די האַק זאָל אין דעם געווען אַרײַנ־גיסן דעם גרעסטן נאַכעס...

...אין עטלעכע טעג אַרום, ווען אַלצ איז געווען צוגעגרייט צום פאָרן, האָט יאָסל צוגערופן פּישקען און אים באַפוילן אַ שפּרונג טאָן צו מיטראָפּאַנען און פרעגן:

— נו?

אַלע שטוב־מענטשן האָבן געקוקט אַפּן געזעצטן באַלעבאָס און געוואַרט, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן. פּישקע איז געשטאַנען ווי אַ געלײמטער און ניט פאַרשטאַנען ניט איין וואָרט. נאָר יאָסל האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אַפּ אים און ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט:

— נו?..

פּישקע איז אַוועקגעלאָפּן און טייקעפּ זיך אומגעקערט, ווי אַ מעשוגענער ווילד און פרײלעך. ער האָט קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. ווי אַ קויל איז ער אַרײַן אין שטוב און געננ־

מען פּאַקעווען זײַנע זאַכן. די שטוב־מענטשן זײַנען געשטאַנען אַרום אים, געפֿרעגט און זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן אײן וואָרט ענטפֿער. עלעהיי זאָל זײַן אין שטוב אַ סרײפֿע, אַזױ געשווינד אין צעטראָגן האָט פּישקע זיך געפּאָרעט.

ערשט שפּעטער האָט ער מיט אַ פֿאַרהאַקטן אָטעם אַרויס־געריטשעט:

— פּיאָקלע פּאַקעוועט זיך!..

• •

דורכן שניי

א. יודלסאָן

★

ווינט און פראָסט און פעלד און שניי
האָט פארדרייט מיך אין זאווײ.

ווײַסע ראכוועס אָן אן ענד,
רונד ארום — אזא מין בלענד.

ארום מיר — אלץ ווײַס און ווײַס,
איבער מיר — א גרויער אײַז.

איך בייג אײַן דעם קאָפּ און גיי,
אף מײַן קאָלנער — אָטעם, שניי.

און איך זע: אין ווײַסן קלאָר
שווימט ארויס א שטוב, א דאָרף...

ווער געגאנגען איז אהער
גרויסן זיך מיט אײַער ווערט?

ווער געקומען איז צו דיר
אויסער פריצישן שפאציר?

באָכערים אין לאנגע האָר
זיך געלאָזט צו דיר אין דאָרף.

דיר דערציילט פון „גרויסן ווײ״,
וועלכער הענגט איבער ראסיי.

און קיין רעגע ניט באמערקט
אונטער דיר דײַן פיצל ערד,

ווי ס׳פארשטיקט דײַן יעדן פרווו
אייגן שאָכן — באלעגופ...

דו — פון יונג ביז גרוי און גרײַז,
ווי דאָס וואסער אונטער אײַז,

האָסט אין עלנטקייט און נויט
צו דײַן פרילינג זיך געגרייט,

זיך געשלאָסן אין דער ריי
פונעם ארבעטערס פארטיי.

נאָר דײַן איינזאמער פארדראָס
איז געפרוירן אפן פראָסט,

און דײַן ווארעמקייט און פרייד
איז מיט שניי געווען פארווייט,

און מיט שטיקער אײַז פארשמעלצט
דײַן פאפאכע און דײַן פעלץ,

און אומגעשוועבט האָט שטיל, פּאוואָליע
ס׳ליד פון פויערישער דאָליע.

ס׳האָט א מאָלער בייז און ווילד
אויסגעמאָלט דיך אפ א בילד,

אין א שווארצער בעריש פעל
שטייסט פארהויקערט אף דײַן פעלד...

צארטע פרויען האָבן דאן
מיט דײַן „ווילדקײַט" זיך באקאנט,

און מיט מײַסעס זיך געשפּײַזט
וועגן צאָפנדיקן אײַז,

וועגן מענטש, וואָס איז פארלאָזט,
ווי דער סאמאָיעד אין פראָסט...

איצט — דורך שנייִקן זאוויי
כ'טראָג א גרוס דיר צום פארזיי.

ס'דאכט: אין וועג צו דײַן קאָלווירט
כ'האָב דעם ווערט פון טאָג דערשפּירט.

דײַן אמאָל איך בלעטער אוף —
און כ'דערזע דעם באלעגופ, —

און כ'דערזע א לאנגן שנור
פון געראנגל און געבורט.

און עס גיט א צי אזוי
גריסן דיר צו דײַן פארזיי.

ס'דאכט: איך זיץ שוין אין דײַן מיט
מיט צעווארעמטן געמיט.

און מיר דאכט: איך הער — עס ברויזט
ווי א קוואל בא דיר אין הויז,

ווי עס שטראָמט שוין און פּולסירט
יונגער פרילינג אין קאָלווירט,

ווי דו וואָלסט פון לאַנג־פאַרהיט
אונטער פעלץ — דיין פרייע ליד...

היים־קאָלווירט, דאָס גאַנצע לאַנד
האָט דיר אויסגעשטרעקט א האַנט,

מיט דער סטעזשקע, מיט שאָסיי
קומען געסט צו דיין פאַרזיי.

אין דיין דריטן פרילינג היינט
יאָנטעוו־סטו מיט דיינע פריינט;

מעגן בילן ערגעץ הינט
אפן ווויענדיקן ווינט,

מעגן שליאַכן זיין פאַרווייט
פון צעשויבערטן זאַווייַ,

מעגן שניידן פראָסט און קעלט —
איך פאַרוק זיך אינעם פעלץ

און איך טראָג דיר דורכן שניי
הייסע גרוסן צום פאַרזיי.

● ●

איך היט

ש. שענקער

★

אָפּ טורעם אַפּ הויכן,
אונטער פֿלאַמיקער זון,
איך ציל אָן די אויגן
אין ווייטן ארום.

זאַפטיקע פעלדער
מ׳האָט מיר פארטרויט
היט איך געטריי אָפּ
קאָלווירטישע ברויט.

כ׳היט ניט דעם בלוי
פונעם הימלשן רוים,
נאָר ברויט אַפּ די פעלדער
און עפל אַפּ בוים.

כ׳היט ניט דעם טוי
פונעם סטעפּישן פרי,
איך היט אָפּ געטריי
קאָלווירטישע מי.

כ׳היט ניט פון פייגל,
פון רעגן, פון ווינט,
איך היט אָפּ פון סוינע,
וואָס שטערט און וואָס צינדט.

היט איך באטאָג
און באנאכטנדער שטיל.
הער איך א שאָרך —
די ביקס שוינ איך ציל.

דאכט זיך: די זאנגענ
כ׳זע ווי מע שנײַדט...
אראָפּ פונעם טורעם
אפּ פערד שוינ איך רײַט.

אפּ פערד אפּ צערייצטנ
די האָנעס כ׳מעסט.
אויגנ ווי שפּיזנ
כ׳פּארמעסט אפּ פיל ווערסט.

איך מיט מײַנ פערד —
מיר ווערנ ניט מיד.
קאָמיוג האָט געשטעלט מיך —
שטיי איך און היט.

כ׳היט ניט דעם בפֿוי
פונעם הימלשנ רוים,
נאָר ברויט אפּ די פעלדער
און עפּל אפּ בוים.

• •

קיין איינציקן שפאַן

פ. מארקיש

★

ס'האָט געזאָגט אונדזער לאַנד
און דאָס לאַנד האָט געהערט:
אז קיין איינציקן שפּאַן
פון קיין שכייניש ער ערד
ניט פארלאַנגט אונדזער האַנט,
ניט פארלאַנגט אונדזער שווערד,
נאָר קיין איינציקן שפּאַן
פון סאָוועטישער ערד
וועלן מיר
ניט אוועקגעבן
אונדזערע פײַנט!
האָט געזאָגט אונדזער לאַנד,
און די זון האָט געשײַנט;
האָט געזאָגט אונדזער לאַנד
מיט געזאַנג און מיט זיג:
— זאָלן וואַכיקע זײַן
מיט דעם שווערדן־געבלאַנק
אלע שלאַכטיקע זין
פון דעם ארבעטער־לאַנד!
ווײַל דער סוינע זיך גרייט
צו באַפאַל און צו רויב
און א נעץ ער פארשפּרייט
מיט געפּאַר און מיט שרויט;

ווײַל דער סוינע זיך ווארגט
מיט פארשווער און מיט גיר —
וועט זײַן וואך, וועט זײַן שארף
אונדזער שלאכטיקע שווערד
אפ זײַן מינדסטיקן ריר,
אפ זײַן יעטווידער קער,
וואָס באדראָט
מיט פארמעק!
מיר פארלאנגען קיין טראָט
פון קיין שכייניש לאנד,
נאָר געמינערט ניט זײַן
וועט קיין אייגציקער שפאן
פון אונדזער
סאָוועטישן
פרײַען
פארבאנד!

— רום צו דיר, אייראָפּע־פּאן!
— רום צו אלע דײַנע שטעט!
צאָרן אונטערערדיש שפּאנט
און רײַסט אופ דײַן מאַיעסטעט!
ס׳גייען ארבעטער ארום
אפ די גאסן הונגעריק;
און אין הערצער — א געברום,
און די מײַלער וווּנדיקן:
— נאָך א טאָג און נאָך א וואָך,
נו, און וויפל קאָן מען נאָך
אפ די גאסן און אין נויט,
אָן געלעגער און אָן ברויט,
אָן א לאנד און אָן א היים —
נעכטן — באם ווארשטאט אין ריי,

הײַנט — אױסגעשלײַדערט — רײַן,
װי אַן אױסגעגאָגטער בײן.
איז דײַן אורטײל — לײען! לײען!
— רום צו דיר, אײראָפּע־פּאַן!
— רום צו אַלע דײַנע שטעט!
צאָרן אונטערערדיש שפּאַנט
און צערײַסט דײַן מאַיעסטעט!
האָט געזאָגט אונדזער לאַנד
און דאָס לאַנד האָט געהערט:
יעדער טראָט, יעדער שפּאַן
פֿון סאָװעטישער ערד
איז אױף פֿרײדן געפּלאַנט
און אױף בױונג פֿאַרקלערט.
מיר האָבן געבױט
דאָ, מיר האָבן אַלײן:
מיט אַ שטױב צו אַ שטױב,
מיט אַ שטײן צו אַ שטײן.
אונדזער זאָרג און באַראָט,
אַז אױף װיסטעס־געװיג
אױפֿגײן זאָל אַ זאַװאָד,
אױפֿגײן זאָל אַ פֿאַבריק!
אַז אין טראַקטער־באַפֿעל
זאָל פֿאַרליבט זײַן דער גרונט, —
און אין לאַנד זאָל זײַן העל,
און אין לאַנד זאָל זײַן זון!
און געזאָגט האָט דאָס לאַנד,
און דאָס לאַנד האָט געהערט:
ס'איז דעם בױערס פֿאַרלאַנג,
ס'איז דעם בױערס באַגער,
ס'איז דעם אַרבעטערס װאָרט
און דאָס װאָרט איז אַזױ:

ס׳זאָל אַף יעטווידער פּאָרט
זיך צעבליִען דער פּלאַט,
און מיט ברויט און מיט קויל
און מיט ברידער־געלאָד
זאָלן שיפן אין יאַם,
ווי באַגריסונגען — העל,
גיין צו ברעגן געצאמט
פון דער גאָרינקער וועלט.
וויפל לענדער און שטעט,
וויפל שטעט? וויפל נויט?
קאָן באַזאָרגן מיט זעט
דאָס סאָוועטישע ברויט?
קאָן באַזאָרגן מיט וואלד,
קאָן באַזאָרגן מיט קויל!
— וויפל פּאָרטן צעפּראַלט
האָבן ס׳לעכציקע מויל?
האָט געזאָגט אונדזער לאַנד
און דאָס לאַנד האָט געהערט:
יעדער טראָט, יעדער שפּאַן
פון סאָוועטישער ערד
איז אַף פרידן געגרייט
און אַף פרידן געבויט!
און פאַר פרייד — צען מאָל פרייד!
נאָר פאַר טויט — צען מאָל טויט!
נ׳אויב דער סוינע זיך גרייט
צו באַפאַל און צו רויב
און אַ נעץ ער פאַרשפּרייט
פון געפאַר און פון שרויט;
נ׳אויב דער סוינע זיך וואַרגט
מיט פאַרשווער און מיט גיר, —
וועט זײַן וואַך, וועט זײַן שאַרף

אונדזער שלאַכטיקע שווערד
אפֿ זײַן מינדסטיקן ריר,
אפֿ זײַן יעטווידער קער,
וואָס באַדראָט
מיט פֿאַרמעק!
מיר פֿאַרלאַנגען קיין טראָט
פֿון קיין שכייִנישן לאַנד,
נאָר געמיינערט ניט זײַן
וועט קיין איינציקער שפּאַן
פֿון אונדזער
סאָוועטישן
פֿרײַען
פֿאַרבאַנד!

• •

לאגער „סאָוועטישע ווײַסרוסלאַנד"

ז. אקסעלראָד

★

כ'בין ווידער וואך א נאכט א גאנצע,
איך שטעל זיך אוף, איך זעץ זיך צו —
ארום איז וואלד און נאכט און רו.

עס גייט אין פינצטערניש די צווייטע שאָ,
נאָר ווײַסע פלעקן פון די ביידלעך שײַנען דאָ.

עס שלאָפט דער לאגער איצט „סאָוועטישע ווײַסרוסלאַנד",
עס שלאָפן רויטארמייער איצט,
און איך בין וואך,
כ'שטיי גרייט צו ראפּאָרטירן —
פאר יעדן עלטערן, וואָס קומט באנאכט דאָ אָן:
— דעזשורנער איבער דיוויזיאָן!
— דעזשורנער איבער דיוויזיאָן!

און ווילט זיך שלאָפן מיר, עס קלעפּן זיך די אויגן,
נעם איך ארויס פון קאָבור דעם נאגאן, — —
זיבן קוילן ליגן פעסט אין באראבאן,
פערצן קוילן אינעם שיידל בא דער זײַט
ווארטן זייער ריי און ווארטן זייער צײַט.

און כ'לאָז זיך איבער לאגער גיין:
איך קום ארײַן אין טונקלער קיך,

עס קאָכן דאָ די קעסלען שוין,
עס גרייט דער פרישטיק זיך,
כ'נעם ברויט א שטיק, טונק איין אין זאַלץ:
— ס'איז אַלץ אין אָרדענונג!
— אין אָרדענונג איז אַלץ!
ארום איז וואַלד און נאכט און רו.
איך לאָז זיך ווייטער גיין און גיי צום פערד־שטאַל צו.
די פערד, זיי וויסן זייער אָפּרו־צייַט,
די פערד, זיי ליגן אפּ דער רעכטער זייַט
און אָטעמען און הויך אזוי,
אז כ'קען די טאקטן ציילן:
איינס, צוויי,
איינס, צוויי...
זיי זייַנען זאַט געווייס און אונטערבעטנס אויך גענוג
(„היט דעם פערד"! — האָט אונדז פארזאָגט בודיאָני),

איך טו א קוק, —
זיי זייַנען אויסגעוואַשן ריין,
איך גיב א גלעט די פעל, די קלאָרע,
און באַם אופּראַמער א פרעג:
— ווי פילט זיך אונדזער שקאַפּע העלדישע אווראָרע?

איך גיי צוריק.
דער ווייַסער לייַוונט פון די בייַדלעך איז אראָפּגעלאָזן
און ס'טונקען זיך די ברעגן אין פרישן טוי פון גראָזן,
עס הייבט זיך אָן דער טאָג.
דער הימל איז הייַנט בלוי און קלאָר,
עס שוועבן אינדערלופטן אעראָפּלאַנען
און איבער קאָפּ אַלץ הילכיקער דאָס רוישן פון מאָטאָר.
דער הימל איז הייַנט בלוי און קלאָר,
א טאָג א זעלטענער פאר אעראָפּלאַנען.

און ס׳יאָגט שוין
װזװאָד נאָך װזװאָד
און ס׳הערט זיך
טראָט נאָך טראָט,

אהין, אהין אין אָפן פעלד —
עס שטייען די הארמאטן אויסגעשטעלט.
און שטילער אלץ דאָס רוישן פון מאָטאָר,
און העכער אלץ נאָר די קאָמאנדע קלאָר:
פײַער!
פײַער!
פײַער!
עס רײַסן זיך סנאריאדן אין דער הייך
אף הימלס בלוי אין קליינע װײַסע רויכן.
מיר קענען צילן שוין,
מיר קענען טרעפן שוין,
ס׳װעט אונדז קויל דעם פײַנטס עראָפּלאן דערגרייכן,
און ביז צו אים דערטראָגט זיך הויך דאָס קאָל:

— פאר דרייסטקײַט רויטארמייִשער,
— פאר העלדישקײַט,
— פאר ניכטערן פארשטאנד,
— פאר פעסטע גרענעצן אין לאנד,
— צום לעצטן שלאכט
— אף לעבן און אף טויט!
— מיר זײַנען אלע גרייט!
מיר זײַנען שטענדיק גרייט!

••

צעדעקא *

דער גיסטער

★

שוין צו דעם געבײַ פון דרויסן צוגייענדיק, זעט איר, אז דאָס הויז איז ניט קיין נײַס: איצט בויט מען ניט אזוינע, ס'איז ניט דער סטיל און ניט די ארכיטעקטור פון אונדזער עפּאָכע, יאָ, דאָס הויז איז פון אלטע צײַטן געבליבן, און לעצטנס נאָר באנײַט און רעסטאווירט געוואָרן.

ווירקלעך: אמאָל איז דאָ געווען דער אינסטיטוט פאר וויל־דערצויגענע פרײלנס, דער אינסטיטוט פאר בורזשואז־קאפּיטא־ליסטישע טעכטערלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געלערנט און דער־צויגן צוליב כאסענע און צו אדעליקע מאנירן און מײַסים־טויווים.

איר געדענקט יענע אינסטיטוטן?

טאָמער אָפּגעזונדערטע, מערסטנס אין ווײַט־שטאָטישע גאסן, אין סעדער פארוקטע, און מיט הויכלעכע פארקנס ארומגענומענע.

אינדערפרי האָט מען פון דאָרט פרומע געבעט־געזאנגען גע־הערט, אפדערנאכט פארן שלאָפן לייגן זיך — דאָס זעלביקע. און אז די דינערשאפט און די קלאס־דאמען זײַנען שוין געשלאָפן, האָט מען אין א לעוואָנע־נאכט געקאָנט זען, ווי פאר די פענצ־טער בא די אונטערשטע עטאזשן — גרופּעס יונגע, עלטערע קא־דעטן, פּאָרוטשיקעס און אָפיצערן ווארטן. די פענצטער עפענען זיך שטיל, און יעדעס פּאָר געזונטע אָרעמס פון אן אונטן שטייענדיקן אָפיצער כאפּט אוף א מיידל, וואָס פליט און פאלט צו אים מיטן גאנצן לײַב און לעבן א לעבעדיקע.

---

* צענטראלער קלוב פון דער רויטער ארמיי.

ס'איז דאָרט ליִטיש שטיל געווען און שטילע זיטן.

א היפּשע מיליאָן האָט איצט דאָס הויז דער מעלוכע אָפּ־געקאָסט, דאָס הויז צו די נייַע באַדערפעּנישן צוצופּאַסן, דאָס אין א קאָמאַנדירן־ און ארמייער־קלוב צו פאַרוואַנדלען.

איצט איז דאָס הויז גאָר צו עפּעס אַנדערש באַרופן. קיינע טפילעס הערן זיך ניט פון דאָרט, קיינע ליִטישע טעכטערלעך דערציִען זיך ניט דאָרט, נאָר ביז הונדערט טויזנט רויטאַר־מייִשע און קאָמאַנדירישע באַזוכן א כוידעש, בא א הונדערט טויזנט פאָר פיס אין שטיוול טרעטן יעדן כוידעש די שוועל אַריבער, און דאָך, — וואָס פאַר א שטילקייַט, וואָס פאַר אַן אומגעוויינלעכע זויבערקייַט, וואָס איז זעלטן ווו צו טרעפן אַזוינע, טרעפט איר דאָרט!

דעם טאָג, ווי צו האַלטן זיך און ווי צו פירן זיך אין אָט דער געבייַדע, פאַרגיט אייַך שוין די ערשטע סטעזשקע, אָפּ וועלכער איר טרעט אַרופ, אין קאָרידאָר, אָנקומענדיק און די דרויסן־טיר נאָך זיך פאַרמאַכנדיק; דעם טאָג פאַרגיט מען אייַך, ווען מע נעמט בא אייַך באַם גאַרדעראָב דאָס אויבערשטע אָנטאָן צו.

ס'איז באַלד שוין דער ערנסט אָפּ אייַער פּאָנעם, דער אָפּ־שייַ פאַר אַן אַנשטאַלט, וואָס נאָך פאַר אייַער אַהין אַרייַנגיין ווייסט איר שוין זייַן ווערט און וויכטיקייַט. איר גייט אַרייַן צוערשט אין רויטאַרמייִשן מוזיי.

אָט דער קליינער, פון עטלעכע צימערן באַשטייענדיקער און ניט קיין סאַך עקספּאָנאַטן פאַרמאָגנדיקער מוזיי איז באַ־זונדערס ציכטיק צוגעקליבן, מיט א געניטער און קינסטלעריש־שפּאָרעוודיקער האַנט אויסגעשטעלט און מיט גרויס קענטעניש און געשמאַק סיסטעמאַטיזירט און אויסגעקאַטאַלאָגיזירט.

ס'איז דאָרט באַזונדערס שטיל און זויבער. דאָרט — די נאָך אַזוי יונגע, רויע רויטאַרמייִשע געשיכטע, וואָס דערווייַל זייַ־נען אירע ערשטע בלעטלעך נאָר געגעבן און וואָס איר גרויסע און ווייַטערקומענדיקע געשיכטע דאַרף ערשט געשריבן און געגעבן ווערן.

יאָ, דאָס ווײַטערדיקע — ווײַטער... דאָס אָבער, וואָס ס׳איז שוין דאָ געגעבן, איז שוין גענוג אײַך מיט גרויס דערכע־רעצ און מיט באַוווּנדערונג אָנצופּילן.

איר גייט פון צימער צו צימער. איר זעט די פּרימיטיוועסטע און מיט שטריקלעך געבונדענע, קימאַט קינדער־ביקסלעך פון די סיבירער פּאַרטיזאַנער, און איר טראַכט: אָט מיט דעם און אָט אַזוי איז אַ טייל רעוואָלוציאָנערעס פּויערטום אַרויסגעטראָטן קעגן אַ רעגולערער אַרמיי, לויטן לעצטן וואָרט מיליטערישער קונסט־טעכניק עקיפּירט און אויסגעשטאַט, געשטיצט פון די גרעסטע אימפּעריאַליסטישע רויבער — מיט געלט, מיט וואָפן און אַמוניציע, מיט געלערנטע אָפיצערן און גענשטאַביסטן; און זיי, די אָרעמפּויערים — מיט הוילע הענט קימאַט, מיט פּרימיטיוו געווער און מיט הוילן נאָר ענטוזיאַזם פאַר דער רעוואָלוציע־זאַך, און מיט אַ ברענענדיקער סינע צו זייערע דווירעסדיקע אונטערדריקער. און יענע זײַנען געשלאָגן, און אָט די קינדער־ביקסלעך, די מיט גראָבע שטריקלעך געבונדענע, זײַנען איידעס.

זיי ליגן איצט אונטער גלאָז און שווײַגן. אַ קליין מוזיי־נומערל נאָר אָנגעקלעפּט אַף זיי... ס׳זעט אויס אַ קליין גורל־נומערל, אָבער וואָס פאַר אַ גרויס געווינס דאָס האָט געווונען.

נישט ווײַט און אַנטקעגן אָט די ביקסלעך מיט די שטריק־לעך קאָנט איר זען — איבער דער גאַנצער גרייס פון צימער — אַ מעכטיק־פינקלדיקן, נײַעסט־סיסטעמיקן האַרמאַט, וואָס יענע, וואָס האָבן די ביקסלעך געהאַלטן, האָבן באַם געזונט־באַוואָפנטן כוינע געפאַנגען גענומען.

איר גייט ווײַטער. איינע אַ וואַנט פון איינעם אַ צימער באַווײַזט אײַך די אַכזאָריעס פון סוינע, וויאַזוי ער האָט זיך מיט יענע, וואָס האָבן זיך צו אים אין די הענט אַרײַנגעפאַקט, צערעכנט.

אָט זעט איר... אַ הענטשקע: אַן אַראָפּגעשונדענע הויט מיט נעגל פון אַ האַנט פון אַ רויטאַרמייער.

דאָס זײַנען זיך אַזוי באַגאַנגען די ברידער און די זין פון

די ווילדערצויגענע אדעליקע און בורזשואזע טעכטער, וואָס האָבן זיך אמאָל, טאקע אין אָט די ווענט פון צעדעקא, צו די איידעלע זיטן דערצויגן.

און אָט האָט איר א זייטל פון דער אוקראַינישער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער וואנדייע. די מאכנאָ-עפּאָפּיי... אפ די ווענט — פאָטאָגראפיעס פון געהארגעטע און איבערגעקוילעטע רויטאר־מייער, קאָמוניסטן; פאָטאָגראפיע-בילדער פון אופגעריסענע בריקן, איבערגעקערטע צוגן.

און אָט, אינמיטן שטוב — א טאטשאנקע, וואָס אפ איר, אָדער אפ אן ענלעכער אפ איר, איז מאכנאָ, אמאָל א פאר־שטעלטער אין א דיאק מיט א צעפל, אָדער אמאָל — אין א קאלע-מויד, מיט א גירליאנדע צו דער כופע פאָרנדיקער — דורכ די, וואָס האָבן אפ אים געטשאטעוועט, דורכגעפאָרן.

און אָט האָט איר אײַך דעם קאמפ מיט די באסמאטשן, אזש פון דער אפגאניסטאנער גרענעצ. זעט די פּענעמער פון די באסמאטשן, און זעט יענע, וואָס האָבן אָט די קאָנטררעוואָ־ליוציאָנערע רויבערישע מאכט, וואָס אפ אונדזער ווייטסטן עק לאנד, געצאמט — די רויטארמייער און קאָמאנדירן.

זעט אויכ די לעצטע שלאכטן אפן ווייטן מיזרעכ פון דער מאנדזשורער אײַזנבאן, און אויכ אפ די רויטארמייער און קאָמאנדירן, וואָס גייען מיט אײַכ איצט אין יענע מוזיי-צימערן ארום און וואָס באקוקן אָט די אלע עקספּאָנאטן. זעט דעם ערנסט אפ זייערע פּענעמער, ווי זיי באקוקן יעדע דעטאל, נעמען אין זיכ דאָס אלצ שטיל ארײַן, און וואָס פאר א זעל־טענע שטיק שול עס איז פאר זיי.

קוקט אפ זיי, ווײַל ס'שטייט זיי נאָכ פיל פאָר. און פאר זייערע קינפטיקע טאטן וועלן שוין די קליינע צימערלעכ פון אָט דעם מוזיי צו ענג זײַן, געוויס פיל מער און גרעסערע פאָדערן...

●

ס'פירט איבערן צעדעקא א דאָרטיקער, א יונגער מענטש נאָך, אָבער שוין מיט צוויי ראָמבן, א קאָמאנדיר פון דיוויזיע, הייסט עס, לערנט זיך אַליין אין דער מיליטער־אקאדעמיע, ענדיקט זי באַלד, איז מיליטעריש און אלגעמיין געלערנט.

ער שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער באַווײַזט מיר. איך הער פון אים ציפערן: וויפל דאָס געבײַ האָט אָפּגעקאָסט, וויפל מענטשן גייען דאָ דורך, וויפל לערנען זיך, לייענען, און איך פארגעדענק ניט.

ס'איז דער גרעסטער מיליטער־קלוב אין דער וועלט — כ'בין זיכער, אז דאָס איז געוויס ניט איבערגעטריבן. ס'איז אויך דער אויסטערלישסטער אין דער וועלט. ס'איז ניט דער אונדז אלעמען באַקאַנטער, אמאָל באַוווּסטער אָפיצערן־קלוב פאר קאָרטן שפּילן, פאר זויפן פאר די אָפיצערן, און ווו די סאָל־דאטן זײַנען בא די טירן און הינטער די קאָרטן־שפּילערס פלייצעס געשטאַנען אָפּ צו באַדינען און אָפּ די „הערן־אָפיצערנס" מינדסטן באַפעל אויסצופילן. ניין, דאָס זײַנען נישט קיין הערן־אָפיצערן, נאָר כאַוויירים־קאָמאַנדירן, כאַוויירים־רויטארמייער. ראַנגען, סובאָרדינאציע, דיסציפלין בײַם דער דינסט — יאָ, אָבער דאָ, אין קלוב — זײַנען אלע גלײַכע, אלע כאַוויירים: דער קאָ־מאנדיר און דער רויטארמייער אין איין זאַל, בא איין בופעט, אָפּ די זעלביקע גלײַכע פלעצער אין דאָרטיקן טעאַטער, אין לייען־זאַל באַם לייענען, אין די זעלביקע צימערן בא פארשיי־דענע מיליטער־געגנשטאַנדן פאר יעדן, וואָס וויל, צום שטו־דירן.

די נײַסטע סיסטעמעס געווער, פארשיידענע קאַליבערן קוילן־ווארפערס, הארמאַטן, ביקסן, אעראָפּלאַנען, וואָס א נישט־גע־ניטער פארשטייט אין דעם וויניק, אָבער קאָמאַנדירן און רויט־ארמייער קומען אהין אָט די נײַסטע פון קאָנסטרוקציעס זיך אײַנצוקוקן און זיי צו דערלערנען.

די צימערן זײַנען פול, יעדער צימער — א מוזיי־זאַלעכל, זויבער, צוגעקליבן. און די, וואָס גייען אין די קאָרידאָרן, גייען

שטיל, קעדיי די, וואָס געפינען זיך אין די צימערן, נישט צו שטערן.

אויסער די שטודיום־צימערן פאַר ספּעציעלע מיליטער־זאַכן, אויך אַזוי צימערן — אין פאַרשיידענע לימודים.

אַט זײַנען מיר אין צווייטן עטאַזש. מיר גייען אין שטילן טעפּיך פון קאָרידאָר. מײַן פירער עפנט אַ טיר פון איינעם אַ צימער. אַ גרופּע רויטאַרמייער. עפּעס איינער לייענט פאַר זיי. די רויטאַרמייער זײַנען אַזוי פאַרנומען מיטן לימעד, אַז זיי פילן אונדזער שטילן אַרײַנגיין ניט. פּענעמער בײַ זיי, אַזוי פאַרכאַפּט, אַזוי פאַרשלונגען, און בײַ אייניקע אַזוי אָנגעשטרענגט פון הערן, אַז ס׳דאַכט זיך, אַז באַלד וועלן זיי פּלאַצן פון אָנשטרענגונג.

מיר גייען צוריק אַרויס. די רויטאַרמייער הערן אויך ניט אונדזער אַרויסגיין.

מיר קומען דערנאָך אין איינעם אַ לייען־זאַל אַרײַן. ס׳איז דאָרט אַזאַ ליכטיקע שטילקײַט, אַזאַ קולטור־לופט, אַז כ׳האָב דערפילט, אַז די פיס האַקן זיך מיר אונטער פון דערעכערעץ. כ׳האָב געזען מײַן פירער בײַ זיך אין דער היים, איבער מי־ליטערישע ביכער און קאַרטעס, שווער האָרעווענדיק אויף פאַר־שיידענע אויפגאַבעס פאַר זײַן אַקאַדעמיע. כ׳האָב זיך זײַן ביאָגראַפיע דערמאָנט. זי איז מיר גענוג באַקאַנט. כ׳וואָלט גע־קאָנט דערציילן פון אים אַליין, אויך פון זײַנע עלטערן און עלטערנס עלטערן: ווי ווײַט זיי אַלע זײַנען געווען — און וואָלטן אויך ווײַטער באַם אַלטן צאַרישן רעזשים ווײַט גע־בליבן — פון אַלעם דעם, וואָס רופט זיך אָן מיליטער־זאַך. כ׳וואָלט געקאָנט דערציילן פון זייער שטאַנד, שאַפּעלער רעכט־לאַ־גע, וואָס ווער האָט זיך אין אַזוינע גאָר אומגעקוקט, ווער וואָלט אַזוינע אַפילו גאָר אויף די הויכע טרעפּ פון אַמאָליקן הויכן אָנ־שטאַלט אַרופטרעטן געלאָזט, און ווער שמועסט נאָך — אין ראַנגען שטײַגן, ווער שמועסט — זיך לערנען, פײַיקײַטן אַרויסווײַזן, און דערנאָך הויכע פּאָסטנס צווישן די פּריווילעגירטע קאַסטעס מי־ליטער־לײַט פאַרנעמען.

און אָט איצט שטייט ער פאר מיר, מײַן פירער, איינער פון א סאך, איינער קימאט פון אלע ווי זײַנע גלײַכע שאָפּעלן און רעכטלאָזן שטאנד געוועזענער — אין זײַנע פּאָשעטנע מונדיר געשפּיליעט, נאָר זײַן וועג פאר אים עפנט זיך ערשט, און ווער וועט אים זײַן ווײַטערגאנג פארשטעלן?

— איז אדרעבע, — האָב איך זיך, אפ מײַן פירער קוקנדיק, געטראכט, — זאָלן זיי קומען אהער יענע, די אמאָליקע פּריווילעגירטע פון הויכן שטאנד, יענע אקסלבאנדיקע און מיט גאָלדעפּאָלעטן, איצט—קעלנער, באלאלײַעטשניקעס און קאבארעטישע אווירע־מעקלערס, און לאָזן זיי זען, צי אָט די אלע, וואָס האָבן זייער אָרט אין לאנד, אין בארוף און אין דער געשיכטע געיארשנט, צי האָבן זיי ניט מיט רעכט געיארשנט, צי האָבן זיי ניט זייער בארוף מיט מער וויסן און מער געוויסן דערהויבן, און צי „טראָגן" זיי ניט דעם פון יענע אזוי בארימטן „מונדיר" מיט מער מעסירעסנעפעש און צי האָבן זיי אים ניט מער דעם ווערט צו „טראָגן"?

און איך האָב זיך דערמאָנט אָן בערלין. אין איינעם א רוסישן ווײַסגווארדייִשן רעסטאָראן „מעדוויעד" האָט מען מיר אָנגעוויזן אפ די, וואָס באטאָג ארבעטן זיי און דינען, אדאנק זייערע שיינע, שטאלטנע און אויסגעכאָוועטע אָפיצערישע פיגורן, אין דײַטשישן פילמ, אלס סטאטיסטן, און באנאכט באדינען זיי די רעסטאָראנען, ווײַל דאָס באטאָגיקע פארדינסט קלעקט ניט.

מע האָט מיר אפ איינעם, פון א פירשטן־פאמיליע שטאמענדיקן פארשוין, א ווונק געטאָן. א הויכער שטאב־אָפיצער געוועזענער. ס'איז אין זײַן פיגור און מאנירן גלײַך זײַן שטאם טאקע ארויסצוזען, און אָט האָט ער א ביליקע פּאָר, איינעם א פארשוין מיט א גאסן־פרוי, בא איינעם א רעסטאָראן־טישל באדינט — מיטן סערוועטל, מיטן פארנייג און מיטן האק־פאק קעלנער־קולטור און צו דינסט־גרייטקײַט...

כ'האָב, זיך דאָס דערמאָנענדיק, איצט אפ מײַן פירער א

קוק געטאָן און זיך געטראַכט: נו, ניין! דער וועט שוין קיין סטאַטיסט ניט זײַן און קיין ביליקער גאַסנמוידנ־באַדינער שוין קיינמאָל ניט. ער קאָן עס ניט זײַן! ווער ס׳האָט קנעכטשאַפט קולטיווירט, איז קנעכטשאַפט זײַן פּאַרנאָסע, און ווער ס׳האָט זיך באַפרײַט פון דעם, קאָן קיינמאָל שענדלעך ניט פאַלן.

כ׳האָב דערנאָך לאַנג, נאָכן פאַרלאָזן דעם צעדעקאַ, מיט מײַן פירער איבער די מאָסקווער נאַכטישע גאַסן געשפּאַצירט.

ס׳איז שוין שטיל געווען, און קיין באַוועגונג. מײַן פירער, דער יונגער קאָמאַנדיר, האָט מיר, גייענדיק, זײַן יונגע געשיכטע דערציילט: וואָס ער האָט פאַר די באַלד 15 יאָר רעוואָליוציע דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט.

ס׳איז איינע פון די וווּנדערלעכע עפּאָפּייעס, וואָס אונדזער לאַנד איז אַזוי רײַך מיט זיי, און וואָס ערגעץ אַנדערש האָט מען פון אַזוינס קיין אַנונג ניט. ווײַל אָט די געשיכטע־מענטשן זײַנען נישט נאָר קיין אָביעקטיוו פון זייערע געשיכטעס, נישט נאָר קיין קעפּ, וואָס פאַרשיידענע טרעפּענישן זײַנען איבער זיי איבערגעגאַנגען, און זיי האָבן זיך פאַר די טרעפּענישן געבויגן און געלאָזט זיי איבערגיין. ניין, דאָס זײַנען סוביעקטן פון דער געשיכטע: זיי האָבן אַליין די געשעענישן, וואָס זײַנען מיט זיי געשען, געמאַכט געשען, און פאַר די טרעפּענישן האָבן ניט די קעפּ געבויגן, נאָר פון די טרעפּענישן האָבן זיך טאָמעד און אומעטום, אין אַלע שווערסטע און געפערלעכסטע לאַגעס, זייערע קעפּ אַרויסגעזען, ווען אפילו לויט דער לאַגע האָבן זיי באַדאַרפט אַרײַנציִען, און אפילו לויט דער לאַגע איז נישט איין מאָל אַזאַ קאָפּ איבער איבעריקער דרייסטקייט און איבער נישט וועלן זיך אַרײַנציִען און באַהאַלטן — פון די אַקסל געפלויגן.

ער האָט מיר דערציילט, ווי אין דעם און דעם יאָר איז אים אַפּ איינער אַ לאַנד־גרענעצ אויסגעקומען צו קעמפן, אין וואָס פאַר אַ צאַפּלדיקער און שטענדיק־אייביקער געפאַר! און ווי פּראָסט דאָס ווערט דערציילט! קיין באַרימערײַ, קיין פּוסטע

אמאָליקע אָפּיצערישע און סאָלדאַפּאָנישע גײַווע און די ברוסט אויסקײַקלענ און ארויסשטעלנ, — נאָר פּאָשעט, באשיידנ און, דעריקער, עס פּילט זיך, אז דער שווערד-באַרופ איז נישט קיינ אידעאל, נישט קיינ קאסטע-זאך, צוליב אייביקער קאסטע-זאך, צוליב אייביקע קאסטע-אינטערעסנ צו פּארטיידיקנ, נישט קיינ זעלבסטציל, נאָר א מיטל, א זאך, וואָס דינט און איז אונ-טערגעוואָרפנ אנ אידעאל—צו שטיינ אפנ פּאָרפּאָסט פונ דער אלוועלטלעכער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

• •

דרײַ מאָל באוואָרנט

איציק פעפער

✶

נאכט.
שפּעט.
נאכט, שפּעט.
שלאָפן די וועלדער, שלאָפן די שטעט.
זומער.
צימער.
עמעצער רעדט.
עמעצער רעדט. ווער רעדט אזוי שפּעט?

די פענצטער פארמאכט, פארשלאָסן די טיר.
ווער רעדט עס באנאכט צו מיר?
ס׳גייט א קאָל פון יענער זײַט שוועל,
ס׳רעדט, ס׳רעדט מײַן אַלטער שינעל.
מײַן אלטער שינעל פון טאָג און באנאכט
אין גרויסער שלאכט.

מײַן אלטער שינעל אין ווינקל הענגט,
ער האָט זיך נאָך רויך פארבענקט.

זאָגט דער שינעל צו מיר אזוי:
אין צימער איז שטיל, אין צימער איז גרוי.
נאכט און רו,
איך און דו,

דאָ איז לאַנגווײַליק, דאָ איז שווער,
הער, ווי ס'רוישן די לענדער, הער!

הער, ווי סע יאָגן די הערצער געשווינד,
זע, ווי סע גרייט זיך קייט און קינד,
זע, וויפל נעצן מע שפּינט און מע שפּינט,
זע, ווי דאָס ראַטנלאַנד בליט און גרינט,
זע, וויפל נעצן מע שפּינט און מע שפּינט —
שלאָף
ניט
אצינד!
און ס'טוט זיך א ריס פונעם אָרט מײַן שינעל,
א יאָג פון דער שוועל,
ער טוט זיך א שטעל,
און שרײַט צו מיר דול, און שרײַט צו מיר העל:
זע, ווי סע גרייט זיך די גאַנצע וועלט.

— קום אין פעלד!
— קום אין פעלד!

זאָג איך צו אים:
רויִק זײַ,
מײַן לאַנד איז באַוואָרנט מיט הערצער און בלײַ,
און יעדער ווערסט און יעדער סטעפּ
איז דרײַ מאָל באַוואָרנט מיט אונדזערע קעפּ.

זאָג איך צו אים:
מיר האָבן גערוט,
ווײַל ס'האָט אונדזער לאַנד ניט געדאַרפט אונדזער בלוט,
ס'וועט קומען די צײַט, ס'וועט קלינגען די שאָ,

וועסט מער שוין ניט הענגען אין ווינקל אָט־דאָ,
וועסט ליגן אפ פלייצעס פון איינעם א העלד
אפ רויטיקן פעלד,
אפ בלוטיקן שניי,
מיטן העלד וועסטו זיין, ווי ברידער, ווי צוויי.

הענגט אפ מיין פענצטער א נאכטישער צווייג,
ליגט בא מיין פענצטער א בלייקע ערד.
דער שינעל שווייגט,
דער שינעל הערט,
ווי סע פליט, ווי סע דרייט זיך
און דרייט זיך
די ערד,
ווי פרי און שפעט,
ווי פרי און שפעט
גרייטן זיך אונדזערע פעלדער און שטעט.

פון לענע ביז וואָלגע, פון אייז־יאם ביז דניעפּער
גרייטן זיך טויזנטער, טויזנטער קעפּ!

• •

קווייטן אין הימל

ב. אָליעווסקי

★

— אָט, גוט וואָס דו ביסט געקומען, — האָט מיך הײַנט באַגעגנט גאַנצפרי אפן אעראָדראָם לידע קרוגליקאָווא. אין די מענערישע קליידער זעט קרוגליקאָווא אויס א ביסעלע נידעריקער ווי געוויינלעך, נאָר דערפאר איז זי שלאנקער און בייגעוודיקער, ווי זי וואָלט געבוירן געוואָרן אין דער אוויִאַטערישער אוניפאָרם. זי פילט זיך, ווײַזט אויס, גאַנץ גוט. אפן אעראָדראָם איז יאָנטעוודיק. ס'איז אפילע זייער פריילעך. מע לאכט, מע וויצלט זיך. קעדיי פארדעקן איינער פון צווייטן דעם פאראנגעם אומרו.

אלע זײַנען דאָ יונג. די מערהײַט איז ערשט ניט לאנג געקומען פון אוויִאַ-שול. און הײַנט דארפן זיי צום ערשטן מאָל זיך ווארפן פון די אעראָפּלאנען.

אלע טראָגן שוין אף די פלייצעס די פירעקיקע, גרינע צונויפגעלייגטע פעקלעך פון פאראשוטן. לידע קרוגליקאָווא איז איצטער פונקט ווי אלע איבערגעקרייצט מיט פארשיידענע פאסן. אָנהייבנדיק פונעם העלם און ביזן געלן שיידל פונעם רעוואָלווער, איז אלץ אף איר פעסט פארפאסעוועט אף די ספּראָנטשקעס. אלע זײַנען שוין גרייט. די גאַנצע מאסע פילאָטן מאכן איצט אן אײַנדרוק פון א קאָמאנדע כימיקער מיט באַלאָנען, אָדער פון א פארטיע אלפּיניסטן. נאָר קיין בערג זײַנען דאָ ניטאָ. ס'איז איין גרויסער קײַלעכיקער פארטאָגיקער לויטערער סטעפּ. קיין ווינט איז אויך ניטאָ.

עטלעכע גרויסע פאסאזשיר-אעראָפּלאנען „אנט—9" בלישטשען

מיט די פירעקיקע פענצטערלעך פון די קאיוטעס און קלינ-
גען נאָך אין טאקט פון די מאָטאָרן.

— פארנעמען די ערטער! — דערטראָגט זיך אהער די קאָ-
מאנדע פונעם עסקאדריליע-קאָמאנדיר.

— פארנעמען די ערטער! — לאזערן איבער ווי א ווידערקאָל
די נידעריק-שטייענדיקע קאָמאנדירן.

— פאראן!

— פאראן! — און גיך-גיך צעלאָזן זיי זיך אלע צו די
עראָפּלאנען. נאָר די מאשינעס הייבן זיך נאָך ניט אוף. לידע
קרוגליקאָווא שטייט נאָך אפן שוועל פונעם עראָפּלאן און רעדט
מיטן קאָמיסאר.

זי באמערקט איצטער געוויס:

פונוויַטן לעבן סטארטיאָר שטייט זאכאראָוו, דער קאָמאנ־
דיר פון דער עסקאדריליע, און רעדט עפּעס מיטן דאָקטער.
דער קאָמאנדיר דרייט זיך אלעמאָל אויס און גיט א קוק אפ
קרוגליקאָווא און ווייסט, זעט אויס, אליין ניט וואָס צו טאָן.

— און איך זאָג אייַך נאָכאמאָל, כאוועך קאָמיסאר, אז צו
מיר שאפט מען א באזונדערע באציִונג אין דער עסקאדריליע.
און נאָר דערפאר, וויַל איך בין א מיידל... איך בין א פּילאָט
פון דער 42-טער אויסשפּירער־עסקאדריליע און איך וויל, אז
מע זאָל זיך צו מיר באציִען ווי צו אלע איבעריקע כאוויי-
רים. איך וויל ניט קיין אויסנאמען... און כ'האָב פייַנט, אז מע
האָט אפּ מיר ראכמאָנעס... כ'בין פּונקט אזוי ווי אלע...

דער קאָמיסאר איז באלד ארייַן אין מאשין. דער דאָקטער
איז אויך ארייַנגעקומען. דאָס טירל אין עראָפּלאן האָט זיך
פארמאכט. דער סטארטיאָר האָט אופגעהויבן די ווייַסע פאָן. א
ווייַסע, ציכטיקע שטיק ליַיוונט האָט א ציטער געטאָן אינעם
ליטערן פארטאָג, און אונדזערע גרויסע פּאסאזשיר־עראָפּלאַ־
נען, נעמענדיק שנעלקייַט נאָך שנעלקייַט, האָבן זיך אָפּגעריסן
פון דער ערד און זייַנען אוועק אין דער ליטערער שימע-
רירנדיקער קלאָרקייַט פונעם אינדערפריִיקן הימל.

אין פּאַסאַזשיר-אַעראָפּלאַן איז גאַנץ גמוויינלעך. מיר זיצן איצט אַלע ווי אין אַ קאַיוטע פון אַ באַן-וואַגאָן. עמעס, פאַר די פענצטער לויפן ניט קיין גרינע וואַלדיקע האָריזאָנטן, פויע־רים און פּאַלוסטאַנקעס — נאָר אַ פּוסטע שימערירנדיקע בלוי־קייט און ערגעץ ווייט אונטער אונדז די קיילעכיקע ערד.

דער הויפּט־דאָקטער און דער פּילאָט-באַאָבאַכטער פון דער עסקאַדריליע, כ׳ שישקין, זיצט זיך ווי שטענדיק אַ געלינקער און גוטמוטיקער און וויל עפּעס אַ רעד טאָן מיט קרוגלי־קאָווא, נאָר לידע האָט זיך איצטער אָנגעשפּאַרט אַ פאַרבי־סענע אין שויב און וויל אפילו ניט הערן, וואָס ער רעדט:

— אַז געזונט בין איך, איז וואָס־זשע ווילט איר פון מיר נאָך? וואָס האָט איר ניט קיין ראַכמאָנעס אָפּ סמירנאָוו אָדער סאַפּריקינען?.. זיי זיינען אויך, דאַכט זיך, יונגע פּילאָטן... אין קיין סטאַטוט איז ניט אָנגעוויזן, אַז צו מיידלעך דאַרף מען שאַפן אַ באַזונדערע באַציִונג.

— פּילאָטן קרוגליקאָווא! — האָט הויך דורכן טומל אויסגע־שריִען דער מיליטערישער קאָמאַנדיר פון דער עסקאַדריליע, כ׳ סטראַוטמאַן.

לידע האָט זיך שוין פון געוווינשאַפט אופגעשטעלט פון אָרט, אָנעמענדיק די פּאָזע פאַרן קאָמאַנדיר.

— פּילאָטן קרוגליקאָווא, קיינער שאַפט ניט צו אייך קיין באַזונדער באַציִונג. אַ סאָף! גרייט זיך אויסצופּילן אייער אופגאַבע.

— פאַראַן! — האָט זי אָפּגעענטפערט. און סטראַוטמאַן איז ווידער געזעסן אַ רויִקער, אָנגעשפּאַרט אין דעם פּאָרענטש פונעם שטול און געקוקט, ווי דאָס ווייזערל פונעם הויכמעס־טער דערגייט שוין צו 800 מעטער.

פון דער דאָזיקער הייך וועט מען זיך באַלד וואַרפן. איך גיב אַ קוק אָפּ אונטן:

— הויכלעך אַ ביסל!

— נו, דארפנ מיר אָנהייבנ, הייסט עס, — האָט סטראוטמאנ זיכ פּאמעלעכ אופגעהויבנ פונ בענקל, ווי ס'וואָלט גאָרניט ניט דארפנ געשענ, אונ ניט קוקנדיק אפ קיינעמ, האָט ער אנ עפנ געטאָנ דאָס טירל פונעמ אעראָפּלאנ. א גרויסער פּירעקיקער ווינט האָט אונדז א שמיצ געטאָנ אינ פּאָנעמ. א גרויסע שי־מערירנדיקע ליידיקײַט האָבנ מיר אונטער זיכ דערזענ. נאָר סטראוטמאנ האָט אפ אראָפּ ניט געקוקט. אנ אלטער פּארטייער, א ריגער עלעקטראָ-מאָנטיאָר, א געוועזענער לעטישער שיסער אונ אנ אלטער פליער, האָט ער זיכ פּאָרט הײַנט צומ ערשטנ מאָל געדארפט ארויסווארפנ אונ ס'איז שווער א ביסל.

דער אעראָפּלאנ האָט אָנגעהויבנ באצייכענענ א קרײַז אונ פּארלאנגזאמערנ דעמ גאנג פונעמ מאָטאָר. איכ האָב זיכ גע־וואָלט אָפּדרייענ. סטראוטמאנ האָט זיכ א בייג געטאָנ צו דער ליידיקײַט, אונדז א פּאָכע געטאָנ מיט דער האנט אונ איז פארשוווּנדנ פונ יענער זײַט שוועל. מיר זײַנענ צוגעזאָטנ גע־וואָרנ צומ פּענצטער. ס'איז איצטער ניט געגאנגענ אינ אינ־טערעסאנטקײַט, נאָר אינ —

טאָמער וועט זיכ דער פּאראשוט ניט צענעמענ, טאָמער וועט זיכ אנ אומגליק טרעפנ! אָט זע איכ, ווי סטראוטמאנ פליט אראָפּ מיטנ קאָפּ, אָט דרייט ער זיכ אינדערלופטנ אונ ווערט בליצ־שנעל קלענער אונ קלענער אונ אָט האָט זיכ א ריס געטאָנ איבער אימ דער פּאראשוט, ס'האָט צענומענ זיכ דער גרויסער פּארוסינענער זאָנט, — ווי א גרויסע גראנדיעזע וואסער־ליליע וואָלט זיכ אראָפּגעלאָזט אינעמ לופט־אָקעאנ.

— אויסגעצייכנט! — איז דער דאָקטער צופרידנ אומגעלאָפנ אונ אפ א מאָדנעמ אויפנ געדריקט מיר די האנט, פּונקט ווי איכ וואָלט איבער סטראוטמאנענ צענומענ דעמ פּאראשוט.

ס'איז מיטאמאָל אונדז פרייליכער געוואָרנ אפנ הארצנ. איבערהויפּט איז פרייליכער געוואָרנ לידענ.

— מאָלאָדטשינא! אינגאנצנ 80, — האָט שישקינ איר אָפּגע־לאָזט די האנט, — נאָר געדענקט, כאווערטע קרוגליקאָווא, אז

איך דאַרף זיך זען האַלטן מיטן רוקן צום ווינט, און אַ מעטער הונדערט פון דער ערד זיך צוגרייטן אַ שפּרונג טאָן אַף די שפּיץ פינגער, און איך זאָל זײַן רויִק, און איך זאָל...

דער ווינט האָט זיך געריסן דורך דער טיר און אונדז אָפּעמען געשטויסן אַף צוריק. זי האָט אַרײַנגעלייגט דעם פינ־גער אין רינגעלע און רעפלעקסיוו פאַרשאַרט די האָר אונ־טערן העלם.

— איך ווייס, — האָט זי אים אָפּגעענטפערט דורכן ווינט, ווי דורך אַ שטורעם, און זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פונעם אַעראָ־פּלאַן.

איך האָב זיך אָפּגעקערט. ערגעץ ווײַט אונטער אונדז איז געגאַנגען אַ קלײנינקער קינדערשער צוג מיט אַ סאַך רויטע וואַגאָנעלעך. דער צוג איז געגאַנגען אַף כאַרקאָוו. אַ ביסל נידעריקער פון אונדז האָבן זיך עטלעכע פייגל געטוקט און געבאָדן אין דער וווּנדערלעכער בלויקײַט פון דער לופט.

איך האָב זיך ווידעראַמאָל אויסגעדרייט, באַוואָרנט, אַז קרוגליקאָווא האָט זיך שוין אַרויסגעוואָרפן — נאָר ניין! זי איז איצטער געשטאַנען איבערן אָפּגרונט מיט אַזאַ ווייטעקדיקן אויסדרוק אַפן פּאָנעם, מיט אַזוינע צוויי גרויסע אָנגעכמורעטע אויגן, אַז כ'האָב געמיינט, אַז זי וועט זיך באַלד צעוויינען.

איך קלעקט ניט קיין מוט זיך אַרויסוואַרפן. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געפּרוּווט אַרויסשפּרינגען, נאָר יעדעס מאָל זיך נאָך שטאַרקער אָנגעכאַפּט פאַרן פּאָרענטש פונעם בענקל און אַ פאַרלוירענע געקוקט אַף אונטן — אין דער גרויסער פּוסטער ליידיקײַט.

קיינער האָט איר קיין וואָרט ניט געזאָגט. דער אַוויִאַטער האָט נאָך מערער פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג פונעם מאָטאָר. מיר האָבן אַלע געקוקט אַף איר און געזען, ווי אינוויינִיק אין דער געוועזענער אָרעכאָוואָ-זויעווער וועבערן, ווי אין דער יונגער צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקער פּילאָטן קעמפן איצט די

לעצטע שפּורן פון שרעק פאַר דער לופט, ווי ס'ווערן צוביס-לעך אין איר אויסגעלאָשן די אינסטינקטן פונעם ערד־מענטש, ווי ס'גייט אונטער אין איר די לעצטע מענטשלעכע ציטערניש פאַר דער גרויסער ליכטיקער ליידיקייט.

זי האָט מיט פאַרדרוס באַלד פאַרשטעלט דעם ליידיקן קוואַדראַט פון דער טיר און מיט אַלע קויכעס אַ געשריי גע-טאָן צו שישקינען:

— כאַוועור מאַקסים וואַסיליעוויטש, שטויסט מיך אַר־רויס! נאָר גיי־יכער!

ער האָט זי אָנגענומען פאַרן פּאַס. זי אַ צי געטאָן צו זיך און מיט אַלע קרעפטן זי אַ וואָרף געטאָן פונעם אעראָפּלאַן.

— אַר־וכ! — האָט זי אַ געשריי געטאָן, ווי זי וואָלט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ יאַם, און אויסציִענדיק פאָרויס אירע הענט, האָט זי אָנגעהויבן פאַרשווינדן אונטער אונדז. מיט אַ קאָפּשווינדלדיקער גיכקייט האָט זי זיך געדרייט אינדערלופטן, געפּאַטשט מיט די הענט, ווי זי וואָלט זיך וועלן אָן עפּעס אָנכאַפּן.

באַלד נאָך לידען, נאָכיאָגנדיק זי אינדערלופטן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן שישקין. די פּאַראַשוטן האָבן זיך צענומען. פון די איבעריקע אעראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן נאָך פליִענדיקע מענטשן. ווייסע און געלבלעכע פּאַראַשוטן, ווי גיגאַנ-טישע וואַסער־ליליעס, האָבן זיך רויִק געטראָגן אַראָפּ מיט די פּילאָטן. גרויסע און העלע ווי וואַסער־קווייטן האָבן זיי זיך געטראָגן אין הימל.

און מיר האָט עפּעס באַנג געטאָן. כ'וואָלט זיך אויך עפּשער געדאַרפט וואַרפן. איבערהויפּט איז מיר ניט אָנגענעם פאַר די כאַוויירים...

איך האָב נאָך ניט באַוויזן אַרויס פון דער מאַשין, ווי לידע קרוגליקאָווא האָט מיך באַגעגנט אַ שלאַנקע, אַ שיינענ-דיקע, דרייענדיק איר לעדערן היטל אין די הענט:

— ס'איז גאָרניט שרעקלעך. ס'פאַרכאַפּט נאָר אַ ביסל דער

אָטעם, און ס׳ווײַזט זיך נאָר אויס, אז דו וועסט גאָר קיינ-מאָל ניט צוקומענ צו דער ערד. פאמעלעך, קימאט א מינוט בינ איך געפאלנ... אכ,—האָט זי א צי געטאָנ דעמ פאס אפ זיך,—אז איך זאָג דיר, אז ס׳איז גאָרניט שרעקלעך! — און ניט פארענדיקנדיק:

— קומ! מע הייבט ווידעראמאָל אָנ.

א נײַע פארטיע פילאָטנ האָבנ זיך געזעצט אינ די מאשי-נעס. אפנ אעראָדראָמ איז געווענ איצט באזונדערס יאָנטעוודיק. ס׳איז געווענ א ווײַטערדיקער שריט צו מאכנ געפארלאָזער דאָס פליִענ, פארהיטנ אזוינע זעלטענע, ווונדערלעך פארהאר-טעוועטע, געזונטע לעבנס פונ אונדזערע זעלטענע פליִענדיקע כאוויירימ און כאווערטעס.

• •

אפ ליזשעס

פ. אלטמאנ

★

צאליק און איוואס זײַנען אוועק אפ ליזשעס. דער ראָטנע קאָמאנדיר האָט באפוילן זיך פארבינדן מיט די מיליטער-טיילן, וואָס זײַנען צעשאָטן אין וואלד.

האָבן זיי אָנגעטאָן צוויי פּאָר ליזשעס, די ביקסן איבער די אקסל, די שטעקלעך אין די הענט און אוועק.

ס'איז געווען א טאָג, ווען ס'דאַרף מיטן איינציקן קלוים-טער-שפּיץ אפן האָריזאָנט האָט אויסגעזען, ווי א ווײַנשל-סאָד אין מײַ, און די גאנצע ערד, ווי א זיפּ, מיט קאטשענע פּע-דערן לײַכט פארזילבערט.

באביידע אין די הערצער האָט זיך געקרײַזלט דער פרי-לינג, שפּארנדיק פון ברוסט. אין מויעך איז ערגעץ אײַנגע-פרעסט דעם קאָמאנדירס באפעל. האָבן ביידע זיך שטײַפער אָנגעלייגט אפ די שטעקלעך, געיאָגט די ליזשעס, צעקעמענדיק דעם שניי אין א צווייענדיקן שרונט.

אפ א שייד-וועג פרעגט צאליק.

— געדענקסט, וואָס ס'זאָגט דער דריטער פאראגראף פון דיסציפּלינארן סטאטוט ?

— איך געדענק.

— וואָס ?

— דער באפעל פון קאָמאנדיר דארף ווערן אויסגעפילט פינקטלעך, אָן שום ריידעכצן און צו דער צײַט.

— איוואס, ווילסט אויספילן דעם באפעל אזוי, ווי דער סטאטוט הייסט ?

— וויִאזוי דען אנדערש. פארשטייט זיך, כ'וויל...

— טאָ שטעל־זשע זיך אָפּ, קום דורכן יאר, האלב וועג צום וואלד...

גרויע צוויי אויגן צעלויפן זיך פון ווינקל צום ווינקל און ווילן ארויסשפּרינגען פון זייערע רייפעלעך.

— ביסט באַם זינען, צאַליק?.. בארג־ארויף וועסטו דעם קאָפּ ברעכן... דו ווייסט, וואָסער בארג דאָס איז?...

— שפּיי אַפן בארג... וועסט זיך האלטן פעסט אָפּ די פיס, וועלן דיר די ליזשעס פארטראָגן... שוין ניט ס'ערשטע מאָל.

איוואס צינדט זיך אָן. ארום איז א ברייטער פלאַך, יעדער בערגל קושט זיך מיט דער זון און שרייט: נו, וואָס שטייסטו... נו, ריר זיך שוין, פאַכדן דו איינער...

אים דאכט זיך איצט, אז ניט ס'פעלד, נאָר די אייגענע יוגנט זיינע רופט אים. צוויי־און־צוואנציק־יאָריקער ווילן טרייבט אים, ער שרייט: „היי, שנעלער!"

ביידע פּאָר ליזשעס שניידן זיך טיפער אריין אין שניי און פארטאָפּלען זייער גיכקייט. אָט זיינען זיי שוין באַם בארג.

זומער איז דער בארג א צעדראפּעטער, א פארוואָקסענער און לאָזט צו זיך קיינעם ניט.

איצט זעט ער אויס ווי א „פּאסקע" מיט א פארצוקערטן קאָפּ. אונטער אים ליגט דער יאר — א פּוכיקער אָפּגרונט מיט טויזנטער בליעסקן. אין יענער זייט, אַפן צווייטן בארג, ליגט אין א ווינטערדיקן מאנטל איינגעהילט — דער וואלד. דער וואלד, וווהין ביידע יאָגן זיך מיט א באפעל... זיי דוכט זיך אויס, אז א סאָסנע־פינגער ווינקט צו זיי. און...

— אוכ... כא... כא...

ווי א פּאָר טויבן באפרייטע פון שטייגל אין פרילינג־צייט, רייסן זיך ליזשעס בארג־אראָפּ.

— „א, איוואסיק, א גאסט".

ער כאַפּט זיך אויף, טרייסלט אָפּ דעם שינעל פון אָנגע־קלעפּטן שניי... הייבט די פארגליווערטע הענט און לויפט צו די ליזשעס.

צאַליק האָט שוין זײַנע ליזשעס צוגעפּעסטיקט צו די פּיס. ער שטייט באַ דער שוועל פֿון אַ צווייטן באַרג, אָנגעשפּאַרט באַ די שטעקלעך און רופֿט:

— נו, איוואַס, מאַך עס גיכער. מ׳דאַרף שפּאַנען...

— וווהין?..

— אין וואַלד. האָסט פֿאַרגעסן אין באַפֿעל?...

— צאַליק, דער באַפֿעל איז דאָך ביטנײַ... ס׳איז דאָך באַ אונדז ניט מער ווי אַ לימעד.

— און אין סטאַטוט ווי שטייט געשריבן?...

איוואַס וויל דערציילן, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אין האַ־ליאַן, אַז ער האָט זי שוין עטלעכע יאָר ניט געזען... אַז איצט איז די בעסטע צײַט צו איר אַראָפּלויפֿן, ווײַל דער באַפֿעל איז דאָך נאָר אַ פּרוּוו... ווער וועט וויסן ווו זיי זײַנען...

צאַליק אָבער, רעדט ערנסט:

— קיין שום כּלעק ניט... דער באַפֿעל איז געגעבן גע־וואָרן, דער באַפֿעל דאַרף ווערן אויסגעפֿילט.

באַ איוואַסן האָט זיך ווי דער שאַרבן געעפֿנט און דעם קאָמאַנדירס באַפֿעל האָט זיך איצט צעשיט איבער זײַן גאַנצן מויעך... אײַלט ער זיך אײַנשפּאַנען די ליזשעס, שפּאַרט זיך פֿלײַסיקער אָן אויף די שטעקלעך און דראַפּעט זיך נאָך צאַליקן באַרג־אַרויף...

• •

באקאנטשאפט

י. ראבינ

★

ביידע זייַנען זיי געזעסנ בא איינ פענצטער, דער צוג איז געלאָפנ אונ ביידנ געפירט, דער לאָקאָמאָטיוו איז געווענ יונג אונ פריש, ער איז געפלויגנ מיט דער יונגקייַט, וואָס האָט נאָכ קיינ דערפארונג ניט פארזוכט, וואָס ווייס ניט, אז מע קאָנ אינ לויפנ פאלנ. אונ דער פרילינג איז געווענ ווי א שפיגעלע קעגנ דער זונ, וואָס שפרינגט ארומ מיט העלקייַט אונ אפ איינ פוס. פונדעסטוועגנ איז געווענ שווער צו פארשטיינ, צי שפרינגט עס ארומ דער פרילינג פונ קלוגשאפט, צי פונ נארישקייַט.

די ביידע, וואָס זייַנען געזעסנ בא איינ פענצטער, זייַנען שוינ געווענ ניט גאָר יונג אונ ניט גאָר אלט, אונ זיי האָט זיכ געגלוסט שווייַגנ. זיי האָבנ זיכ שוינ וויפל מאָל באגעגנט אינ איינ וואגאָנ — איינ וועג פירט זיי ביידנ צו דער ארבעט אונ צוריק אהיימ. עס טרעפט, אז א סאכ טעג זיצנ זיי אינ איינ וואגאָנ, אונ אָפט איינער קעגנ אנדערנ בא איינ פענצטער, אונ זיי האָבנ קיינ וואָרט קיינמאָל ניט אויסגערעדט צווישנ זיכ. אונ הייַנט האָבנ זיי א קורצ שמועסל דורכגעהאלטנ:

איינער (געוואָלט האָט עס דער אנדערער אויכ זאָגנ, נאָר דער איינער האָט ארויסגעכאפט): אייַנגעשפאנט, דוכט זיכ, איז אנ אונדזעריקער, א שפאָגל-נייַנקער...

אנדערער: אנ אייגענער, א שפאָגל-נייַנקער... לאָקאָמאָטיוו.

איינער: פאָרנ אפ אנ אייגענעמ... דאָס איז עפעס יאָ...

אונ זייַנען אנשוויגנ געוואָרנ. געקוקט האָבנ ביידע אינ איינ פענצטער, מיט זיכ אליינ געטראכט אונ מיט זיכ אליינ געשמייכלט.

און פֿלוצלינג האָבן ניט זיי, נאָר אנדערע זיך אופגעכאפט פונ זייערע ערטער. אינ מויל בא די אנדערע איז געווענ א קוויטש, א צעשראָקענער געשריי, א געשריי, וואָס דער, וואָס שרייַט, פילט אימ ניט, און דער, וואָס הערט,—ציטערט אופ. דער געשריי איז פונ זייערע מייַלער געלאָפנ, די שרעק האָט געציטערט אפ זייערע אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס האָבנ געוואָלט אָנכאפנ די לופט און האָבנ ניט געקאָנט. די מענטשנ אינ וואגאָנ האָבנ זיך אינ. אייַלעניש אופגעשטעלט, זיך געוואקלט און געהוידעט אפ זייערע פיס און עטלעכע מיטאמאָל האָבנ אויסגעשריִענ:

— ער איז אראָפ פונ די רעלסנ, פונ די רעלסנ אראָפ.

און אלע מיטאמאָל האָבנ גענומענ לויפנ, ארומלויפנ אינ אלע זייַטנ — אהינ און צוריק, איינער קעגנ אנדערנ, אפ אנ אנדערנ, הינטער אנ אנדערנ. איינער כאפט זאכנ, א צווייטער ווארפט זעקלעך. דער וואגאָנ גיט מיט די רעדער אָנ די רעלסנ א גרילצנדנ סקאווטשע, א סקריפ, און א קוויטש, און א ריס. אלע שלאָגנ זיך צונויפ, פאלנ צונויפ אינ איינ קופע און פונ די אויבערשטע בענק שיטנ זיך אפ מענטשנ זעק און פעק. א געשריי ווערט:

— דורכ די פענצטער, דורכ די טירנ, לויפט, שפרינגט, ראטעוועט...

קיינער זעט ארומ זיך קיינעמ ניט. ווער עס האָט הענט מיט עלנבויגנס, פיס מיט קניִענ, שטופט זיך צו די פענצטער, שטויסט זיך צו די טירנ, און די, וואָס פארבלייַבנ אינמיטנ, פארברעכנ די הענט און שרייַענ דורכ די פענצטער אינ די פעלדער ארייַנ: גוואלד! ראטעוועט, ראטעוועט! גוו־ווא־א־אל־לד־ד־ד...

איינער פונ די צוויי, וואָס זייַנענ געזעסנ באמ פענצטער און האָבנ געשוויגנ, שטייט איצט און שרייַט:

— שטיל! גאָרנישט ניט געשענ... גאָרנישט... שטיל.

א ווייַלע ווערט שטילער. אלע קוקנ אפ אימ מיט אומצוטרוי און מיט אָפענע מייַלער, ווידער גרייטע צו שרייַענ. נאָר באלד גיט זיך דער וואגאָנ ווידער א הוידע, אזא, אז אלע דערפילנ,

ווי ער רײַסט זיך אָפּ פֿון זײַן אָרט, ווי ער שפּרינגט ערגעץ אוועק, ווי ער וויגט זיך, בייגט זיך, ווי אָט־אָט פֿאַלט ער מיטן קאָפּ אַראָפּ. עס דוכט, אַז שוין בלאַצן שוין. און אַלע מיטאַמאָל גיבן אַרויס אַ רעווע, אַלע מיטאַמאָל לאָזן זיך צו די טירן, זעצן די שויבן, קלאַפּן זיך אָן די בענק, שטויסן זיך קאָפּ אָן קאָפּ. מע שרײַט פֿון שרעק און ווייטעק.

אַ פֿרוי דערמאָנט זיך גראָדע איצט, אַז זי האָט אַ קינד געלאָזט אין דער היים און צעשרײַט זיך: — מײַן קינד, מײַן יאָסעמ, אָן אַ מאַמע וועסטו בלײַבן... און ווײַטער ווערט אומקלאָר, וואָס אין וואַגאָן טוט זיך. ביידע, וואָס זײַנען געזעסן פֿריִער באַם פֿענצטער, זײַנען בלאַסע מיט צעטומלטע, צעשראָקענע אויגן, און איינער שרײַט נאָך: — גאָרניט... זײַט רויִק.

און פּלוצלינג דערפֿילט מען, אַז דער וואַגאָן שטייט. ס'גייט דורך אַ ווײַלע, נאָך איינע, אַ דריטע, און מע נעמט גלייבן, אַז דער וואַגאָן שטייט.

קיינער האָט נאָכדעם ניט געוואָלט גלייבן, אַז דער צוג איז פֿון די רעלסן ניט אַראָפּ.

אָבער געווען איז טאַקע אַזוי:

אַ מענטש איז דעם צוג אין וועג געשטאַנען, צווישן די רעלסן שפּאַצירט, אָדער ספּעציִעל אַהער געקומען, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט אים אָפּטרײַבן ניט געקאָנט און איבערפֿאָרן ניט געוואָלט, האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, פֿאַרטאָרמאָזירט און איבערגעשראָקן אַלעמען.

די ביידע, וואָס זײַנען פֿריִער באַם פֿענצטער געזעסן, זײַנען דאָ איצט אויך געווען און האָבן נאָך געשוויגן, — נאָר זייער שווײַגן ניט אויסגעהאַלטן. איינער האָט געזאָגט (געוואָלט האָט עס דער צווייטער אויך זאָגן, נאָר דער ערשטער האָט אַרויסגעכאַפּט):

— און איך האָב שוין אַ טראַכט געטאָן דערבײַ... אָט האָסטו דיר אַן אומדזעריקן, אַן אייגענעם לאָקאָמאָטיוו... פֿון די רעלסן טויג ער אַראָפּצוגיין... נאָר גיין ראַיעל...

דער צווייטער:

— וואָס רופט זיכ בא אײַכ אנ אייגענער? פונ איינ זאוואָד זײַנען מירביידע. כ'קענ אימ מיט זײַנ נומער, איכ האָב אינ אימ אויכ א שרויפ געשרויפט, אונ די פירמע פונעמ זאוואָד איז אפ אימ... ערשט — נא דיר! אונ דאָ איז נאָכ... ביסט אליינ דערשראָקנ, אונ ווײַבער שרײַענ נאָכ. האָב צו טאָנ מיט ווײַבער...

אונ ווידער זײַנען ביידע שטיל געוואָרנ, אונ ווידער האָבנ זיי געוואָלט נעמענ אונטערשמייכלענ צו זיכ אליינ, נאָר א דריטער, וואָס איז זיי קעגניבער געזעסנ, וואָס האָט געטראָגנ גרויע פריצישע וואָנצעס, וואָס האָט אינ דער צײַט פונעמ טומל זיכ אָנ דער קליאמקע פונ דער טיר אָנגעכאפט אונ פונ שרעק זיכ ניט גערוקט ניט אהער, ניט אהינ — האָט איצט א שמייכל געטאָנ:

— רוסישע ארמייענ זײַנען בעריעס אפ אָפּטרעטנ צוריק, אונ סאָציאליסטישע לאָקאָמאָטיוונ אפ אָפּשטעלנ זיכ... כא־כא־כא...

האָט שוינ איינער פונ די ביידע ווידער געמוזט זאָגנ:

— קאָנטרע, מע זעט, אז קאָנטרע... ביסט פארשלאָפנ, בירגער קאָנטרע, פארשלאָפנ... אָפּגעטראָטנ זײַנען אונדזערע ארמייענ, ווענ דו האָסט זיי אָנגעפירט, אונ א גוטער לאָקאָמאָטיוו דארפ זיכ קענענ צו דער צײַט אָפּשטעלנ. אפילע קליאמקעס זײַנען איצט גוטע, אז זיי האָבנ אויסגעהאלטנ אזא נעווילע, ווי דו ביסט. גיי שלאָפנ, בירגער קאָנטרע...

דער צוג איז צו דער סטאנציע צוגעפאָרנ.

פונ דעמ מאָל איז בא די ביידע געשלאָסנ געוואָרנ באקאנטשאפט. ווענ זיי באגעגענענ זיכ אינ וואגאָנ, — שווײַגנ זיי שוינ ניט אזויפיל.

● ●

א נאָוועלע וועגן פינפונצוואנציק

מ. טייף

★

הײַנט איז די לעצטע אנטשיידענע נאכט!
אכטונג, כאוויירים, הערט אויס מײַן באפעל,
מאָרגן פארפרי — די לעצטע שלאכט!..
באקוקט די ביקסן.
פרוווט די שווערדן.
פעסטער די זאָטלען.
האָבער די פערד.
ווער איז קראנק?
צוויי טריט פאָרויס!
בראוואָ, כאוויירים, א דאנק!
(ס'איז קיינער פון דיי ניט ארויס...)

ווען זייגערס אין שטעט האָבן געקלונגען צוועלף,
איז אנשלאָפן אן עסקאדראָן אינמיטן פעלד.
דערנאָך האָבן זייגערס געקלונגען פיר,
האָט זיך דעמלט פארמאכט איין אויג באם קאָמאנדיר.

אף פעלדער הוילע,
אף פעלדער נאקעטע
אוועק איז א דולע א הייסע אטאקע.

אין הימל אין הויכן
שווימען וואָלקנדלעך ראָזע, —
די רויטע ארמיי איז אריבער בעראָזע.

פון דאָן, פון קובאַן
דורך אוקראַיִנישע סטעפּעס,
די רויטע אַרמיי איז אַריבער דעם דניעפּער.

אויפן לעצטן פליגל
דער עסקאַדראָן—פּינפונצוואַנציק,
אַנטקעגן — דער סוינע איז שטאָל געפּאַנצערט.

פּינפונצוואַנציק שווערדן
שנײַדן און קאַטעוועס,
און ס׳דונערן בוטלען פון ווײַסע גראַנאַטעס.

און ס׳פּלאַצן מילסן —
אויף שטיקלעך צעשיטן זיך,
אַרום — דער סוינע, דער עסקאַדראָן — אינמיטן.

כּאַווײַרים, דעם פּולעמיאָט פאַרשטאָפּן!!!
אָן דאָרט, אויפן בערגל! אויבנאָן!
ווער גייט אַרויס פון עסקאַדראָן?

האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר:

איינער זאָל גיין
אָדער צוויי זאַלבענאַנד —
און דער ווינט האָט געוויגט זײַן פאַרוווּנדעטע האַנט.

מיט אַ גראַנאַטע אין האַנט,
אַ שווערד אין שיידל,
איז אַרויס פון קאָרע דאָס איינציקע מיידל.

דער פערד האָט דערשפּירט

די רעגע פון טויט,
ווי א דיניקע פליג אף זײַן ווארעמער הויט.

אין א ווײַלע ארום
איז געוואָרן שטיל,
און דער שווייס אף די פערד — קיל...

דורך סוינעס רונג, אין שטאָל געפּאנצערט,
האָבן זיך דורכגעריסן
פּירונצוואנציק.

אף פעלדער הוילע,
אף פעלדער נאקעטע
גייט ווידער א הייסע א דולע אטאקע.

אין הימל אין הויכן
ברענענ וואָלקנדלעך ראָזע, —
די רויטע ארמיי איז אריבער בעראָזע.

פון דאָן פון קובאן...

— — — — — —

— — — — — —

ניט קיין פעלד און ניט קיין פערד,
ניט קיין מילסן פאלן,
ניט עס פּאָכען דאָ קיין שווערדן,
ניט קיין ביקסן קנאלן.

וווּ שטיי איך דאָס? וווּ בין איך איצט?
וואָס האָב איך דערמאָנט זיך?

האָסט טיף אין מיר, מײַן ליד, פאַרקריצט
אזויפיל נעמען נאָענטע...

לעזער מײַנער, הער מיך אויס,
רוף מיך ניט „ראָמאַנטיק״!
אַפּ „לעפּסע״ אין מאָטאָרן־צעך
כ'האָב זיך דערמאָנט װעגן פּינפּונצװאַנציק.

פּינפּונצװאַנציק קאָמסאָמאָלקעס
זיצן בא מאָטאָרן,
דאָ איז מיר די ליד געקומען,
דאָ איז זי געבאָרן.

כ'האָב דערזען פאַר מײַנע אויגן
דעם עסקאַדראָן — פּינפּונצװאַנציק,
װי דער סוינע גרײַפט און גדײַפט
אין מעש און שטאָל געפּאַנצערט.

אין קאַרע האָב איך דערזען
מײַן באַקאַנטע מײדל,
א גראַנאַטע אין איר האַנט
און א שװערד אין שײדל.

דאַכט זיך, אַז דאָס רעדט אַצינד
יענער קאָמאַנדיר:

ענדע, כאַװײרים, דער זײגער שלאָגט פיר,
הערט אויס דעם באַפעל פון אײַער בריגאַדיר —
הײַנט איז די לעצטע אַנטשײדענע נאַכט,
מאָרגן פאַרפרי — די לעצטע שלאַכט!

קוקט אפֿן ברעט, עס פֿעלט דרײַ פּראָצענט, —
צום פּלאַן פֿון בריגאַדע די אַכטונג געווענדט!
באַקוקט די מאָטאָרן,
פּרוּווט דעם אינסטרומענט,
מאַטעריאַל — שפּאָרן;
אימפּעט אין הענט!
ווער איז קראַנק?
הייב אויף די האַנט!
בראַוואָ, כאַווײרים!
מיר מוזן זײַן די בעסטע בריגאַדע אין ראַטנפֿאַרבאַנד!..

ווען זייגערס אין שטעט קלינגען האַלבנאַכט,
האָט רויִק א דרימל די אויגן פֿאַרמאַכט.

●

דערנאָך האָבן זייגערס געקלונגען פֿיר,
האָט זיך דעמלט פֿאַרמאַכט איינ אויג באַם בריגאַדיר.

● ●

מארטי

ע. פינינבערג

★

סאמע באמ יאמ
אינ די ריזיקע קאמערס
פלאמענ די אויוונס,
קלינגענ די האמערס.

הויכע געבײַענ
מיט גלעזערנע דעכער —
קעסל־צעכנ,
גיסער־צעכנ.

זונ האָט צעפאליעט
די קרעפטיקע גלידער
פונ קעסלער, פונ טעסלער,
פונ גיסער, פונ שמידער.

סאמע באמ יאמ
בא די ליכטיקע וועלנ
בויעט מענ שיפנ
אפ הויכע סטאפעלנ.

אפ פעסטע געשטעלנ
העל זיכ באווײַזנ
מעכטיקע קערפערס
פונ שטאָל אונ פונ אײַזנ.

דורכ יאמישע ברייטנ,
דורכ יאמישע לענגענ,

קוילן מ׳עט פירן,
נאפט וועט מען ברענגען.

און אויבער, און טאָמער
מילכאָמע־געוויטער —
שטאָלענע שיפן
דאָס לאנד צו באהיטן...

סאמע באם יאם
כ׳האָב געשטייגט אפ די שטאפלען,
פון טריומען צו גאנעקעס
כ׳האָב זיך געדראפעט:

העט אין די הייכן,
און העט אין די טיפן,
ארבעטער־קרעפטן
בויען די שיפן.

שיף וועט אוועקגיין
אין יאמען שפאצירן,
נאפט וועט מען ברענגען,
קוילן מ׳עט פירן.

און טאָמער, און אויבער
ס׳וועט רויבער באפאלן, —
שטאָלענע שיפן
מיט פלאם זיך צעקנאלן.

שטאָלענע שיפן
געטריי וועלן דינען,
באהיטן, באשיצן
די ראטן־מעדינע.

● ●

פונ „הרעבליעס“

ה. אָרלאַנד

★

1

שאבעסדיקנ טאָג איז דאָס וואסער בא לוטשינקער הרעבליע שוינ שטילער געגאנגענ. פונ די ארומיקע בלאָטעס זײַנענ טונקעלע ריטשקעלעכ שוואכ געלאָפנ צום אײַנגעשרומפענעמ טײַכל אפ אנטבלויזטע זאמדנ איז געלעגנ גרינער וואסער-שלײַמ אונ זיכ געטריקנט אונ געשווארצט זיכ פונעמ ווינט. ווילדע גענדז, וואָס זײַנענ פונ פרעמדע ווײַטנ אָנגעפלויגנ אהערצו צו זומערנ אפ אײַנגעזועסענע ערטער, האָבנ אינ לויטערנ פרילינג-טאָג זיכ געדרייט אינדערלופטנ אונ געשריִענ — דעמ שטענדיק-פארוואסערטנ פליינ האָבנ זיי געטראָפנ א הוילנ, מיט אָפענע בלאָטיקע געדערימ... די גענדז האָט נאָכ געשראָקנ דער טויבער הילכ פונ וואלד: ערגעצ נאָענט האָבנ די ארבעטער ביימער געוואלגערט אונ גערייניקט די קאנאל-ליניע.

פונ זונ-אופגאנג אָנ איז גאָרנ אוועק מיט א פארטיע טשערנאָבילער, מיט זלאטאָוונ אונ מיט א ניוועליר זוכנ די „אקסנ“ אונ נאָכאמאָל איבערכענענ די טיפ פונעמ קאנאל אפ די ערשטע פיקעטנ. קלאפטער נאָכ קלאפטער האָט זלאטאָוו פארשלאָגנ אינ ווייכנ גרונט פריש-געהובלטע ברעטעלעכ אונ מיט בלאָוונ ליובריק אָנגעצייכנט אפ זיי די טיפ.

גאָרנ האָט צוגעטײַלט זײַנ פארטיע. מאָנטיק שטעלט מענ זיכ גראָבנ: אמווייניקסטנ דארפ מענ פינפ פיקעטנ איבערכענענ אונ גרייט מאכנ. הײַנט אָוונט איז אנ אלגעמיינע פארזאמלונג

פון די ארבעטער — כעוורע ווילן גראָבן פון קוב, מע דארף נאָך א פרײַז באשטימען.

— זלאטאָוו, לעבעדיקער! ערשטער פיקעט, צוואנציקסטער קלאפטער? שרײַב: איינ קלאפטער 21 הונדערטלעך די טיפ.

— שוינ פארקלאפט א פלעקל.

— זלאטאָוו, שרײַב צו: באָדנ — טאָרפ.

גאָרנ שטעלט אויס אפנ טאָרפ-באָדנ פונ די ערשטע פיקעטנ. טאָרפ שנײַדט זיך, ווי פרישער ארנאוט, אונ די ארבעטער נעמענ געדנ א האלבנ פרײַז פאר אזא גרינגנ גרונט. אויב ביז ראדאָוויל וועט גיינ טאָרפ, וועט ער ניט איינ טויזנטער אײַנשפאָרנ ארבעטלוינ — צושטײַער אפ ראדאָווילער שווים-באָדנ...

...נאָך מיטיק האָט גאָרנס פארטיע דערגרייכט די ביימער-וואלדגערער. ארום יעדנ בוים אפ דער קאנאל-ליניע האָבנ זיך געפאָרעט דרײַ-פיר ארבעטער: ארומגעגראָבנ די וואָרצלענ, אונ-טערגעהאקט, פארוואָרפנ שטריק אפנ שפיצ בוים, אפ די גראָבע צווײַגנ אונ גענומענ שלעפנ:

— שלעפ!

— שטארקער!

— היט זיך!

— איינס! צוויי!

די פאלנדיקע ביימער האָבנ טויב זיך געלייגט אפנ גראָז אונ געיאָגט ווינט אינ די זײַטנ. סע האָט געדודערט, ס'האָט זיך גערוישט אפ דער ליניע, מע האָט זיך קלינגענדיק־שארפ איבערגערופנ פונ די צעוואָרפענע פונקטנ:

— א שטריק! ביסט טויב געוואָרנ?

— א דרענגל דערלאנג!

— האלט, לאָז ניט אָפ!

— קוועטש זיך ניט, ס'ט עפעס ארויסקוועטשנ...

אָוורוצקי איז פאר די לעצטע פאָר טעג שטארק אָפגעברענט געוואָרנ. פונ אלע קלײַענ אפ זײַנ פאָנעמ איז געוואָרנ איינ גרויסער קלײַענ. ער איז ארומגעלאָפנ צווישנ די ביימער, גע־

שריַען, געזידלט זיך, ווען געהאָלפֿן ציִען א שטריק, און־טערהאקן א וואָרצל:

— פרייַלעכער, אוילעם, ס'הייַנט שאבעס, — מיר ווארפֿן די ארבעט פריִער מיט א שאָ, ניט פארשפעטיקן צום שאלעסודעס...

זאוועריוכע קלעפט זיך ארום אנדרייען. זיי שרייַבן איבער אינצווייען די ארבעטער. זאוועריוכע האָט געהאלטן א לאנגן פארשמאָלצעוועטן פאפיר אין האנט און א בלייַשטיפט פאר־שטעקט אפן אויער. צוגעקומען צו א גרופע ארבעטער, האָט אנדריי זיך אויסגעדרייט צו זאוועריוכען מיט דער פּלייצע און אפ זייַן פּלייצע האָט זאוועריוכע ארופגעלייגט דעם פאפיר און גענומען שרייַבן געבראָכענע אויסיִעס:

— לאפידעס! דייַן נאָמען? טאטנס נאָמען? פונוואנען שטאמט עס א נעפעש? אין פאריין ביסטו?

— ע, ווען איך בין...

— גיי שנייַץ אויס די נאָז...

אנדריי איז געשטאנען און געדרייט מיטן קאָפּ הין און הער — פונעם אויסגעפרעגטן ארבעטער צו זאוועריוכען און צו־ריק. מיט דער פּלייצע האָט ער קיין ריר ניט געטאָן, געשטא־נען, פונקט ווי א שנייַדער וואָלט פון אים א מאָס אראָפּ־גענומען...

דער הויקער האָט געפירט מיט ווירדע זייַן בולאנעם, איינ־געשפאנט אין איין כאָמעט. אים צוגעפירט צו אן אומגעוואל־גערטן בוים, פארשלייפט דעם שטאם מיט א שטריק,ביידע פרייַע שטריק־עקן ארייַנגעסיליעט אין די אויערן פונעם כאָמעט און גענומען קערעווען אראָפּ פון דער ליניע:

— נו, ייִנגעלע...

דעם הויקער האָט פיל געהאָלפן זייַן זון, דער געוועזענער לערער בא ניאכעס קינדער. א ווייַס באָכערל מיט פוכקע הענט און א פוכקע פאָנעם, וואָס ארבעט מיט א מינע — איך בין זיך מאפקיר בא דער ארבעט... אז גאָרן איז צוגעקומען נעענטער, האָט דאָס באָכערל עפעס אפגיך אייַנגערוימט דעם פאָטער זייַ־

נעמ, דער הויקער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערדל און אָפּגע־ווישט מיט אנ ארבל דעמ ניט־פארשוויצטנ פּאָנעמ:

— גאָט העלפ, כאווער אינזשעניער! פּאָטער, נו, מיר אר־בעטנ, הייסט עס — ער האָט געקוקט פּאָטעריש־פארדאַיגעט אפ זײַנ זונ, וואָס האָט זיכ געלאָזט גיינ צומ וויַיט־שטייענדיקנ עמער וואסער. — כאווער אינזשעניער, וואָס זאָגט איר עפּעס אפ מיַינ בענאָק? ער איז א סאָצאָליסט... פונ די ציעניסטנ... זיי זײַנענ בא די גדוילימ קאָשערע... נאָר וואָס טוט מענ דער־צו — ער איז א שעמעוודיקער בא מיר... איכ וואָלט א באלנ געווענ, איר זאָלט אימ דאָ מאכנ עפּעס פאר א שרײַבערל. איכ זאָג אײַכ, ער האָט א גאָלדענע פּענ אינ דער האנט.

גאָרנ האָט זיכ פּלוצעמ דערמאָנט אינ ניאכענ, ניאכע האָט די לעצטע טעג צונויפגענומענ כסימעס בא די פּאָלישוקעס און הײַנט קאיאָר אוועקגעפאָרנ קיינ אָליעווסק. און מארקא האָט אימ געקרענקט — מע רעדט אימ הינטער די פּלייצעס פונ מארקא, און אז ער קוקט זיכ אומ, ווערט מענ אנשוויגנ... זי מײַדט אימ אויס און איז ווילד. עמעצער פּעסטעט דאָס שיקסל...

ארומ אנ אלטנ דעמב האָבנ געשמײַעט בא א צענדליק קאָ־רעסטענער און ניט געקאָנט אימ ארומגראָבנ — זײַנע פארדארטע וואָרצלענ האָבנ ארויסגעשפּארט פונ דער ערד ארומ דעמ שטאמ אפ א צוויי קלאפטער אינ דיאמעטער. פונ די שטײַפע, הארטע וואָרצלענ זײַנענ העק אָפּגעשפּרונגענ, ווי אָנגעטראָפנ אפ א גע־גאָסענעמ גומי. מע האָט שוינ געפּרווט אונטערזעגנ דעמ שטאמ, נאָר די זעג־צײַנדלעכ האָבנ זיכ געטעמפּט און געבראָכנ זיכ אינ די סטארטשענדיקע סוקעס. דערזענ גאָרנענ, פארדרייט מא־כאָרקע ציגארנ, און איינער א געפּאַקט יידל האָט זיכ אײַנגע־שטעלט און געפרעגט:

— כאווער אינזשעניער, וואָס טוט מענ, אשטייגער, מיט אָט דעמ קינד? — ער האָט מיטנ קאָפּ אָנגעוויזנ אפ דעמ דעמב.

סע זײַנען אָנגעגאַנגען נאָך אַרבעטער. זיך איבערגעוואָרפן מיט האַלבע ווערטער:

— מיר פֿאַרשפּילן דעם געווער.

— די קאַצאַפּעס האָבן מזל.

— אַ קונץ, אַז זיי פּאַקן זיך דינע דעמבלעך...

— ווי הוישאַנעס...

אוילעם האָט מעווייניש באַטראַכט דעם בוים, אײַיצעס געגעבן, זיך צעווייצלט.

דאָס געפּאַקטע ייִדל האָט אַרײַנגעלייגט זײַן שוואַרצע באָרד אין מויל אַרײַן, געקײַט זי, געקײַט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אײַנגעשטילט דעם פֿילדערנדיקן אוילעם און מיט אַ ניגן, ווי מע לערנט גמרא, אַ געדאַנק אָפּגעגעבן:

— מע וואָלט באַדאַרפֿט אויסבויערן די עמעסדיקע לאָך אונטער די וואָרצלען... וואָס־זשע וועט זײַן?.. און אין דער לאָך צעלייגן אַ פֿײַער... וואָס־זשע וועט זײַן?.. דאָס פֿײַער וועט שוין דעם בוים אָפּטאָן זײַן רעכט...

גאָרן האָט זיך דערמאָנט, אַז „זו" האָט אים מיטגעגעבן אַ בלעכן פּודעלע דינאַמיט, פֿאַר שטיינער רײַסן, אויב ס'וועט אויסקומען, איז אים אײַנגעפֿאַלן אָפּצורײַסן דעם דעמב.

— כאַווייריִם, מיט פֿײַער וועט איר דעם דעמב ניט נעמען, — ער איז פֿײַכט. איך האָב אַן אײַצע: מיר וועלן אים אָפּרײַסן מיט פּולווער.

דער אוילעם אַרום האָט אַן אַכקע געטאָן פֿאַר היספּײַלעס. גאָרן האָט געכאַפּט, ווי צוויי אַרבעטער האָבן זיך הינטער אים איבערגעקוקט:

— ניין, מיט אַזאַ איִנזשעניער וועסטו ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. אָט אַ קאָפּ!

— ער זאָל נאָר הײַנט אָפּ דער פֿאַרזאַמלונג אונדז ניט פֿאַרדרייען מיט די פּרײַזן... אַ שאַרפֿער מויעך..

... אַ פֿײַף פֿון אַרײַנגעלייגטע צוויי פֿינגער אין מויל האָט אַ שניט געטאָן דעם אָוונטיקן אינדרויסן.

— שאבאש!

אָוורוצקי און אנדריי זיינען געלאָפן ווי פארסאמטע איבער דער ליניע און געוואָרנט די איילנדיקע ארבעטער ניט פאר־געסן דאָס געצייג.

— די העק, ס'איז קאזיאָנע העק!

● ●

פּלאַסטן

א. פּעפּער

★

רעלסן־ציטער,
כמאַרעס־פּלאָנטער,
אומרויִקער רויך,
ווען אין מאָסקווע איז א יאָנטעוו,
— פרייט זיך כאַרקאָוו אויך!

קוימענס הודענס,
בופערס ליאַזגען,
טרעשטשען ווי די ניס.
ווען א יאָנטעוו איז אין וויאַזמע,
— יאָנטעוועט אויך טיפליס!

פעלדער־מילן,
וועגנ־פליגל
בונטעווען אין גרינס
ווען טורקסיבער וועגן זיגן,
— הוליעט מען אין מינסק!

וואָלקנס — בלויליכע מאַטראַסקעס.
הויך־קודלאַטע גאַס.
ווען א יאָנטעוו איז אין מאָסקווע, —
— זינגט מען אין דאָנבאַס.

זינגען דאָמנעס אין דאָנבאַס,
זינגען שאַכטעס אין דאָנבאַס,
זינגען די מאַרטענען,
זינגען יאַנטעוודיק אַ ליד
„ראָבעספּיער",
„מאַראַט"
און „שמידט"
און די שאַכטע לעניג!
זינגען קירקעס אין דאָנבאַס,
און מאַשינעס אין דאָנבאַס,
פּליען עשעלאָנען.

פונעם ווײַטסטן עק אין לאַנד
ביז דער העכסטער קרעמל־וואַנט
גריסן זיך די פאָנען!

גוט איז דעם, וואָס קעמפט און ברויזט,
גוט איז דעם, וואָס גייט פאָרויס
אין די הייסע שלאַכטן.

קוקט אַף ווײַטן האָריזאָנט,
ווי אַ רויטער עשעלאָן
טראָגט זיך פון די שאַכטעס!

ווער־זשע פאָרט דאָרט?
קאַדרען פאָרן! פּלאַסטן פאָרן! שאַכטעס פאָרן! ס׳פאָרט
די מי!

ווי די פּליִערס
לויפן וואָלקנס
און צערינען זיך
ווי שניי.

װע ר־זשע פּאָרט דאָרט?
ס'פּאָרט „איליטש“ און ס'פּאָרט „פּעטראָװסקי“,
ס'פּאָרן „קאָסיאָר“ און „שמידט“
מיט א ראַפּאָרט דער פּארטײ!

און דורך פּענצטער פונעם באַן
טוט א מארש אין פעלד א שפּאַן:
מיר זינגען דעם מארש, װײַל מיר זײַנען שאכטיאָרן.
מיר שטורעמען דעם פּלאַסט און מיר שטורעמען די
יאָרן.

מיט דער קײַלע געריק,
מיטן לעמפּל לויכט
זאָלן הרודעס שװערע
פאלן פון דער הײך.

די זון איז אין די שטעט, זי גײט ניט אין די שאכטעס
גײען אין די שאכטעס א װאכטע נאָך א װאכטע!

לאָזן זיך אין אָנגריף,
לאָזן זיך אין שטרײַט
קײַלעס און זשעלאָנגעס,
לאָמפּן בא דער זײַט!

שװארץ זײַנען די הויטן, שװארץ זײַנען די לונגען,
שלאכטן האָבן רויטע אין שאכטעס זיך צעקלונגען!

אונדז, די שאכטיאָרן,
דער קלאַס האָט פּארטרויט
דעם רויטן מאָרגן,
דאָס שװארצע ברויט!

מיר זינגען דעם מארש, װײַל מיר זײַנען שאכטיאָרן,
לאָמיר זיך געזעגענען, טונקלע קאָרידאָרן!

זײַ געזונט, מײַן קײַלע,
מײַן לאָמפּ און מײַן לאָם,
ס'לויפט איבער די מײַלן
עלעקטרישער שטראָם!

עס װאַרטן די זאַװאָדן, די צוגן און די שיפן,
מיר זאָלן זײ דערלאַנגען די פלאַסטן פון די טיפן!

הויך איבער די שאַכטעס
רױשט דער דאָנעץ,
אומעטום א שלאַכט איז, —
קײַלע מײַן, זעץ!

א גרוס אײַך באָלשעװיסטישע, עלעקטרישע אַרמײען!
לאָמיר זיך געזעגענען, טונקעלע גאַלערײען!

ענגער די קאָלאָנעס,
האַסטיקער די טריט,
ס'װאַרטן שוין װאַגאָנעס
אױף גוטן אַנטראַציט!
— — — — — — —

לויפט דער צוג,
דער דאַמפער נאַס איז,
פונקען — פונעם רויך.
װען א יאָנטעװ אין דאָנבאַס איז,
פרייט זיך מאָסקװע אױך!

פליט דער צוג באַגלייט מיט זיגן,
הױכט זײַן שטאָלצער קאָפּ,

און אין שוואַרצע זומפּן ליגן
די, וואָס שטייען אָפּ!

●

נאָך איידער הודאָק האָט זײַן רוף איבער גאַסן און געסלעך צעשאָטן,
האָט שוין די אַרבעט אין שאַכטע „ענערגיע" געזאָטן.
זײַנען שוין „באַרנ" אין גלאַנציקע פּלאַסטן געקראָכן,
האָבן זיך קוילן געקרישעט, געוואָרפן, געבראָכן.

הודאָק האָט ניט לאַנג זײַנע רופן אַף דעכער געשלײַדערט,
אַ פּײַפּ גאָר אַ קורצער, אַ הודע,
אַ הוידע —
און הײַדאַ!

נאָך איידער דער הימל האָט שטערן צעשאָטן פון זילבערנעם קאָשעק,
זײַנען שוין געסט פון אַרומיקע שאַכטעס געקומען פאַרפּראָשעט...

געקומען איז אויך דער בוקסיר פון דער שאַכטע „איליטש",
דער באַוווסטער,
וואָס איז אינעם קאַנט אינעם גרויסן, אין קאַנט אין דאָנעצער, אַ מוסטער.

נאָך איידער הודאָק האָט די גאַסן געוועקט און געקלאַפּט אין די טירן,
האָט שוין די שאַכטע „ענערגיע" געאַרבעט פאַר צווייען, פאַר דרײַען, פאַר פירן.

אַז דעקן די כוואַליעס, דער רוך זאָל עס נעמען! אַז דעקן —
איז דעקן!
נאָר ווי קומט עס מוזיק אָט אַהער, אין די לאַוועס און שטרעקן?

ווען ס'פּויקן די פּויקן, ווען ס'שאַלן טרומייטן, ווען ס'טרובן
די טרויבן,
איז גרינגער דאָס פּערדל צו טרײַבן! די קײַלע איז גרינגער
צו הייבן!

מוזיק אין דער שאכטע! אָט דאָרט, וווּ די גרויע „סטראַדאַניע"
פֿלעג כליפּען,
אָט דאָרט, וווּ דער טרויער פֿלעג רינען מיט קלאָלעס פון ליפּן,
אָט דאָרט, וווּ די בײַטש פונעם שטײַגער פֿלעג פּײַפן און
לויפן,
אָט דאָרט, וווּ דער טויט האָט געשפּילט זײַנע מארשן אָן
אופהער...

מוזיק אין דער שאכטע!
זי גיסט זיך, זי שטראָמט און זי דרייט זיך,
זי לייגט זיך מיט ווארעמע לאַטעס אף שלאָגלערשע פּלייצעס,
זיי האָבן קיין צײַט ניט די שלאָגלער, זיי קאָנען די קלאַנגען
ניט הערן,
זיי האָבן קיין צײַט ניט באקוקן די רויטע, צעפינקלטע
שטערן,
וואָס מ'האָט אין די שטרעקן, אין לאַוועס, אין אלע זאבויען
צעהאנגען.

זיי האָבן קיין צײַט ניט, די שלאָגלערס, עס ברענט דער געראנגל!

עס פאלן הײַנט גיכער די קוילן, עס פליִען הײַנט גיכער וואַ־
גאָנעס,
די קליעט הייבט הײַנט גיכער די שווארצע, די גאָלדענע
טאָנעס!
עס פינקלט די ארבעט געשווינד הײַנט, עס ארבעטן אלע גע־
שווינדער,

עס זײַנען געקומען די זיידעס הײַנט העלפֿן, עס זײַנען געקו־
מען די קינדער.
און וויפֿל מאַשינעס עס האָבן אָן ארבעט, אין שטויבן גע־
זשאָווערט,
ארבעטן פֿלײַסיק און שרײַען ווי זיגערס און שנײַדן די לאַוועס!

הײַנט ארבעטן אַלע בריגאַדעס געשווינדער, די ארבעט גייט
היציק!
דער גאַנצער קאַמיוג פֿון „ענערגיע", דאָס קעמערל! אַלע!
זיי קומט הײַנט די ערשטע פּאָזיציע!

דער נײַער שאַכטקאָם איז געקומען, דער נײַער פּאַרוואַלטער
אוואַדע.
מע האָט זיך צעוואָרפֿן אין שטרעקן, אין זאַבוי, אין דער
לאַווע דאָ!
גריניוק האָט געדעקט אַפֿן מיטינג די פֿלײַערס, די רײַסערס,
די וואַנצן,
און צוגעזאָגט דעקן די פּלענער אַף הונדערט מיט צוואַנציק!
און אויב מירן ארבעטן אַלע געהעריק און פֿלײַסיק —
וועלן מיר דעקן די פּלענער אַף הונדערט מיט דרײַסיק!

ארבעט הײַנט שטרענגער גריניוק, און ער קוקט ניט אַפֿילע,
ווי ס'ארבעטן גילבור, פּאַנאַסיק, שאַשווילי, קירילע.
עס לויפֿן קאָמיוגישע מוסקולן, עס שלאָגן קאָמיוגישע הערצער:
זיי ווילן שוין דעקן דעם אַלטן מיט הונדערט און פֿערציק!

שאַכטע „ענערגיע" איז פֿול הײַנט מיט רוישן פֿון צענדליקער
מילן.
די שאַכטע איז פֿול מיט געשריי און מיט בריאַזג און מיט
ווילן!
עס שרײַען מאַשינעס פֿון כײַעס באַפרײַטע פֿון שטײַגן,

און ציפּערן הייבן זיך, ציפּערן בלאָזן זיך, ציפּערן שטייַגן!
א לאָזונג א לאנגער צעיאָגט זיך פון שטרעקן צו שטרעקן:

מע מוז הייַנט דעם פּלעק פון „ענערגיע" פאַרמעקן!

א לאָזונג מיט אויסיִעס מיט רויטע צו לאַוועס צעפלאַקערטע
שאַרט זיך —
מע מוז הייַנט, מע מוז הייַנט אַראָפּ פונעם טאָוול דעם שוואַרצן!
איז פאַלן די קוילן געשווינדער, איז לויפן הייַנט גיכער וואַגאָנעס,
די קליעט ׳ הייבט הייַנט גיכער די שוואַרצע, די גאָלדענע
טאָנעס!

קומט אַרופּ א קליעט מיט קוילן,
ווערט א פרייד פון אויבן,
ווערטער הילכן, ווערטער קלינגען
ווי צעפלאַצטע שויבן!

רויטע, גלייַיקע פּלאַקאַטן
ציילן די סאַכאַקלען,
און עס פּאַטשן מיט די צונגען
די טשובאַטע פאַקלען...

ווינקען גלייַיקע פּלאַקאַטן,
ריידן רעדט ניט קיינער,
און דאָס נעכטל בייַסן פאַקלען
מיט די רויטע ציינער...

אין הורא און פליעסקערייַען
ציפּערן זיך באָדן,
און דאָס נעכטל שטעכן פאַקלען,
ווי מיט רויטע נאָדלען...

די קאזארמעס זײַנען ליידיק,
די כיבארקעס זײַנען ליידיק,
און די נײַע מויערן
מיט די גרויסע פענצטער,
מיט עלעקטרע און מיט בעדער,
און מיט ליפטן
און מיט סעדער —
זײַנען ליידיק!

אלע זײַנען דאָ!

פליט ארוף א קליעט מיט קוילן,
בלאָזן זיך סאכאקלען,
און עס פאטשן מיט די צונגען
די טשובאטע פאקלען!
און פלאקאטן אף פלאקאטן
מעלדעווען
און מעלדן:
ווער זײַנען
די ליידיקגייערס?
ווער זײַנען די העלדן?

קומט א העלד אף די פלאקאטן,
שרײַט דער פלאצ: הורא!
קומט א לאָדער אף פלאקאטן,
שרײַט דער פלאצ: האנבא!

שטייען פרויען בא דער שאכטע,
וויפל אויגן ברענען?
און מע זוכט אף די פלאקאטן
נעמען פון די מענער.

שטייען קינדער בא דער שאכטע,
יעדעס הערצל פלאטערט,
און מע זוכט אפ די פלאקאטן
נעמען פון די טאטעס!

וויפל נעמען! וויפל נעמען!
וויפל אויגן קוקן!
טוט א בלישטשע צווישן נעמען:
מערער ניט גריניוקעס!

בראוואָ, בראוואָ! — שרײַט דער אוילעם —
טוט א שפיל א וויווע!
און די פאקלען די קודלאטע
טרייסלען מיט די גריוועס...

וואָס־זשע שווײַגן די האָרניסטן?
וואָס־זשע שווײַגן די פלייטיסטן?

שפיל, מוזיקע!
שפיל, מוזיקע,
א טרויער־מארש
דער אלטער יוזעפקע!

קלאפט, פײַקלעך!
ברענט, פאקלען!
טרובעט, טרויבן,
טרײַבט דעם דרויב!
טרײַבט דעם דרויב
און טרײַבט דעם שטויב,
און די פאָנעס
העכער הייבט!

פאקלען שיטן
פלאם אף פאקלען,
פאקטן לויכטן ווי די פאקלען,
פאקלען וואקלען זיך און קנאקן,
פאקטן קאָנען זיך ניט וואקלען!

אכט אָרקעסטערס
אין פארמעסטונג!

פיר פון אויבן,
פיר פון אונטן.
שרײַט א טרויב
אין לאבירינטן,
פויקט א פויק
אין לאבירינטן!

טראָגן קלאנגען זיך ווי ווינטן,
טראָגן קוילעס זיך
ווי ווינטן...

ס׳מוז „ענערגיע" די שלאכט
נאָך געווינען הײַנט באנאכט!

פאלן קוילן אין זאבוי,
אין זאבוי,
טרײַבן קוילן פון זאבוי
דעם קאָלבוי
פון זאבוי,
אלע ווייסן דאָרט:

עס הייבן זיך און גליִען
אין פריילעכקײַט די הענט,

און שווארצע קוילן פליִען,
זיי טראָגן זיך און פליִען,
אַז ס'ציטערן די ווענט!

אין פלאַקער פון פארמעסטונג
אַפּ שווארצע שטיקער גאָלד
צעלאָזט זיך דער אָרקעסטער,
צעגיסט זיך דער אָרקעסטער
פון ענ־ער רויטן פאָלק!

די לאָמפּן ברענען שענער,
די שאָטנס פאלן איַין,
ווי ציפערס פון די פּלענער,
ווי שורעס פון די פּלענער
צעציט זיך זייער שיַין!

די וורובערקעס מארשירן,
מע הריזעט און מע שניַידט.
ווי גוטע בריגאדירן,
ווי בעסטע קאָמאנדירן,
פירן זיי דעם שטריַיט!

צעפינקלטע סיגנאלן
צעמונטערן די נאכט,
א קלאַפּ — און קוילן פאלן.
וואָס מער די קוילן פאלן,
אלץ הייסער ווערט די שלאַכט!

עס גיט שוין „ענערגיע" איצט ניַינציק מיט זעקס און מיט זיבן!
איז העכער די פּאָנען! ס'איז שוין דערלאנגענע געבליבן!

פלאקערן לאוועס אין גרויסער פארמעסטונג,
הילכן מאשינעס אין גרויסער פארמעסטונג,
גליִען די שלאַגלערס אין גרויסער פארמעסטונג —

דער זיג איז ניט ווייַט שוין, דער זיג איז שוין נאָענט,
אראָפּ וועט „ענערגיע״ פון פינצטערן טאָוול!

עס וויַיסן די העלדן פון רויטן דאָנבאַס
דעם רוף פון פארטיי און דעם רוף פונעם קלאַס!

פארמעסטונג — הייסט וואך זיַין,
פארמעסטונג — הייסט טעמפן,
פארמעסטונג — הייסט שלאַכט:
ווער וועט וועמען
באקעמפן?

פארמעסטונג — הייסט העכער פארקאַטשען די ארבל,
פארמעסטונג — הייסט שלאָגן דעם סוינע מיט ארבעט!
פארמעסטונג — הייסט קלאַפּן די פוילקייַט מיט פויסטן!
פארמעסטונג — הייסט ברויזן,
און ניט נאָר א
ברויז טאָן!

● ●

„איינס אפ איינס"

פ. מארקיש

★

(פונ ראָמאנ)

אָפ א רויענ שטיק סטעפּ, א פּאַרוואָקסענעמ מיט ווילדגראָז, ווי א מעכטיקע ברוסט פונ א ווילדנ אור־מענטש א באוואָק־סענע מיט האָר,— אָט אפ אזא־אָ ווילדנ סטעפּישנ מאסיוו האָבנ זיכ אינ איינעמ אנ אָוונט אוועקגעלייגט צוויי שטאָלענע רעלסנ. זיי האָבנ זיכ אוועקגעלייגט, ווי גראדוסניקעס, אויסמעסטנ די אינוויינ־יקסטע ווארעמקייט פונ דעמ דאָזיקנ סטעפּ־מאסיוו, אונ זייער שנעל האָט זיכ דאָס רעלסנ־שטאָל אופגעהויבנ אונ א קריכ געגעבנ העכער אונ ווייטער, ווי צעווארעמטער קוועקזילבער.

נאָכדעמ האָט זיכ, ווי אנ אומגעוויינלעכע כיַע, אריַינגעסאָפּעט דורכ די רעלסנ א לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי שרעקנדיקע אויגנ, וואָס שטופּנ פאנאנדער די פינצטערניש. א שנייד געטאָנ די וויַיט. א שמעק געטאָנ דעמ ארומ. אופגעהאָלעט פונ סטעפּ דעמ אָנגעפלאָדנטנ נעפּל, ווי אזא גראָ טויזנטיאָריק לייַוונטנ העמד, אונ א לאנגנ דויערנדיקנ ריטש געטאָנ. א ריטש געטאָנ מיט שרעק, מיט באפעל, מיט דאמפּ אונ מיט פייַער.

אונ אָפּגעענטפערט האָט אימ דער סטעפּ מיט הונדערטפאכיקנ ציטער אונ ווידערקאָל פונ אופוואכ. אונ דער לאָקאָמאָטיוו האָט א גיי געטאָנ אפּ צוריק. נאָר מיט די אופרייַסנדיקע אויגנ האָט ער נאָכ אלצ געטאפּט דעמ סטעפּ. ער איז געגאנגענ צוריק, דער לאָקאָמאָטיוו, אונ זיכ צוגעהערט צומ ענטפער, וואָס דער סטעפּ האָט אימ אויסגעציטערט. נאָכאמאָל אנ אופטרייסלענ־דיקנ ריטש געטאָנ אונ פארשווונדנ געוואָרנ.

דעמלט האָבן א פּלייץ געטאָן רעדנס פון אַלע זייטן.

ווי א קישעפדיקע נעץ האָבן זיי זיך ארופגעוואָרפן אפן סטעפּ. און אים באצוימט. און אים געקאָוועט. און מיט מעכטיקע פייפּעריַיען זייַנען אָנגעקומענע מאָטאָרן און לאָקאָמאָטיוון. ס'האָבן זיך צעזונגען און צעסווישטשעט פייַערן אין דער רויער סטעפּישער לופט, ווי פייגל. און אָט איז שוין דער סטעפּ ווי א גרויסער פריידיקער לאגער פון ליכט און מאשינעס.

זייַנען פון די לאָקאָמאָטיוון ארויסגעגאנגען ארבעטער און אינזשעניערן, אָנגעטאָן אין קעפּקעס און אין שטיוול און געזאָגט:

— אָט דאָ זאָל אופגיין א שטאָט! א שטאָט פון זאוואָדן. א שטאָט פון מאשינעס. אָט דאָ זאָל זייַן נאָך אן אינדוסטריעלע דעפּאָ פון דער אוקראַינישער ראטן-רעפּובליק. און אופבליען זאָל זי פאר אכצן כאדאָשים. אופבויען זאָל מען זי שטורעמדיק. מיט פארליבטקייט פון ארבעטער אין זייער קראפט. מיט פארליבטקייט פון ארבעטער אין זייער אופקום און געוועלטיקייט.

און דער סטעפּ האָט זיך גענומען רייסן אף שטיקער און אף טיילן, און דער סטעפּ האָט זיך גענומען טיילן אף גאסן און אף צעכן, און אף זאוואָדישע פּראָספּעקטן. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן שפּארן פון אונטער דער ערד א שטאָט. און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן אין דער הייך קאָרפּוסן און זיי האָבן א ריטשע געטאָן מיט טויזנטער עלעקטרישע פייַערן, אופגעפּאָכעטע אין דער לופט:

— מענטשן! פירט ארייַן אהער נאָך ארבעטער! נאָך לאָקאָמאָטיוון! זאָל זיך דער סטעפּ אָנווארעמען מיט פארליבטער מענטשן-מי! זאָל זיך איבערשמעלצן דער סטעפּ, דער טויזנט-יאָריקער סטעפּ, דער פארטויבטער פון קאָבזארישע געזאנגען וועגן בלוטיקע שלאכטן, וועגן סרייפעס און מאָרדן און אוועק-געטרויבטע אוקראַינישע טעכטער, — זאָל ער זיך איבערשמעלצן, דער סטעפּ, אין א שטאָט. אין א געזאנגיקער מאשין-אָפּטיילונג פונעם לאנד. פירט ארייַן נאָך ארבעטער! נאָך מאָטאָרן! און זאָל ווערן ליכטיק אין סטעפּ!

און דאָס לאַנד האָט געענטפערט.

ס'האָבן זיך א לאָז געטאָן צוגן מיט אַרבעטער. צוגן מיט קאָמיוגיסטן, צוגן מיט באַטראַקעס און סעזאָניקעס פון שטעט און פון דערפער.

אַרײַנגעאָטעמט האָט דער סטעפּ אַף אַמאָל אַכצן טויזנט מאַן. און צווישן זיי איז שוין געווען דער כאַווער כאַלאָדענקאָ. און צווישן זיי איז שוין געווען דער כאַווער האַנס. און דער כאַווער לונץ. און צום סאָף פון ערשטן כוידעש האָט די אַרבעט שוין אַריבערגעשטיגן דעם פּלאַן, וואָס האָט פאַר די ערשטע דרײַסיק טעג געדאַרפט אויסגעפילט ווערן.

איז כאַווער כאַלאָדענקאָ אַרומגעגאַנגען איבער דעם צעפּאַל־מעסטן סטעפּ א שוויַיגנדיקער. צוזאַמען מיט דער פאַרבאָרגענער פרייד, וואָס ער האָט געטרונקען אין סטעפּ פון יעדן קוב לופט, אָנגעפילטער מיט געשטאַלט פון קינפטיקער בויונג, האָט זיך אים אין גאָרגל געשטעלט דער טערמין, ווי א שטיק גלאָז:

— אַכצן כאַדאָשים!

— און עפּשער רוקן מיר אַרויס אַן אַנטקעגנדיקן? — האָט ער זיך א גאַנווע געטאָן מיט זײַנע שיקלדיקע אויגן צום כאַווער לונצס אינזשענירישע פּאַפּירן און פּראָיעקטן, — האַ? וואָס זאָגסטו, כאַווער אינזשעניער?

אינזשעניער כאַווער לונץ איז געלעגן אָנגעלענט מיטן גרויסן קערפּער מיט זײַנעם אַף צוויי פאַנאַנדערגעשפּרייטע פינגער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי א פאַנאַנדערגעעפנטער צירקל. אָט די דאָזיקע צוויי צירקלאַרטיקע פינגער האָבן אים געפירט איבער דער אינדוסטריִעלער קאַרטע פון אוקראַיִנע, און אַף כאַלאָדענ־קאָס פאָרשלאָג האָט ער, ניט אָפּרײַסנדיק די פינגער פון דער קאַרטע, אויסגעדרייט בלויז דעם געוויכטיקן קאָפּ און פאַרענדיקט א מאַטעמאַטישע פאָרמולע, וואָס האָט געהאַט א שײַכעס צו די דורכגעשטודירטע פּראָיעקטן צו זײַנע.

האַנס האָט געשוויגן. ער איז געווען רויִק און האָט געטרונקען אין דער פולסטער מאָס די פינקטלעכקײַט פון זײַן פּרעכטיקער

ציגל-לייגערישער בריגאדע. ער האָט ליב געהאַט א פרוכטבארנ טאָג ארבעט און א גוט-קאָנסטרויִרטנ אינסטרומענט מער ווי דאָס וואָרט „פאטאָס“. און פונ זײַנ לענגלעכ-בייניקנ געזיכט האָט געטראָגנ מיט שטרענגקײַט · פונ ציפערנ, וואָס זײַנענ אויס-געשטעלט אפ ווערסלענ. ציפערנ, וואָס מע טאָר ניט איבערמאכנ. ציפערנ, ווי דער גוירל.

מעגלעכ, אז ווענ דער טערמינ פונ דער בויונג זאָל געווענ באשטימט ווערנ ניט אפ אכצנ כאדאָשימ, נאָר אפ ווייניקער, וואָלטנ די מוסקולנ פונ זײַנ בייניק פּאָנעמ בא דער ארבעט געווענ נאָכ מער דײַטלעכער, נאָכ מער רעליעפער, און ער וואָלט די קלענערע צאָל כאדאָשימ געווענ פאנאנדערגעשטעלט, ווי ווערסל-ציפערנ, מיט דער זעלבער אָנראכמאָנעסדיקער פינקטלעכ-קײַט, ווי ער האָט פאנאנדערגעטיילט דעמ פאקטישנ טערמינ, וואָס ס'איז געגעבנ געוואָרנ. דעריבער האָט ער אפ כאָלאָדענ-קאָס פאָרשלאָג געשוויגנ. און געארבעט. געארבעט און געווארט אפ באפעל. נאָר ווענ איינער פונ זײַנ בריגאדע האָט איינמאָל פארשפעטיקט אפ פופצנ מינוט, איז ער, ווי א פארוווּנדעטע כײַע, ארײַנגעלאָפנ אינ קאָנטאָר, שווײַגנדיק אויסגעטאָנ די ספּעצ-קליידער און מיט אײַנגעהאלטענער אופרעגונג בייניק געמאָלדנ:

— פופצנ מינוטנ, קאמראדנ, פארשפעטיקנ איז קוואטש! קוואטש! ניט קיינ ארבעט! יאָ! מיר דארפנ אָפּגעבנ די בויונג דעמ לאנד און ניט קיינ געפעק אינ באנ-האָפ, ווו מע מוז פארשפעטיקנ אפ שטונדנ! קוואטש! פופצנ מינוט!

— וואָס טומלסטו, האנס? — האָט כאָלאָדענקאָ אָפּגעשטעלט דעמ אופגעבראכטנ דײַטש, א בריגאדיר, וואָס איז ארומגעלאָפנ איבער דער קאָנטאָר מיט זײַנע טונקל-בלויע ספּעצ-קליידער אינ די הענט און געשאָטנ פּעכ און שוועבל אפ די פארפושעטע פופצנ מינוט, אינ וועלכע ער האָט דערפילט א באשײַמפּערלעכנ אײַנרײַס אינ דער ארבעט-דיסציפּלינ. — טומל ניט, האנס! רויִק! — האָט אימ פונדערווײַטנ כאָלאָדענקאָ געוויקלט מיט שטילע און פעסטע רייד, ווי מע וויקלט מיט מארליע א פארוווּנדעט יאָרט, —

פופצן מינוט פארשפעטיקן איז שלעכט! ריכטיק! נאָר די בויונג וועלן מיר ענדיקן ניט אין אכצן כאדאָשים, נאָר פריִער. פריִער, דו הערסט, האנס?

האנס האָט, ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אין כאָלאָדענקאָס זײַט, געמאָרדעוועט די ציינקאסטנס אין זײַן אופגערעגט־ווארעם מויל:

— קוואטש!

דעם אײַנרײַס אין דער ארבעט האָט כאָלאָדענקאָ געפילט ניט נאָר אין די פופצן מינוט פארשפעטיקונג, נאָר אין דעם, וואָס דער וווקס פון דער ארבעט האָט יעדע ווײַלע אריבערגעשטיגן די צאָל ארבעטנדיקע, אין דער צעשטערטער פראָפּאָרצ צווישן דער צאָל ארבעטער מיט זייער אָביעקט.

מיט די שמאָלע אויגן מיט זײַנע, וואָס האָבן זיך געשיקלט צו דער עטוואָס פאריסענער נאָז, האָט ער געזען, ווי די קרומע ליניע פון דעם וווקס דראפעט זיך אלץ העכער, און די ארבעטער־הענט קאָנען זי ניט דעריאָגן. איז ער געווען צעטומלט און אופגערעגט און ניט געקאָנט פארטראָגן, ווי לונץ זיצט זיך בא זײַנע צייכענונגען, לערנט די דעטאלן, קוויקט זיך מיטן ראדיִוס און מיט די סעקטערס און ווערט אינגאנצן צעגאנגען פונעם אײַנפאל, אז אוקראִינע זעט אויס, ווי דער אמפיטעאטער פונעם פארבאנד. האָט ער זיך אופגעהויבן, כאָלאָדענקאָ, פון זײַן אָרט און א וואָרף געטאָן די אויגן אין לונצס זײַט:

— צו אלדי רוכעס! ווי סע זשומעט שוין אין קאָפּ פון די סעקטערס און פון די ראדיִוסן און מיטן אמפיטעאטער! וואָס טויג אײַער אמפיטעאטער, אז איר האָט ניט קיין גענוג לעמפּ, פראָסטע עלעקטרישע לעמפּ פון זײַנטוועגן! וואָס טויג דאָ אײַער אמעריקאנער פּאָעזיע, אז מע דארף, ס׳זאָל דאָ וואָס גיכער אופהערן שטינקען מיט דער אייגענער פּאָעזיע. מע דארף, ס׳זאָל דאָ וואָס גיכער אופהערן שטינקען מיט דער קאָבזע און מיט דער באנדורע און מיט די לידלעך וועגן אוועקגעריבטע אוקראִינישע אָקסאנעס, האָט ער דיר דאָ צעפירט א נײַע באנדורע

מיט אמפיטעאטערס! מע דארף מענטשן, און ער דערציילט אמפיטעאטער! ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אריַין נייטן.

— האָסט עפּעס ניַיס, נאטע? — האָט כאַלאָדענקאָ זי באגעגנט מיט א פראגע.

— יאָ. א גרופּע ארבעטער פונעם זעקסטן באצירק פּאקעווען זיך שוין אין וועג. צוריק. אָט דאָס איז די לעצטע ניַיס.

פון כאַלאָדענקאָן האָט זיך אויגנבליקלעך, ווי פון א פיַיער, אָפּגעטאָן די אויבערשטע הויט. ער האָט א קוק געטאָן אף נאטען און מיט א שטים פון א שולדיקן איבערגעפרעגט:

— צוריק?

לונץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעגליַיכט און א זאָג געגעבן איבערן צימער:

— ס'א קלייניקיַיט!

— אָבער אָט די קלייניקיַיט באשטייט דאָך פון ארבעטער־קראפט. פון ארבעטער — האָט כאַלאָדענקאָ איבערגעשניטן לונצן מיט זיַינע שמאָלע שארפע שיקלדיקע אויגן. —

— אז דו לאָזט דאָך קיינמאָל ניט אויסריידן ביזן סאָף, — האָט לונץ זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צום פענצטער און גענומען פּיַיקלען מיט די פינגער איבער דער שויב:

— רייד ניט צו דער וועלט, כאוועך לונץ! רייד ניט צו דער שויב, רייד צו מיר, — האָט כאַלאָדענקאָ אים איבערגעשלאָגן די מוזיק פון זיַינע פינגער איבער דער שויב.

לונץ האָט זיך אויסגעקערעוועט און געקנייטשט מיט די אקסל:

— אין ארבעטער וועט קיין מאנגל ניט זיַין. אָט זיַינען אָנגעקומען אמעריקאנער ארבעטער־ספּעציאליסטן. נאָך פאר אכצן כאדאָשים דארף מען זיַין מאלאָכים, ניט קיין מענטשן, אף פארענדיקן די ארבעט.

— זייער מעגלעך, אז מענטשן פון אמעריקע באדארפן זיַין מאלאָכים. נאָר אונדזערע ארבעטער דארפן זיַין בלויז מענטשן. באוווסטזיניקע מענטשן אף אויספילן דעם פּלאן באציַיטנס.

נאָטען איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס כאַלאַדענקאָ רעדט אַזוי מיטן אינזשעניער לונצ. איז זי אויך אופגעשטאַנען פון איר אָרט און אַ גיי געטאָן איבערן צימער:

— איך ווייס ניט, פאַרוואָס דו שרײַסט און פאַרוואָס דו ביסט אופגערעגט, כאַלאַדענקאָ! ס'קומען יעדן טאָג צו נײַע מענטשן. עמעס, ניט אין דער מאָס, וואָס מיר דאַרפן. און אייניקע פליסן אָפּ. אָבער מע גייט!

— מע גייט, — האָט כאַלאַדענקאָ, ניט קוקנדיק אין קיינעמס זײַט, אַרויסגעאָטעמט, — מע גייט... פונוואַנען?

— פונוואַנען דו ווילסט!

— פונוואַנען איך וויל! — דו מיינסט עפּשער דײַנע שטעטל־דיקע קאַליקעס! פונוואַנען ווייסטו, אַז איך וויל? מיט יעדן פון זיי איז פאַראַן צען מאָל אַזוי פיל אַרבעט, וויפל זיי קאָנען דאָ בײַטראָגן, און הונדערט מאָל אַזוי פיל אַרבעט, ביז מע ווערט פּאָטער פון זיי! איך וויל!..

— נו, וואָס־זשע, כאָוער כאַלאַדענקאָ! — האָט זיך נאָטע אַ ריס געגעבן מיט קאַס, — ס'איז ניטאָ קיין מענטשן! ס'איז ניטאָ אַפּ אויסוואַל! נו און קוילן פאַראַן גענוג? איז וואָס־זשע טוען מיר, ווען מיר ווילן, אַז אַ רויך זאָל גיין פון אַלע קוי־מענס? וואָס טוען מיר? מיר הייצן מיט טאָרף! מיר הייצן מיט זאַמד! און מיר צווינגען זיי, אַז זיי זאָלן אונדז געבן דעם זעלבן עפעקט, ווי קוילן. און מיר וועלן אויסגעפינען דאָס מיטל מאַכן דעם טאָרף און די זאַמד אַפּ דעם זעלביקן ווערט פון קוילן, האָבן מיר געוווּנען! ס'פעלן אונדז קוואַליפיצירטע אַרבעטער! מע ווייסט עס! נו, וועלן מיר יעדן שטיק מענ־טשן־אוטיל איבערשמעלצן און פאַרוואַנדלען אין אַרבעט־קראַפט.

האַנס איז געזעסן די גאַנצע צײַט, און מע האָט ניט געקאָנט וויסן, צי גייט אים אָן אָט דער געאַמפער, צי ער האָט זיך פאַר דער דאָזיקער צײַט אויסגעשלאָפן. נאָר אופהייבנדיק זיך, האָט ער ווידער אַרויסגעשפּריצט:

— פופצן מינוט פארשפעטיקן, קאמראדן, איז קוואטש! ניט קיין ארבעט!

כאַלאָדענקאָ האָט אים ארופגעלייגט די האנט אפן אקסל און געטרייסט:

— פופצן מינוט פארשפעטיקן איז קוואטש! ריכטיק, כאווער דייטש! נאָר אין פופצן מאָנאטן ארום וועלן מיר די בויונג אָפּגעבן!

לונצ האָט געמאכט א באוועגונג צום אוועקגיין. און מיטן ערשטן טראָט האָט ער אויסגעקלאפט:

— פופצן מאָנאטן... צען מאָנאטן... ווייסט, כאַלאָדענקאָ? דו לערנסט דאָך איצטער, — מוזט עס ויסן! פאראן בא פיטאגאָרן א טעאָרעמע...

— אבי ניט קיין אמפיטעאטער!

— לאָז אים זאָגן, כאַלאָדענקאָ!

— א טעאָרעמע — האָט רויק פאָרגעזעצט לונצ, — ווען א מענטש וואָלט זיך אוועקגעשטעלט אפן ראנד פון דער אלוועלט און וואָלט פון דאָרטן נאָך אויסגעשטרעקט די האנט, — וווהין וואָלט זי דערלאנגט?

— פרווו זיך אוועקשטעלן, וועסטו ויסן, — האָט אים כאַ־לאָדענקאָ אָפּגעהאקט.

— האָסט זיך ניט וואָס צו ויצלען, כאווער כאַלאָדענקאָ, — האָט לונצ, ווי פון א קאטעדרע ווייטער גערעדט, — אין דער פוסטקייט ועט זי דערלאנגען, כאווער כאַלאָדענקאָ, אין דער פוסטקייט!

— נו, איז וואָס דערפון געדרונגען? — האָט זיך נאטע פאַ־רינטערעסירט מיט לונצס געלערנטקייט.

— ווארט, כאווערטע נאטע, — האָט לונצ זיך ניט געלאָזט איבעררייסן, — ווארט! און א רעוואָליוציאָנער שטעלט זיך אוועק אפן סאמע ראנד פון בויונג-טעמפּן און שטרעקט פון דאָרט נאָך אויס די האנט ווייטער, איז ווייסטו וווהין זי קאָן אמאָל אָנשטעקן?

— וווהין, ווהין? — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן כאַלאָדענקאָ.

— אין דער איבער־אינדוסטריאַליזאַציע, אין טראָצקיזם, ווי דו ווייסט, כאווער כאַלאָדענקאָ!

— צו וואָס איז דער מאָשל, כאווער לונצ?

— דער מאָשל איז דאָ אַפּ די אויגנ!

— נו?

— פּופּצנ כאַדאָשימ, — האָט לונצ געמאַכט אַ טראָט אַפּ צו־ריק, — פּופּצנ כאַדאָשימ אַפּ פאַרענדיקנ די בויונג, הייסט זיך אוועקשטעלנ אַפּנ ראַנד פונ דער רעוואָליוציע און פונ דאָרטנ נאָכ אויסשטעקנ די האַנט ווײַטער... און דאָס הייסט...

— קאָנטררעוואָליוציע? — האָט אימ שוינ געהאָלפּנ פאַרענ־דיקנ דעמ מאָשל נאַטע. — אַזוי?.. נו, און פונוואַנענ האָט עס אויסגעשטרעקט דער אַמעריקאַנער אינזשעניער, כאווער לונצ, זײַנ האַנט? פונוואַנענ? פונ אַ שיפּ, וואָס איז געגאַנ מיט אַנ עקסקורסיע איבערנ אַטלאַנטישנ אָקעאַנ אינ 1926־טנ יאָר? האַ? צי שטייט ניט אַמאָל דער אַמעריקאַנער אינזשעניער, כאַ־ווער לונצ, אַפּ דער רעוואָליוציע, און ציט די האַנט אַפּ אַראָפּ?! האַ?

האַנס איז געוואָרנ לעבעדיקער. די האָר אַפּ זײַנ יאָזשאַק־פּריזירטנ קאָפּ האָבנ, דאַכט זיך, אַלײנ זיך אופגעשטעלט, אַז יעדע איינציקע האָר זאָל קאָנענ גוט און אופמערקזאַמ הערנ, וואָס מע רעדט דאָ. נאָר ביז וואָס האָט ער וועגנ זיך געלאָזט וויסנ מיט זײַנ טרוקענער בייניקער באַמערקונג:

— פּופּצנ מינוט פאַרשפּעטיקנ איז קוואַטש! און נײַנ יאָר פאַרשפּעטיקנ איז נײַנ מאָל קוואַטש!

נאָר כאַלאָדענקאָ האָט ניט געהערט, וואָס נאַטע האָט גע־זאָגט און ניט וואָס דער דײַטש האָט אַרײַנגעבראָקט אינ גע־שפּרעכ. ער איז אויסגעוואָקסנ באַמ ברעג טיש, דער פּידזשאַק האָט זיך אימ אַלײנ פאַנאַנדערגעשפּיליעט און פונ זײַנ מויל האָט געשלאָגנ אַ היצ. ער האָט גערעדט זייער שטיל, פּונקט ווי ער וואָלט אײַנהאַלטנ די צונג און דעמ גאָרגל און דאָס האַרצ, ס׳זאָל אימ ניט אַרויסשפּרינגענ פונעמ מויל:

— מיר, כאווער אינזשעניער, שטייען ניט אפ דער רעוואָ־ליוציע! איר הערט? מיר פירן זי, די רעוואָליוציע!

ס'האָט אים פארפעלט אָטעם, כאָלאָדענקאָ. ער האָט זיך געוואָלט צורוקן נאָך נעענטער צו לונצן, נאָר דער טיש האָט אים פארשטעלט דעם וועג. האָט ער שוין בלויז א פיר געטאָן מיט דער האנט איבער דער באק און, אָנטאפנדיק צווישן דער אויבערשטער ליפּ און דעם קין־ביין א טיפן אויסגעגעסענעם שראם, וואָס פלעג אים שטענדיק אָנהייבן בייסן, ווען ער איז געווען אופגערעגט, — האָט ער אזוי ווי צוגעהאלטן דאָס דאָזיקע בייסנדיקע אָרט בא זיך אפן פּאָנעם, סע זאָל זיך ניט אופרייסן, און וויטער פאָרגעזעצט:

— אפן לייב בא אונדז האָט אונדז די רעוואָליוציע אָנגע־שריבן, וווהין מיר זאָלן גיין. פּונקט, ווי זי האָט אונדז מיט אונדזער בלוט אָנגעשריבן אונדזערע פארטיי-בילעטן! און מיר גייען. אפ ווארשע — איז אפ ווארשע! אפ פּערעקאָפּ — איז אפ פּערעקאָפּ! און אז די רעוואָליוציע האָט געגעבן א קאָמאנדע נעמען די צייט, ווי מע נעמט א פעסטונג, איז פּיטאגאָר ניט קיין טרעטיי! איר הערט, כאווער אינזשעניער? איז געגאנגען און גענומען!

ער האָט א קוק געטאָן אפ נאטען. ער האָט אפ איר א קוק געטאָן אזוי, פּונקט ווי זי וואָלט באדארפט טייקעף אפן אָרט אופוועקן צוועלף יאָרן, זיי זאָלן א רויש טאָן, אָט די צוועלף יאָרן, ווי וועלדער, און זיי זאָלן אויסרוישן כאָלאָדענקאָס ווייטעק אפן פּאָנעם. זיי זאָלן אויסשרייען דאָס, וואָס כאָלאָדענקאָ קאָן ניט גוט ארויסזאָגן. זיי זאָלן אופהייבן דעם אינזשעניער לונצ אין דער הייך, ער זאָל דערזען א האלב לאנד מיט די פארוואָקסענע און פארוויגטע פראָנטן, מיט די בערג און מיט די גריבער, וואָס מע האָט גענומען שטייענדיק אפ די אייגענע לעבנס און אויסשטרעקנדיק די הענט צום טויט. ער האָט גע־קוקט אפ איר, און זיינע אויגן האָבן געשריען.

נאטען האָט זיך געדאכט, אז די אויגן זיינע שיקלען איצ־

טער ניט. זי האָט אים דערזען אַן אָנגעטאָנענעם אין אַ צע־קנייטשטער פּאַפּאַכע מיט אַן אָפּגעברענט פּאָנעם, אַזאַ ווי ער איז געווען, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרײַנגעגאַנגען צו איר טאַטן אין שטוב, און זי האָט זיך נאָך געשעמט קוקן אויף אים. זי האָט אים נאָר געוואָלט עפּעס דערלאַנגען. זי האָט אים נאָר געוואָלט עפּעס פֿאָלגן. איז וואָס זאָל זי אים איצטער דערלאַנגען? איז וואָס זאָל זי אים איצטער ברענגען אויף אָפּווישן די היץ פֿון זײַן פּאָנעם? דעמלט האָט זי פֿאַרן אַוועקגיין פֿון שטוב אים דערלאַנגט די ביקס. איז זאָל זי אים אפֿשר איצטער אויך דערלאַנגען די ביקס, ער זאָל אַליין אויסשיסן און זאָל אויפֿוועקן זײַנע צוועלף יאָר, וואָס דאַרפֿן עפּעס געבן צו פֿאַרשטיין אָט דעם גרויסן זאַכער, דעם אַמעריקאַנער אינזשעניער, וואָס דאַרפֿן אים אויפֿהייבן, אין דער הייך, פּונקט ווי די קויל פֿון כאַלאַדענקאָס ביקס וואָלט אים אויפֿגעהויבן אין דער הייך... נאָר כאַלאַדענקאָ האָט אַראָפּגענומען די האַנט פֿון זײַן שראַם אויפֿן פּאָנעם האָט צוגענומען זײַנע אויגן פֿון נאַטעס זײַט און גערעדט נאָך שטילער און אײַנגעהאַלטענער ווי פֿריִער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו אַזאַ מין ראַש, וואָס גייט פֿון יאָרן:

— און צו פּופּצן כאַדאָשים וועלן פּיטאַגאָרס הימלען פֿאַרזוכן דעם רויך פֿון אונדזער טראַקטער־זאַוואָד, אַפֿילו ווען איר זאָלט זיך איינעם מיט פּיטאַגאָרן אַוועקשטעלן אויפֿן ראַנד פֿון דער אַלוועלט און זיך קראַצן איינער דעם אַנדערן מיט די הענט, ווו נאָר סע וועט אײַך בײַסן, איר הערט, אינזשעניער לונץ? און פֿון אַמעריקע וועלן מיר נעמען אויף הילף אַרבעטער, ניט פּיטאַגאָרס כאָכמעס. אַדיע, כאַווער לונץ!

ער האָט האַסטיק פֿאַרשפּיליעט דעם פּידזשאַק און זיך אָנגערופֿן מיט אַזאַ בייניקער אײַנגעהאַלטנקייט:

— נאַטע! מיר רוקן אַרויס אַן אַנטקעגנדיקן פּלאַן! קום!

כאַלאַדענקאָ איז אַרויסגעגאַנגען. האַנס — נאָך אים, ווי מיט אַ באַפֿעל און מיט אַ פֿאַרטיקער באַשטימונג. נאַטע האָט אַ רעגע ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן.

און לונצ איז ווידער צוגעגאנגען צום פענצטער און, קוקנדיק אפן פעלד פון דער בויונג, זייער שטיל א זאָג געטאָן:

— מעגלעך, אז ער איז גערעכט... מעגלעך, אז מײַן פּאַרטיי-בילעט איז אָנגעשריבן בלויז מיט גוטן אמעריקאַנישן טינט... און ניט מיט בלוט פון דער רעוואָלוציע... מעגלעך, מעגלעך... זייער מעגלעך...

ער האָט א ווײַז געטאָן מיט דער האנט אפ דער בויונג:

— אָט, אז איך וועל פארווונדעטע ווערן אָט דאָ, אפ דער בויונג, פּונקט ווי די רויטארמייער זײַנען פארווונדעט געוואָרן אין בירגערקריג, וועל איך דעמלט עפשער אויך זײַן גערעכט... מעגלעך...

נאטע איז געווען זייער צופרידן, וואָס לונצ האָט דאָך א רעד געטאָן. האָט זי אים אָנגענומען פאר דער האנט, ווי א גרויס קינד:

— נו, קומט, כאַווער לונצ! קומט! איר וועט דעמלט אויך ניט זײַן גערעכט. קומט! און אן אנטקעגנדיקן וועלן מיר דאָך ארויסרוקן צוזאמען. קומט!

● ●

סטאלינסטאַנ

א. כאַריק

✯

דער —
ס ט אַ ל י נ ס ט אַ נ.

סטאַלינסטאַנ,
סטאַלינסטאַנ,
ווער איז דאָ בא דיר פאַראַנ? —
פונ פּאַרטיי,
פונ פאַריינ.

אונ ווער ס'האָט אַליינ
זיך געלאָזנ אינ גיינ,
האָט א מענטשישע קייט
אים פאַרכאַפּט אונ פאַרדרייט
אונ מיט אַלעמענס פרייד
אים געבראַכט אונ דערטראָגנ אהערצו.

רויִקער. ס'ריידנ איצט הערצער.
רויִקער. רויִקער.
ס'הערט זיך:
— אַל-לאָ!
— אַל-לאָ!
— אַל-לאָ!

— אין דער-אָ דערהויבענער שאָ
הייבט אָן די געגנט צו לעבן!

— וויטעבסק!
— און אָרשע!
— דובראָווגע!
— און שקלאָוו!
— זאהאָריע!
— זאפּאָליע!
— קאפּוליע!
— דערפלעך פאַרנורעט אין שכרויענעם שלאָף,
— שטעטלעך — אף כאָרעווע קוליעס,
— גרייט זיך!
עס רוקט זיך
די העכסטע
מינוט.
הייס וועט א שטראָם טאָן עלעקטרישע בלוט,
הייס וועט א שטראָם טאָן מיט כעס און מוט,
גרייט זיך!
— מע גרייט זיך!
און — — —
ס'פּלאצט די מינוט...

און וויטעבסק — צו מאָסקווע:
— וויוואט-קילאָוואט!
און מאָסקווע — צו וויטעבסק:
— וויוואט-קילאָוואט!
וויטעבסק — צו אָרשע:
— דו הערסט, בריגאדיר?
אָרשע — צו וויטעבסק:
— איך הער, בריגאדיר!

און שטעטל, און דערפֿן:

— עס לײַכט שוין בײַ מיר!

— דו הערסט, בריגאַדיר?

— עס לײַכט שוין בײַ מיר.

און אַלע צוזאַמען:

— דעם פֿינפֿיאָר אין פֿיר!

● ●

דניעפּערבוי

כ. גילדינ

★

עס רײַטנ אפנ טײַכ א צענדליק עסטאַקאדעס,
אונ צוגנ יאָגנ זיכ פונ ברעג צו ברעג!
עס גריזצנ טאָג אונ נאכט ווי שטאָלענע ציקאדעס
עלעקטרישע האמערס,
פנעוומאטישע זעג.

עס קעמענ טרײַע הענט דעמ שטיינערדיקנ קאָלטנ,
נישט בלײַבנ זאָל אפ גרונט קיינ פלעק פונ אלטנ דניעפּ.
אפ קארק פונ יעדנ ביק מיט האמערס אונ מיט באָלטנ
מע קלעטערט, האָזעדיק פאריסנ הויכ די קעפּ.

פונ רעכטס,
פונ לינקס,
פונ הויכ,
פונ דנאָ,
פונ אלע זײַטנ —
צעגראַגערט דרייט זיכ שנעל א דעריק נאָכ א קראנ;
אונ דאכט זיכ — אז די הייכ,
די ברייט,
די ווײַטנ —
האָט עמעצער געשפּאנט אינ שטאָלענעמ געשפּאנ,

דערשלאָגנ אונ פארשטומט
אינ שימלענדיקנ וויגל,

פֿאַרויאָסעמט און אנטקרוינט דער שטאָלצער דניעפּער ליגט;
עס זינגענ טויזנט הענט איינ שטורעמדיקנ ניגנ:
„מיר האָבנ די נאַכט
באזיגט!
באזיגט!
באזיגט!"

• •

קאַרנאַוואַל

י. קאַטליאַר

★

טו א קוק אפ אַט דעם ווילן
פון די רויטע שלאַג־בריגאַדעס,
ווי פון בערג פון די אוראַלער
ביז די זאַמדיקע אַריקעס,
אפ די רויטע קאַרנאַוואַלן
גייען מיר, די באָלשעוויקעס!..

ס'ליגט די וועלט אין נעפל גרויען,
ס'וועט די וועלט אין פייער ליגן,
באָלשעוויקעס קאָנען בויען,
קאָנען קעמפן, קאָנען זיגן!
שפריצט די גאַל פון סוינעס מיילער,
קוקן אויגן, ווי האַרמאַטן —
מיליאָנען דרייסטע וויילער
ווייל איצט אין לאַנד די ראַטן.

ווילן אויס די בעסטע זין פון
די זאַוואָדן און קאָלווירטן
אינעם קאַמף פאַר אונדזער פינפיאָר
פאַרן לאַנד פאַר אופגעריכטן.
און קאָמיוג — אין סאַמע פאָרנט,
און אינמיטן און פון אונטן
מיטן רומפּול פון די יאָרן

האָט ער איצט א ליד צעבונדן.

עך,
קומט צו אונדז איר אלע
אפ די רויטע קארנאוואלן
פון סטעפ,
פון צעך,
פון ערד־קײַלעך
מיט פויסטן
און מיט בלײַ.

Даешь, даешь по шпалам,
Да по шпалам, да по шпалам,
Крути,
Верти,
Навертывай,
К Коммуне под'езжай.

מיט פײַקל־שרויט מיט ברייטן
פיאָנערן אונדז באגלייטן,
און ס'פלאקערט אופ א ראשיקע
א לידעלע אזא:

Лейся, песнь моя,
Да пионерская,
Да буль, буль, буль, баклажечка
Походная моя!

. . . .

און אָנזאָגן העלן,
און אָנזאָגן פײַערן,
קריצן ארײַן זיך
ווי נאָר א ריר:
— אויספילן

— Выполним
— Ми виконаемо
— Даеш п'ятирочку

— דאָס פינפיאָר אין פיר!
ציִען זיך, ציִען זיך, ציִען זיך
רייען
פון צעך
און פון שאכטע,
פון סטעפּ
און פון וואלד.
קיינמאָל האָט קיינמאָל
א ווינטער מיט שנייען
נאָך ניט געטראָגן אזא קארנאוואל!

און איך בין אינמיטן,
די פיס מיינע שוועבן.
איך רופ מיט געזאנג,
ווי א הייסער פּלאקאט:
און כ׳גיב אָפּ די האנט
און דאָס הארץ
און דאָס לעבן —
דיר, גיב איך אָפּ —
באָלשעוויסטישער ראט!

● ●

געפּראָרענע עפּל

צ. דאָלגאָפּאָלסקי

★

אין דרויסן האָט געווילדעוועט א זאווערוכע. פון וואגאָן־ווענטי־לאטער האָט זיך פון צײַט צו צײַט אריַינגעריסן א פרישער ווינט, און איינצלנע שנייעלעך האָבן אײַך אָנגענעמ דערמאָנט, אז איר געפינט זיך אין דער איצטיקער קאלטער נאכט אין א ווארעמען אָנגעהייצטן וואגאָן און איר ליגט אפן ציכטיקן געלעגער, וואָס איר האָט באקומען פונעם וואגאָן־באגלייטער.

אין הארטן שלאָף־וואגאָן איז געווען גראַמ און געמיטלעך. אין אונדזער קופּע זײַנען מיר געווען זאלבענאנד — איך און נעבן מיר א צווייטער פּאסאזשיר מיט א געגאָלטן קאָפּ.

מײַן שאָכן האָט זיך געגרייט צו דער נאכט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטאָן, ווי בא זיך אין דער היימ, האָט אליין איבערגעבעט דעמ געלעגער און איז געווען, קענטיק, אנציקט פון דער געקעסטלטער, פון ענגלישן שטאָף, פעסטער און ווארע־מער דעקע, האָט מיט פארגעניגן געטאפּט איר ברעג און האָט זיך צו מיר געווענדט:

— אָט די דעקע איז מײַנע אן אלטע באקאנטע. אָט די דע־קע האָבן מיר באקומען בעירעשע פון דער בורזשואזער מאכט, און זי איז נאָך איצט נײַ און פעסט. עס איז אָנגענעמ זיך מיט איר צודעקן... נעמט אונדזערע בופעטן אין פיר־און־צוואנ־ציקסטן יאָר — מיר האָבן מיט זיי שטאָלצירט, אויסלענדישע טוריסטן זײַנען געווען פון זיי אנציקט. עס האָט זיך שוין בא אונדז באוויזן דער באקנבערדיקער שווייצאר, דער גרויסארטיקער גאר־ניר, אויסגעטאָקטער פאיאנס און טאקע מיט אונדזער סאָווע־

טישער עמבלעם — מיטנ סערפּ אונ האמער. אונ איצט? וואָס קריגט איר איצט אינ די בופעטנ, אונ וואָס באַקומט איר איצט אַפ די סטאַנציעס?

— אָט פאָרנ מיר דורכ די סטאַנציע יאַבלאָקאָ. איר האָט דאָ נאָכ מיט צוויי יאָר צוריק געקאָנט באַקומענ פונ קאָלטווו, אונ דעריקער האָט איר דאָ געקאָנט באַקומענ... אַדעראַבע, שטויסט זיכ אָנ, פאַרוואָס רופט מענ די סטאַנציע יאַבלאָקאָ... ווייַל דאָ איז דער צענטער פונ דעמ ווינטערדיקנ עפּל, פונ דעמ עמעסנ אַנטאָנ, אָבער פונ דעמ געסמאַליעטנ, קלינגענדיקנ אונ זאַפטיקנ אונ צייַטיקנ, וואָס גיט אָפּ מיט אַ טאַמ פונ פרישנ וואַניל, ווי מיר האָבנ איצט ליב צו קוואַליפיצירנ אַזאַ גוטנ מינ — פונ דעמ עמעסנ עקספּאָרט־עפּל. אָט אינ דער צייַט פלעגט זיכ אַפ דער זעלבער סטאַנציע באַווייַזנ געפראָרענע עפּל פונ אַזאַ מינ, וואָס האָט ניט זייַנ גלייַכנ אינ גאַנצנ פאַרבאַנד. דאָס איז ניט געווענ דער צעפּוילטער סאָרט עפּל, וואָס הייבט אָנ פונ קעלט צו ברויזנ, ווערט פאַרכאַפּט פונ פראָסט, הייבט אָנ פאַקטיש צו פוילנ, אונ מיר רופנ דאָס געפראָרענע... גאָט באַהיט — אונטער דער ברוינער הויט פונ די יאַבלאָקער עפּל האָט זיכ אַלעמאָל אָנגעהויבנ ווייַסע, זאַפטיקע, מיט זיסקייַט דורכגענומענע ווייכקייַט. די אָרטיקע אייַנוווינער האָבנ זיכ אויסגעלערנט זייערע עפּל קאָנסערווירנ אַפ זייער שטייגער... איכ האָב קיינמאָל ניט אויסגעלאָזנ אָט די סטאַנציע. איכ האָב אַפילע מייַנע אַ באַקאַנטע פאַרקויפערקע געהאַט — אַ יונג שלאַנק מיידל מיט אַ גוטנ סעמיטישנ פּאָנעמ אונ מיט אַ כיינעוודיקנ שפּרינקעלע אַפ דער רעכטער באַק. זי האָט מיכ צווישנ אַלע פּאַסאַזשירנ אַלעמאָל דערקענט. זי פלעגט מיר אָפּשטעלנ אונ זאָגנ: „קויפט ווידער באַ מיר עפּל, קויפט ווידער מייַנע עפּל״.

אונ איצט טו איכ זיכ אויס לייגנ שלאָפנ פאַר יאַבלאָקאָ. אַז אינ יאַבלאָקאָ זאָל ניט זייַנ קיינ עפּל — ווייַטער גייענ קאָנ מענ שוינ ניט!.. אונ עפּשער... ניינ, איכ טו זיכ אָנ. עס קאָנ ניט זייַנ, אַז אינ יאַבלאָקאָ זאָל קיינ עפּל ניט זייַנ. הינטערנ

וואָקזאַל מוז נאָך יאָ שטיין די לעצטע עפּל־פּאַרקויפער. עס קאָן נאָך זייער זיין, אַז איך זאָל דאָרטן טרעפן מיין באַקאַנט מיידל מיטן סעמיטישן פּאָנעם און מיטן כיינעוודיקן שפּרינקעלע אַף דער רעכטער באַק...

דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער. פון עם פאַרשנייטן פענצטער האָבן זיך שוין פּײַערלעך באַוויזן. דער שאָכן מיינער האָט פונדאַסניי אַרופגעצויגן אַף זיך די הויזן אַף די אונטער־ציערס, אַריין אין די שיך, דעם מאַנטל אַף זיך אַרופגעוואָרפן און איז צום אַרויסגאַנג אַוועק.

קיינער איז פון דער סטאַנציע ניט אַראָפּגעשטיגן. עס האָט געבושעוועט דער ווינט. דער שניי האָט נאָך ווילדער געקלאַפּט אין דעם אַזוי אויך פאַרווייעטן פענצטער. אונדזער פאַרשוויג האָט זיך היפּש געזאַמט, אָפּאָנעם, געזוכט די עפּל־פאַרקויפערן הינטערן וואָקזאַל, און דאָ איז דערוויל אַריין פון יאַבלאָקאָ אַ פּאַסאַזשיר אין אַ ברעזענטענעם מאַנטל אַף אַ ווייכן שעפּ־סענעם פעלץ, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון שניי און קעלט, האָט זיך אַרומגעקוקט און פאַרנומען איינעם פון די פרייע ערטער אין אונדזער קופּע, האָט זיך אויסגעטאָן און צופרידן אַריינ־געטאָמעט אין זיך די וואַרעמע לופט פון וואַגאָן.

— וואַרעם אין וואַגאָן, — האָט ער געזאָגט און האָט פאַנאַנ־דערגענומען זיין ברעזענטן זעקל. דער פּאַסאַזשיר איז נאָך געווען גענוג יונג. זיין פּאָנעם האָט געזאָגט איידעס וועגן דאָר־פישן אָפּשטאַם. די שפּראַך און דער אַקצענט — אַז ער איז אַן אָרטיקער, אַ געבירטיקער. דער באַגאַזש און דער הילעב — פון אַן ערדמעסטער אָדער אַן אַגראָנאָם, אָדער אַ וועטערינאַר און עפּשער אַ דאָרפישער געזעלשאַפטלעכער טוער, נאָר אַלנפאַלס, ער האָט געוויס אַ שייכעס, אַ נאָענטע שייכעס צו לאַנדווירט־שאַפט.

עס איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער מיין שאָכן, דער ליב־האָבער פון איבערגעפּראָרענע עפּל, שוין נאָכן צווייטן קלונג, ווען דער צוג האָט זיך שוין שווער געריִרט פון אָרט. דעם

שאָכן מײַנעם האָט אפילו גוט פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַרײַן אין וואַגאָן מיט ליידיקע הענט, וואָס ער האָט קיין איבערגע־פּראָרענע עפל ניט געקראָגן. נו, יאָ — אַנדערש קאָן דאָס ניט זײַן. ער האָט זיך אפילו ניט גערוכט אַפ עפל. ער איז גי־כער אַרויס, קעדיי אָנקוקן די אַלטע גוטע סטאַנציע, דאָס אָרט פון דעם אַמאָליקן בופעט, פונעם שטענדיקן פרישן און זע־טיקן בופעט, וועלכער האָט נאָך גאָר ניט לאַנג אַזוי גוט גע־אַרבעט.

— נעכטיקער טאָג, — האָט ער געמאָלדן. — אויסגעשטאָרבן איז יאַבלאָקאָ, אויסגעקערט ווי מיט א בעזעם.

— און אײַער באַקאַנטע סעמיטן?

— איר שפּאַסט? מע זאָגט אײַך, אַז אויסגעקערט... קיין לעבעדיקן נעפעש ניט באַגעגנט... און איר, כאַווער, איר זײַט ניט א יאַבלאָקער? — האָט ער זיך אומיטלבאַר געווענדט צום נײַעם פּאַסאַזשיר.

— פון דעם קאַנט, — האָט דער דאָרפישער מענטש געענטפערט.

— איר וועט אוודע דערלויבן עפּעס פרעגן בא אײַך?

— מע קאָן פרעגן.

— ווו זײַנען עס אַהינגעקומען די היגע סעדער?

— אַפ דער פראַגע קאָן איך גראַד ענטפערן אויספירלעך.

— אַזוי אפילו?

— יאָ, יאָ.

— איז ווו זײַנען זיי אַהינגעקומען?

— די אַלטע סעדער?

— די אַלטע, די אַלטע.

— א טייל זײַנען אומגעקומען, און א טייל עקזיסטירן.

— אומגעקומען? פאַרוואָס אומגעקומען?

— א בוים, מיינט איר, לעבט אייביק?

— אוודע ניט... אַנטשולדיקט — א נאַרישקײַט... די עפל... די יאַבלאָקער באַוווּסטע געפּראָרענע עפל... ווו זײַנען זיי אַהינ־געקומען?

— פֿאַראַנען אויך געפּראָרענע עפּל.
— איר האָט דאָ אפֿילו מיט זיך?
— אפֿילו מיט זיך אין טאָרבע.

ער האָט אַרײַנגעשפּאַרט די האַנט אין ברעזענטענעם זעקל, האָט אַרויסגענומען אַ בלעכן קאָנסערוון־קעסטל און דערלאַנגט אונדזער באַרײדעוודיקן פּאַסאַזשיר. מיר האָבן אַלע באַטראַכט דאָס קעסטל. אויף איר איז געווען אָנגעקלעפּט אַן עטיקעט מיט אַן אויפֿשריפֿט: „געפּראָרענע עפּל" און אָנגעמאָלט אַ ברוינער עפּל. דער קינסטלער האָט זיך קאָנטיקט געפֿלײַסט באַווײַזן דעם עפּל און זײַן געפּראָרענעם צושטאַנד, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן.

— הייסט עס קאָנסערוון?
— ריכטיק, קאָנסערוון.
— ווערט אויף אַזאַ אופֿן יאַבלאָקאָ אויך אינדוסטריאַליזירט?
— געוויס.
— און מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג? און מיטן פֿינפֿיאָר?
— און דער פֿינפֿיאָר דאַרף אין פֿיר יאָר.
— מיט אָנגעמערקטע פּלענער?
— וואָס מיר פֿירן זיי דורך אין לעבן נאָך פֿאַר דער צײַט.
— איר זײַט אַן אַגראָנאָם?
— ווי איר זעט.
— אינטערעסאַנט, — האָט אונדזער פּאַסאַזשיר דעם גלאַנציקן מויער אַ גלעט געטאָן. און דער יאַבלאָקער אַגראָנאָם האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן ברעזענטענער טאָרבע אַ מאַפּע אין אַ האַרטן קאַרטאָן־שײדל און האָט זי פֿלינק פֿאַנאַנדערגעוויקלט. מיר האָבן זיך אַלע באַקאָנט מיטן סעדער־פּלאַן פֿון יאַבלאָקער ראַיאָן. אויף דער מאַפּע איז געווען אָנגעצייכנט, ווי די אַלטע סעדער, אַזוי אויך די נײַע און אויך די, וואָס מע דאַרף נאָך פֿאַנאַנדערזעצן היאָר. דערבײַ האָט יעדער עפּלבוים זײַן פּונקט, אַזוי, אַז אויף דער מאַפּע זײַנען אָנגעצייכנט געוואָרן אין שאַכמאַט־אָרדענונג די פּאַקטישע צאָל עפּלביימער, און ניט

נאָר עפּלביימער אליין, נאָר אויך אנדערע פּרוכט-ביימער און אפילו יאגעדעס־קוסטעס, וועלכע דארפן פארפלאנצט ווערן.

דער אגראָנאָם האָט אופגעעפנט דאָס בלעכענע צילינדערל און באוויזן אונדז אלעמען: די „געפּראָרענע עפּל" האָבן גע־האט א שיין אויסזען און זײַנען געווען, ווי עס ווײַזן אויס, אויך געשמאק אין טאם.

— איר קאָנט פארזוכן, כאווער, — האָט דער אגראָנאָם פאָר־געלייגט.

מיר האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון קיבעד.

— גוט איז גוט, — נאָר אלץ ניט דאָס. ס'איז ניט דאָס.

מיר האָבן זיך אויסגעצויגן זאלבעדריט אף אונדזערע גע-לעגערס, מײַן שאָכן האָט אויסגעבויגן אן אבאזשור און צוגע־פעסטיקט צום עלעקטרישן לעמפל, אין קופּע איז געוואָרן פינצטערלעך.

מיר האָבן זיך אלע געטוליעט אין די פעסטע געקעסטלטע קאָלדרעס. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און צו אונדז איז ארײַן אין קופּע א פרוי און האָט פארנומען די אונטערשטע באנק. אינגיכן איז די גאנצע קופּע אײַנגעשלאָפן.

אופגעוועקט האָט אונדז אינדערפרי מײַן שאָכנס היספּײַלעס-דיקער אויסגעשריי „כאווערטע"!

ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער נײַער פאסאזשירקע, וועלכע איז געשטאנען באם פענצטער.

— נו יאָ, דער זיקאָרן האָט מיך ניט אונטערגעפירט. איר זײַט א יאבלאָקערן?

— א יאבלאָקערן.

— איר האָט... איר זײַט געשטאנען... איר פלעגט... איר פלעגט ווינטער־צײַט... איך פרעג... אָט די געפּראָרענע עפּל...

— רעדט דײַטלעכער.

— איר האָט פאַרקויפט אין יאבלאָקאָ איבערגעפראָרענע עפּל?

— פארקויפט.

— נאָך גאָר ניט לאַנג... פאַראַיאָרן?

— ניט פאַראַיאָרן... איך האָב שוין אַ צווייאָריקן אַרבעט-סטאַזש.

— אָבער איר זײַט די זעלבע.

— די זעלבע.

— און װוּ אַרבעט איר?

— אַף יאַבלאָקער קאָנסערוון-זאַוואָד.

— זײַט איר אַן אַרבעטערן?

דאָס ייִדישע יונגע מיידל מיטן כיינעוודיקן שפּרינקעלע אַף דער רעכטער באַק האָט זיך פאַררויטלט און האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי... אַנטשולדיקט...

זי איז אַרויס פון קופּע און האָט דאָס טירל אונטער זיך פאַריגלט אַ שמייכלענדיקע.

● ●

דער לעצטער דאָר

איציק פעפער

★

א מאטאָנע מײַנ רײַכנ
פעטער אינ אמעריקע.

איכ בינ בא אײַכ קײנמאָל ניט געװענ,
איז שװער מיר װעגנ אײַכ צו רײדנ;
ס'הענגט געװיס נאָכ בא אײַכ די זונ,
װאָס האָט געװארעמט אײַער זײדנ.

ס'איז נאָכ ניט פארטיק אונדזער שיפ
א לאָז טאָנ זיכ אפ װײַטע יאמענ,
שרײַב איכ אײַכ דערװײַל א בריװ,
א שטילנ בריװ אינ שטילע גראמענ.

איכ װײס, אינ רו פונ הויכע װענט
דערטראָגט איר רויִק אײַער לעבנ,
קײנ אומרו האָט אײַכ ניט געברענט,
קײנ פײַער האָט אײַכ ניט געטריבנ.

ס'איז אײַער גאס פארפלײצט מיט שײַנ,
פארבלענדט זי אײַכ די זאטע אויגנ,
זי האָט גענוג אי ברויט אי װײַנ
אונ זײַט געװוינט די פלײצעס בויגנ.

אויב ערגעץ לעבט אינ אײַכ א פלאם,
איז קאלט דער פלאם, װי די לעװאָנע,

נאָר מירן שפּאַלטן אײַער יאַם,
און יעדן ברענגען אַ מאַטאָנע.

ס'איז נאָך ניט פאַרטיק אונדזער שיף
אַ לאָז טאָן זיך אַף װײַטע יאַמען,
שרײַב איך אײַך דערװײַל אַ בריװ,
אַ שטילן בריװ אין שטילע גראַמען.

מיר האָבן פֿײַנט אין אײַער לאַנד,
נאָר זײ װעל איך אַצינד ניט שרײַבן:
אין אײַער פּאַל, אין אײַער שאַנד
אינײנעם װעלן מיר אײַך טרײַבן.
און פליט אַף מאָטאָרס, פליט צופוס,
און זאָל אײַך גרינג זײַן אײַער פאַלן,
מיר טראָגן אײַך אַ הײסן גרוס
פון טולער שנײיִקע װאָקזאַלן.

איר האָט געהערט אַמאָל פון זײ
(איר װאָלט אַף גאָר זײ ניט פאַרביטן),
מיר װעלן ברענגען טולער שנײ
און אײַער פרײד מיט אים פאַרשיטן.

איר בלאָנקעט אום פון גאַס צו גאַס,
אַף געלע ליפּן טויטע שלעסער,
און אײַער האַרץ גײט אויס פון קאַס,
אין אײַער האַנט — אַ גרײַטער מעסער.

װי קאָנט איר זען, װי מע בױט,
װי ס'ברענט די זון אין סטעפּ אין קאַלטן?
איר זײַט פון לאַנג, פון לאַנג שױן טױט,
מ'האָט נאָר פאַרגעסן אײַך באַהאַלטן.

מיר ליגן שטאָלץ דעם ערשטן שטיין
אין לאנד אין פּראַסטיקן, אין שטילן,
און שטומפּיק זײַנען בא אײַך די ציין,
איר קאָנט אפילע שוין ניט בילן.

איר ליגט זיך שטיל און רויִק דאָרט,
אין קאנט אין ראשיקן און בלינדן,
אפילע דאָרט איז אונדזער וואָרט
אין הערצער טויזנטער צעבונדן.

בא אלטן פּאָרעצ בייזע הינט
אין אלע הויפן אף די קייטן,
נאָר גיך, נאָר גיך א מאָסקווער ווינט
ווערט אײַך אף יענער וועלט באלייטן.

ווי קאָנט איר זען, ווי מע בויט,
ווי ס׳ברענט די זון אין לאנד אין קאלטן?
איר זײַט פון לאנג, פון לאנג שוין טויט,
מ׳האָט נאָר פארגעסן אײַך באהאלטן.

ס׳איז אײַער שימלדיקער טײַך
מיט שטויב פון איינזאמקײַט פארשאָטן,
ס׳איז אונדזער יאָנטעוו ניט פאר אײַך,
פאר אײַך איז אונדזער פרייד פארבאָטן.

• •

די שוואַגערלעך

ל. קוויטקאָ

★

1

אָט קומען די שוואַגערלעך ליס און געמיימע
מיט מיינונגען שפּיציקע, סוואָרעס געהיימע.

ליס טוט פאַרשנירעווען ליבלעך זײַן מײַלכל,—
א וואָרט און א שפּיז און א שטאָך און א פײַלכל.

איז אַלץ, וואָס מיר ליב און מיט וואָס איך שטאָלציר,
ווערט טייקעף באַדעקט מיט א וואסעריק געשוויר.

די שוואַגערלעך קומען, ווי לאָהעטע אָרכים,
מיט קונציקע שטאָך-רייד
מײַן פעסטקײַט צעשטאָרכען.

איך שטאַרק זיך און פעסט,
מײַן מאַרך לאָד איך אָן און שטעל זיך אנטקעגן,—
וועל קריגן מײַן קריג, וועל שלאָגן אנטשיידן!

איך זאָג:
— סע גייען האמויינים אף בערג צו דער זון.

א פירקע טוט ליס ווי א פראָש:
— „האָסט געהערט?

ווער זאָגט, אז סע גייענ האמוינימ אפ בערג?
גיב זיי א פלעצל פונ קלאָטשע מיט קלייַענ,
זאָג: „ס'איז פונ גאָט" — וועט מענ האָפערדיק קייַענ".

סע באָמקעט געמיימע מיט פיבערשנ מויל,
אונ ביידע — צווייפענעמדיק, קלוגעטשקע, ווויל,
מיט כויזעק, מיט העצע, מיט הינטישע שטיק —
מע שלעפּט די האמוינימ, מע שלעפּט זיי צוריק.

א וויסטקייַט דערפיל איך אונ מיִעסקייַט אונ מאנגל,
דאָך בלייַב איך אינ רינג פונעמ ערשטנ גערענגל.

2

זייַנענ די שוואָגערלעך רירעוודיק, פייַנ,
דרייט מענ אינ צווייטנ געראנגל ארייַנ.
איך זאָג:
— „דאָס לאנד,
אונדזער לאנד פונ אזעלכע געבירטנ!
ווו קנעכט פונעמ לאנד זייַנ, געוואָרנ די ווירטנ,
ווו טאָג איז א פּויק אונ ווו זונ איז א פויסט,
אונ די פויסט אינעמ פּויק:
„בירי-באָמ, — ארויסט!"
ווער שטרייַטנ מוז, ווער גלוסטנ סע האָט,
בא וועמענ דער גייַסט איז קיינמאָל ניט זאט, —
אָט דאָ איז די הילפ,
אָט דאָ איז דער ענטפער:
ס'איז העכער דאָ מענטש!
אונ אלץ איז דערגרייכיק!
דער מענטש איז א קעמפער!"

הערנ די שוואָגערלעך שווייַגנדיק אויס,
ליס טוט דערנאָכדעמ געמיימענ א שטויס:

— „וואָס זאָגסטו אפּ אים,
געפעלט דיר א יאָלד!—

בא אונדז איז דער מענטש דאָס פּ א ר ק ע ר ט ע פון גאָלד!
דאָס וואָלוולסטע — מענטשן,
פיל וועלוולער פון קליידער!
פאל נאָר אין גאס, וועסטו זען, אז יעדער
וועט אופהייבן פרווון דעם הוט,
ניט דעם קאָפּ...
דער פּרייז אפן מענטשן אין לאנד איז אראָפּ."

באפאלט מיך א וויסטקייט און מיִעסקייט און מאנגל.
דאָך בלייב איך אין רינג פונעם צווייטן גערענגל.

3

איז נאָך די שוואָגערלעך ווייניק מיין פּיין, —
כ'זאָל נאָך אין דריטן גערענגל ארײַן.

א כאווערטע האָב איך,
א קינד, און האָב לידער,
איז יעדעס מיר ליב און הארציק — פארשידן,
איז יעדעס א טייל פון מיין מארך און מיין לופט,
מיין מאמעלעס מילך אין מיר קילט, ווען מע פרווט
מיט אויג נאָר א פינטל טאָן בייז אָדער מיִעס.

קומען די שוואָגערס געמיימע און ליס,
זאָגן זיי ליבלעך:
—„לידער קאזיאָנע,
בעסער זאָלסט שרייבן פון אָמעד און לעוואָנע;
פלעגסט אמאָל שרייבן דאָך פּיין און מילד..."

ווײ מיר, דײַן װײַבל; װײ מיר, דײַן קינד.
וואָס האָסטו געמאכט פון זײ! — זײַנען דאָך מײסים!
א טאכלעס פון דיר...
אין דר׳ערד אריַין גײסטו..."

באפאלט מיך א װיסטקײַט און מיִעסקײַט און מאנגל,
דאָך בלײַב איך אין רינג פונעם דריטן געראנגל.
טוט מיר א קראפט אין די בײנער א ברום...
„קוק זיך ארום, —
ס׳א פוקס און א טכויר.
וואָס דרײען זײ אלץ אפ שלעכט, אפ קאפויר.
געזען אזא פאָרל!
פון וווּ און פונוואנען? —
גיב זײ אין קאָלנער און שיק צו דער מאמען!.."

4

א פאר גײט פון מיסטן,
א פאר פון ערד שלאָגט אָפ,
געקומען איז די זון שוין. —
קוים אמאָל אראָפ!

זי שמעקט, באלעקט די הויטן
פון די פײַכטע בערג.
א קינד זיצט אפ דער ערד
און באקט פון בלאָטע ברויטן.

טוט געמײמע קאלט א ברום:
„ס׳איז נאָך גאָר א קאלטע זון.
„פע, אזא אינדרויסן —
„אג אָפגעריבן שמויסל".

טוט א פאָנפע ליס:
„א קווורע־וואָגנ ציט,
„מע איילט ניט מיט דער רייזע,
„סע ליגט א קינד א ט ו י ט ס
„מיט טענצער-שיכלעכ ווייסע,

„מיט טענצער־שיכלעכ ווייסע,
„אינ דרויסנ איז א קויט...״
שריי איכ שיר ניט אויס:
פרילינגדיקע בלאָטע,
ריטשקענדיקע פרייד,
זונ באכיינדלט פענעמער אונ קלייד!

ריטשקעס, ווי די זעגנ,
זעגנ ברייטע ברעגנ,
גערטלעכ — מעובערעס,
ביימער, ווי בעהיימעס
הייבנ אופ די ברעמענ
צו דעם בוהיי, צו דער זונ.

5

הונדערט יינגלעכ פונ כאַרעוונ מארק
זיינענ געגאנגענ שטיינער שפאלטנ.
באגעגנט זיי ליס:
„פאר יידנ א זאכ״?
האָט עס די יינגלעכ אינ וועג פארהאלטנ.

האָט מענ דריי צענדליק געשיקט אינ פאבריק,
איז זיי געמיינע געקומענ אנטקעגנ:

„מע נעריקט דאָרט ייִדנ, פארדרייט אפ צוריק!
„שיינע פארנאָסע, ניטאָ וואָס צו ריידנ“.

ווענ מע האָט צענומענ די רעלסנ פונ צוג:
„זעט איר, זיי קאָנענ דאָס לאנד נאָר צעוואַרפנ!“
ווענ נײַע פארפעסטיקט פאר ריזיקנ וווקס:
„זע נאָר וואגאָנעס — באנדורעס!
„ווער דארפ עס?“

ווארפט מענ די קויכעס אפ אופבויענ דעמ פאָרט:
„קריגט מענ דענ קאָרט אפ באדעקנ א פוטער!“
„וואָס טויג דער קאָלכאָז, אז ס'א יאקרעס אפ פוטער!“
סאמענ די שוואָגערס מיט ווערעמיקנ וואָרט.

זיי מאכנ זיכ שטיל אונ פארהאָרעוועט־שווער
אונ רוקנ זיכ גנייוויש צו אונדזער געווער.
זיי קלעפנ זיכ אופ א שראמ אפ די חעלדזער,
נאָר טראכטנ זיכ זייער:
„מיר שטאמענ פונ פעלדזנ...“

אונ פרעגט אפ באלאָנעס:
„פונ וואָס זעט איר אויס אזוי גוט?“ —
וועלנ זיי זאָגנ, די באק זיכ א גלעט טאָנ:
„פונ הערלעכנ לעבנ בא אונדז אינ סאָוועטנ
זענ מיר אויס אזוי גוט!..“

אונ טוט זיי א פרעג:
„וואָס רעדט איר מיט אונדז אזוי זיס?“ —
זיי וועלנ באליידיקט פארקרימענ די צורע:
„ס'אי מאָדנע...

מײַן קלאַס...
דיקטאַטורע..."

אוי, װעט זײ טרעפֿן דער שלאַק!
זײ טראָגן אין בוזעם א טײַסטער, א האַק,
האָניק אף ליפּן און פֿינגער באַגײַסטערט, —
צו האַקן מיט האַק און צו לײגן אין טײַסטער.
דאָס, װאָס דערראָבעװעט מיט שלאַכטן, געפּאַרן,
װילן זײ כיטרעדיק שטיל פֿאַרטאַכטאַרן. —
אוי, װעט זײ טרעפֿן דער שלאַק!

● ●

טשאַרלסטאָן

איזי כאַריק

★

1

דער געטלעכער רעבע, דער הייליקער צאַדיק
איז אין בעסמעדרעש צעטומלט געקומען.
— און איך — זאָגט ער — בין דאָס די קרוין פון דער אומע,
צינדט ער פאַר גאָט אָן אַ טויטע לאָמפּאַדע...

דער הייליקער טיכאָן אין גאָלדענער ריזע,
מיט בערדיקן גרוי פון ריבוינעשעלוילעם,
האָט זיך אין פּראַכטיקער שטילקייט באַוויזן
און אפן אָמעד געלאָזן דעם ציילעם.

נאָך אים — דער קריוויטש. אין לאַפּטשעס פון ליקע.
דער אַלטער ווײַסרוסישער גורט אפ די לענדן.
— מע וויל אונדזער דאָליע אין אײַזן דערשטיקן,
וויינט אפ די בלאָטעס די גרײַזע לעגענדע...

דעם גאָמבינערס איידעם, דער גרויסער געלערטער,
וואָס האָט פאַר אונדז ווײַרעך פון טרײַשאַפט געדרויכערט,
איז דאָ געשטאַנען אַ זײַרן-פּאַרקלערטער
און גיך זיך פאַרדרייט אין דער רו פון פּאָרויכעס.

דערנאָך איז געקומען די הייליקע מאַמע,
פאַרהילט אין אַ יידישער אַלטער פּאַטשיילע.

און אונטער דעם ווארעמען פלאטער פון סאמעט
האָבן זיי אלע געזעצט זיך צוזאמען
און האָבן צוזאמען געפראוועט אוויילעס.

2

אי-נאכט.
ווײַ-נאכט.

גייען פאמעלעך,
פאוואָליע,
געהיט...
א ריאסע פון כאקי
אין רויך פון איפּריט.
א שטרײַמל,
א פראק
אף א גרויען שינעל.
רויִקער.
רויִק.
טיל-טעל.

רויִקער-רויִק.
צעשראָקענע רו:
עס לויכטן די פענצטער
אין ג. פּ. או.

וויגט זיך די נאכט
אין א טויטן האמאק
און האָט די פארזאמלונג
מיט מוירע געבענטשט.

א וואָרט האָט געגעבן
א פּרעכטיקער פראק.

א וואָרט האָט גענומען
אַן איידעלער פּרענטש:

— מיר זײַנען דער מארך און דער כּעס,
זיי — דער מעגושעם פון הענט...
זיי מעגן זיך טויזנט מאָל מיִען
צו אַנדערע הימלען געווענדט.

און מירן דעם קויעך פון בויונג
דערפירן ביז ליידיקן נאַר.
עס קענען ניט בויען פלעבייער,
ווען ס'וועט ניט פאַרוועלן דער האַר.

— אונדזער פּאַראָל,
אונדזער פּראָגראַם:
א ווײַסער קאַראַך
פון יאַם ביז יאַם.

3

האָט זיך געשטעלט דער געלערנטער איידעם
און א באַגרינדעטע רעדע געהאַלטן:
— מע טאָר ניט פארשוועכן דעם גײַסט פון די זיידעס
און הייליק דאַרף בלײַבן דער טרוים פון די אַלטע.

אַלץ מוז פאַרבלײַבן אַזוי, ווי געווען דאָ,
און ס'טאָר אונדזער לעבן ניט ווערן געמינערט.
מע טאָר ניט, אַז נײַע געבויטע פאַבריקן
זאָלן דערשטיקן די אַלטע לעגענדעס.

דעריבער, מײַן פּלאַן: די טאָרפן ניט גראָבן.
די גרויסע מאַסיוון פאַרבלײַבן איך פּוסטקײַט.

מײַן פֿאָלק דאַרף פֿאַרבלײַבן — אײן שנײַדער און שוסטער,
דײַן פֿאָלק דאַרף פֿאַרבלײַבן — אַ פֿאָלק כּלעבֿאָראָבֿן.

אַלע: — ווײווּאַט!
אַלע: — יעכי!
— כי־כי...
— כי־כי...

האָט דער קריוויטש אין דעם זיידנס סערמענגע
שטיף אָנגעהויבן אין פּאָרכטיקן ציטער:
— הערט איר, דאָבראָדזיע, מע מוז דאָס געדענקען —
מע האָט אונדזער באַטקאָווטשטשינע צעשניטן.

אײן טײל — אַהינצו, דאָס צווייטע — אַהערצו,
און ס'קרעכצעט דאָס לאַנד אין באַזונדערע טײלן.
מיר מוזן באַהעפֿטן די בענקענדע הערצער
אונטער דעם זילבערנעם אָדלער פֿון פּוילן.

דעריבער, מײַן פּלאַן: דער זומפּ דאַרף ניט סטײַען
דאָרטן, ווּ ס'האָט זיך די גרענעץ צעפּיבערט.
און ווען עס וועט פּוילן אונדז קומען באַפֿרײַען,
זאָלן די זומפּן זיי דינען מיט ליבע...

— זאָל לעבן די אַרבעט,
וואָס שעדיקט די מי.
— כי־כי...
— כי־כי...

4

האָבן זיי צעזעצט זיך אַלע אויף דער בימע
און שווײַגנדיק געפּראַוועט אַ טויטן שאַלעסודעס.

איינער האָט פאַרצויגן אַן אומעטיקן ניגון,
אַ צווייטער האָט פאַרקוקט זיך ליידיק אין הימל,
אַ דריטער האָט געיאָמערט עלנט אין דער דודע.

— איי-דו-דו,
— איי דו-דו,
ניטאָ קיין לעבן און קיין רו,
ניטאָ קיין יאָנטעוו און קיין רו.

מע האָט צעבראָכן אַלטן פּלויט
און לעצטע מעזשע אָפּגעווישט,
אַלע דערפֿער פאַרמישט,
און זיי פאַרפּלאָנטערט און פאַרדרייט
אין איין קאָמונע,
אין איין קאָמונע.

אונדזער ברויט — ניט אונדזער ברויט,
ניט אונדזער פעלד, ניט אונדזער וואַלד,
מע שלעפּט די פּויערים מיט גוואַלד
דורך קאָמונעס צום טויט,
אָ, דאָליאַ נאַשאַ,
דאָליאַ נאַשאַ.

ס'איז גוט געווען אַליין מיט זיך,
אין אייגן שטוב אינמיטן הויף,
און קומט פאַרנאַכט, דו קלייבסט צונויף
די פולע טשערעדעס מיט פיך,
אָ, דו-דו, מײַנע,
דו-דו, מײַנע.

איצט שטאַרבט דער זאַטער באַלעבאָס
אויף פּעטע ערדן פון ראַסיי

און ס'וואלגערט זיך אפ טויטן שטרוי
דער הייליקער יִסוס-כריסטאָס,
אָ, אָטשע נאש,
אָטשע נאש.

דו-דו, מײַנע,
שפּיל, דו-דו,
ניטאָ קיין לעבן און קיין רו...
ניטאָ קיין יאָנטעוו און קיין רו...

זײַנען זיי געזעסן אלע אפ דער בימע
און שווײַגנדיק געפּראַוועט א טויטן שאלעסודעס.
איינער האָט געיאָמערט עלנט אפ דער דורע,
דער צווייטער האָט פארצויגן אן אומעטיקן ניגן,
דער דריטער האָט פארקוקט זיך לײדיק אפן הימל:

— ווי צום שאבעס שוין און ווי צום זונטיק.
אלע הייליקײַטן גייען אונטער.

ווען אלע טעג פון גאָט שוין ווערן גלײַכע,
וועט מען ארומפּויזען איצט אפ די בײַכער...

עס רוקט זיך אָן אפ אונדז א גרויסער אומעט,
א גרויע וואָכעדיקײַט נעמט ארומעט,

מיר בלײַבן נאקעטע, מיר בלײַבן הוילע.
אָ, גאָט אלמעכטיקער, אָ, שמאַ־קוילײנו.

האָבן אלע שוין פארצויגן אן אומעטיקן ניגן:

— ניגן־ניגן־ניגן־ניגן
האקויל העווּל — האלץ איז ליגן.

ניט קיין מאמע, ניט קיין טפּילעס.
זינגט: — „מארוסיא אָטראווילאס" !

5

און ווען עס איז דער אָנמאכט דערגאנגען ביזן הימל,
האָבן זיי פארלאָזן שוויַיגנדיק די בימע.
זיי האָבן זיך צענומען מעשוגע אין האקאָפּעס.
— דאָ איז אונדזער ענדע,
און דאָרטן — אונדזער סאָף איז...

באלד זײַנען געקומען אלע מיטאמאָל,

אָרעמע,
צעשראָקענע,
פארלאָרענע
צוגאסט.
פידל־פליַיט,
צימבל־באס,
פידל־פליַיט און פייַפיַאָל.

זײַנען זיי געשטאנען אומעטיק פארשעמט
און אויסגעצויגן שטיל די פארמעטענע הענט.

וואָס מע וועט זיי געבן דאָרטן, דאָס איז גוט.
פידעלע, זיי וועלן זיך באלד שווענקען אין דייַן בלוט.

יאָשקע — אַף דער פידל,
בערל — אַף דער פליַיט,
שפּילט־זשע אויס א לידל
וועגן אייַער טויט.

— געווען אמאָל קלעזמאָרימלעך,
אַפּ כאַסענעס דערפרייט,
אָרעמע, פארלאָרענע
פון „פּאָליש אַפּ דער קייט”.

פלעגט אָנקומען צו יידן נאָר
די סימכע צוגאַסט, —
איז יאָשקע — אַפּ דער פידל
און בערל — אַפּן באַס.

איז יאָשקע — אַפּ דער פידל
און בערל — אַפּ דער פלייט —
א ריקעדל, א ניגנדל,
א האָפּקעלע, א פרייד.

קלעזמאָרימלעך אַפּ מאָלצײַטן
באַם זיסן טיש — געשמאַק.
איצט שטאַרבן די אַמאָל-צײַטן,
האָפּ־טשיק־טשאַק.

קיין מאַרשאַלק, קיין כאַסענעס,
קיין קאָשער-טאַנצ, קיין שער.
אין יאָרן אויסגעלאָסענע
מע דאַרפ שוין אונדז ניט מער.

— טאָ שפּילט, קלעזמאָרים, שפּילט, קלעזמאָרים,
סײַווי־סײַ שוין אַלצ פארלאָרן.

— שפּילט, קלעזמאָרימלעך, פאַר גאָט און
פאַר דער מאַמען, פאַר דעם זון.

גאָט, גאָט, גאָט, גאָט,
פון הערשער און פון פּאַרייער,

ס'גייט פאר דיר איצט א פּאָקסטראָט
דער רעבעניו און מאַריע.

אירע אויגן זײַנען בלוי,
זײַנע זײַנען שווארצע.
און ער דריקט זי פעסט אזוי
נעענטער צום הארצן.

זי — אין רוישיקייט פון זײַד,
ער — אין קראַפּט פון צעדער.
און עס פּליעסקעט בא דער זײַט
דער הייליקער סאנהעדרען.

אויב פארגאנגען איז די זון
און ס'רוקט זיך אָן די שקיע,
זאָל זי נאָך א צווייטן זון
אין געטלעכקייט און צניעס...

העכער, ברייטער מאכט דעם קרײַז,
נאָכאמאָל א נעס קען — — —
און עס שטייען גרוי־און־גרײַז,
שמייכלען צו און פּליעסקען.

העכער־העכער־העכער־הויך,
פרייד פון טשארלסטאָנען!
און אין ווײַרעכדיקן רויך
טראָגט זיך די מאדאָנע.

פארשאָרן זײַנען אירע האָר,
וויגן זיך די לאָקן.

און זײ טאַנצן אַף אַן אָרט:
שאָקל־שאָקל־שאָקל.

ס׳גײט די שײַן פון ייִדיש פּאָלק
מיט שענסטער פון די פרויען,
און מע זינגט דאָ אַפן קאָל:
האַלעל־האַ־לע־לו־יע.

אײַ, נאָך,
אײַ, נאָך!
אונדזער װײ און אונדזער בראָך
לאָמיר הײַנט דאָ שטילן.

אײנער גײט
שטילערהײט
און דער צװײטער —
זאַלבעצװײט,
און פאַרלאָרן און פאַרדרײט
דרײט זיך שוין דער דריטער.
און דער פערטער: — האָך! האָך!
און דער פינפטער: — אײַ, נאָך!
אונדזער װײ און אונדזער בראָך
ביזן לעצטן טויטן פּאָך,
פּאָכן אין קאַדרילן.

פון דער סטעליע ביז די װענט —
װיגנדיקע שװאַרצקײַט.
סײפער־טוירעס — אַף די הענט,
צלאָמים — אַפן האַרצן...

טויב־שטום.
קראַנק־קרום.

דרייט מען, גייט מען
רונד־ארום.

און פארמאטערט: — ה־אָך, ה־ה־אָ־אָ־ך.
און פארמאטערט: — איַי, ־נ־אָ־כ־ך.
אונדזער וויי און אונדזער בראָך:
שטויב
און אש
און טויטער מאָך.
— אָ־כ־כ־ך — — —

● ●

לעצטע מאָהיקאנער

(מאַדאַם פּערלמוטער)

מ. טייף

★

זי פרעסט,
זי טרינקט,
זי כראָפּעט,
זי לאַכט, די מאַדאַם, זי קוועלט,
איך זיץ בײַ מײַן טישל לעם פענצטער
און איך קוק, ווי זי לעבט אויף דער וועלט.
זע, ווי זי גייט,
זע, ווי זי דרייט זיך,
זע, ווי זי קנאַקט מיט די ציינער,
קוים, וואָס זי גייט,
קוים, וואָס זי רירט זיך,
אָט די בעהיימע-פלייש אָן ביינער.
פונוואַנען, פון וועלכע קאַנטן
האָט זי דער רוח געבראַכט אַהער?
(אין דעם שטעטעלע פון קאָנטראַבאַנדע
לעבט זיך מיסטאָמע שווער...).
אַמאָל, אין די יאָרן די גוטע
האָט זי געהאַט אַ שטאַל מיט פערד, —
דער מאַדאַם פעשקע פּערלמוטער
האָט זיך גוט געלעבט אויף דער ערד.

אין שטוב האָט געשפּילט פּיאַנע,
און זי האָט געטראָגן אַ ראָטאָנדע פון ווידרעס.

*

א קלייניקייט, זאָגט זי, — סאָפּען
דער סאָסטאַוויטעל פון קאָלנידרע...
די מאדאם איז שטארק באַפעזנט
און זייער האָך געבילדעט, —
מיינט ניט, אז פּעשקע פּערלמוטער
איז עפּעס א יידענע א ווילדע.

זי איז ניט פון די פּראָסטע ווייבער,
וועלכע קריגן זיך אין גאס, --
זי האָט געלעזט א יידישן שרייבער
מיטן נאָמען סאָלעם אס.

אך, זאָגט זי, אסעס ראָמאנען!
עס צעגייט דאָס הארץ, ווי זיס!..
אלץ, וואָס ער שרייבט, איז עמעס,
איך לעז אים און איך ניס!

און איצט? —
(זאָגט זי פּאָ רוסקי)
קאקוי מי נעסצאסני נאראָד!
אפ „זשארגאָן״: איר פארשטענדלעכעס קנאאבע
איז שוין אלט דוואדצאט גאָד...

נאָר זיי — זאָל זיי גאָט באגראָבן,
נאָר זיי — זאָל זי גאָט דערהערן;
אָ, ווען ניט זיי, וואָלט איר זשאָרזשיקל האָבן
א פאבריק פון געווענדזולטע הערינג,

אָדער א קראָם פון געוואנטן
מיט א קאלע פון טויזנטער נאדן.
און אפ פּעקעלעך קאָנטראבאנדע
וואָלט ער נעמען גרויסע פּאָדריאדן.

אָדער זשאָרזשיקל וואָלט זײַן א דאָקטער
מיט א וויִעזד און מיט א דאטשע,
און זשאָרזשיק וואָלט היילן מערידן
בא דער פרומער ייִדישער נאציע!

אכ, זשאָרזשיק, זשאָרזשיק!
דו האָסט א מעניסטערשן קאָפּ,
נאָר זיי, און צוליב זיי,
גייט אלץ מיט דער פוטער אראָפּ!..

נאָר זי פּרעסט, די מאדאמ,
זי כראָפּעט,
זי לעקט אירע ליפּן זיס —
האָט זי א טאָכטער לאורע —
א קעצעלע: קיס, קיס!

אוי, לאורע, וויסטע יעסוימע,
קעצעלע מײַנע, קיס-קיס,
פון פּאפּא, א בריוועלע, יעסוימע,
פון ס אָ ל אָ ו ק י ער גריסט.

עס שרײַבט דער פּאפּא א בריוול
און דערמאָנט זיך אמאָליקע יאָרן,
ווען ער האָט געהאנדלט מיט פערד
און ווען זי האָט דעם פכאָר געבאָרן.

איז געווען א סימכע אין שטוב,
האָבן קלעזמער געדריפּעט אף פידלען,
און ער, רעב שלוימע נאָגיד,
האָט געזונגען אזא מין לידל:

„טשעבײַט-זשע מיר א פינפונצוואנציקער
אף שאמעראָדנע צענער,

עהיי, קלעזמאָרימלעכ,
שפּילט א לידל שענער.

„טשעבייט-זשע מיר א פּינפּונצוואנציקער
אפּ שאמעראָדנע דרייער,
עהיי, קלעזמאָרימלעכ,
שפּילט, זאָל גיינ א פייער!

„טשעבייט-זשע מיר א פינפונצוואנציקער,
דערלאנג א טאָפּ מיט בלינצעס,
פּרעסט, שנאָראנטנ קלעזמערלעכ,
אונ זאָגט ניט, אז ס'איז ווינציק...

„טשעבייט-זשע מיר א פינפונצוואנציקער,
הוליע, שלוימע נאָגיד!
איכ האָב א פכאָר מיט פערדעלעכ,
אונ קושט מיר אלע אינ מאָגנדאָוויד".

נאָר איצט, — שרייבט דער פּאפּא, — איז ניטאָ קיינ טשערוואָנצעס,
נאָר איצט, — שרייבט דער פּאפּא, — ווערנ גרוי מיינע וואָנצעס,
נאָר דער גרויסער גאָט וועט א ייד ניט פארגעסנ, —
ער וועט העלפנ פארדינענ צום טרינקענ אונ עסנ.

אָ, גרויסער יעהאָווע, באטקאָ פונ דער הייליקער באנדע,
העלפ דיינע אָרעמע יידנ,
שיק צו דעם פּאפּא קאָנטראבאנדע
אונ נעמ בא אימ צו די מערידנ.

אָ, גרויסער יעהאָווע, באטקאָ פונ די בייטל-שניידער,
שיק צו לאורענ א סאָיוזנעמ כאָסנ —
זאָל ער זיינ א שניידער, זאָל ער זיינ א שליאָסער,
נאָר מיט א סאָוועטסקער פארנאָסע.

אזוי שרײַבט דער פּאָפּא
און דערמאָנט זיך אמאָליקע יאָרן,
ווען ער האָט געהאנדלט מיט פערד
און ווען זי האָט דעם כּאָר געבאָרן.

אוי, לאורע, וויסטע יעסוימע,
אוי, לאורע, קיס! קיס!
פון פּאָפּא א בריוועלע, יעסוימע,
פון סאָלאָווקי ער גריסט.

נאָר זי פּרעסט, די מאדאם,
און זי כראָפּעט,
און זי ציילט אירע לעצטע טשערוואָנצעס,
נאָר מײַן ליד איז א סטענגעלע קרעפּ
אפ איר לעצטן זײַדענעם אָנצוג.

ווי א געדולדיקער זייגער איך צייל
אירע לעצטע טעג, אירע וואָכן.
שטארבט, שטארבט גיכער,
מאָהיקאנער פון שײלאָקס מישפּאָכע!

• •

אונדזער דיכטונג

ש. האלקין

★

זאָלן סאָנים שרײַען:
מיר זײַנען דאָ באַגרענעצט,
באַשרענקט איז אונדזער דענקען
און צוגעשמידט דער שווּנגען,
אַז עמעצער פֿון אויבן
באַצווינגט אונדזערע פּענעס
און לייגט אַרויף פֿון גרייטן
אונדז יעדן אַף דער צונג.

אַז וואָכעדיק די ליד איז,
און טעמפּיק די געפֿילן,
אַז אומקומען באַשערט איז
אַ דיכטערישן דאָר,
אַז אין אַ רויטער מאַנטיע
מיר דאַרפֿן זיך דאָ הילן,
און שרײַבן מוזן אַלע
אָט דאָס נאָר, וואָס מע טאָר,

אַז דיכטער זײַנען שטענדיק
מיט מאַכט געווען צעקריגטע,
זיך קיינמאָל ניט געבויגן
פֿאַר הערשער און פֿאַר האַר, —
זאָלן סאָנים לויבן
די „העלדן" די פֿאַרשיקטע:

שעדיקער, פּאַרעטער
און שווינדלער פונעם מאַרק.

זאָלן סאָנים ברייען:
דיכטונג פאַר יעכידים,
און אַלץ, וואָס פאַר האַמוין,
איז אויסערלעך און פלאַך,
אַז די, וואָס זיינען איצטער
גילטיק און צופרידן,
וועלן אין די דוירעס
ניט דויערן קיין סאַך.

אַז צווישן אונדז דאָ
פאַראַן זיינען קאָרבאָנעס,
וואָס זיינען נאָר געפאַנגען
אין וויכערדיקן טרייב,
און נאָך יעדער מאָלצייט
פון דיכטערשע קאַנאָנעס
קומען זיי און רייסן
קריִע אַפן לייב.

אַז אָפּגעמעקט די גרענעץ
פון אופריכטיקן ווידוי
ביז האָפערדיקן פּלאַפּל
פון אונטערטאַנען־קנעכט,
און ווי דאָס זאָל ניט זיין זיי
עקלדיק, דערווידער —
זיינען זיי געצוואונגען
צו אונטערשרייבן: רעכט!

ווילט זיך מיר אָט איצטער,
ווי קיינמאָל נאָך ביז איצטער,

מיט העל־געשמידטער וואָרנונג
זיי אויסצושרייַען: הערט!
ס'איז די דיכטונג אונדזערע —
א גלײַענדיק צעהיצטע,
א לעבעדיק־דערהויבענע,
ווי קיינמאָל אַף דער ערד.

ס'איז די דיכטונג אונדזערע —
א מיזאמע, אַן עכטע,
א מענטשלעכע, א גינציקע,
א טרייַע ביז צו ענד,

און דאָס בלוט פון הארצנ
דורכ טויזנטער געפלעכטנ,
דורכ פיבערדיקע אָדערנ
פירט אָנ אונדזערע הענט.

ס'איז די דיכטונג אונדזערע
ניט קיינ בלענד, קיינ שפילצייַג —
א וואָכיקע, א פּראָסטע,
א נייטיקע אינ נויט:
ווי פאר רעדער — אייַזנ,
פאר געביי — געהילצנ,
ווי פאר פרידנ — פליגל,
פאר מילכאָמע — שרויט.

מיר זייַנענ דאָ באפרייַטער
פונ הונדערטער פּאָעטנ,
וואָס האָבנ וועג געהאלטנ
אינ דער האנט א פענ,
און פונ טויזנט איצטיקע,

װאָס די בײַכלעך גלעטן
און זעען ניט די קלעמען
און שפּירן ניט די פּענט.

עס האָבן זיי באַפליגלט
קנעכטישע באַגריפן,
ווי ציטערדיקע קינדער
געפּעסטעט זיך אין שוים.
און מיר האָבן צעביסן
די סוידעסדיקסטע שיפערס,
די געדיכטסטע נעפּלען
באַליכטן און אנטבלויזט.

מיר האָבן דאָ פאַרניכטעט
דאָס שימערדיקע אָנטאָן,
אַלץ, וואָס שמעקט מיט אומזין
פון ליידיגייערישן ווייל;
אונדזער גרעסטע פרייד איז,
אונדזער שענסטער יאָנטעוו,
ווען די רויטע ברעט פאַרפולט איז,
און די שווארצע — הויל.

אונדזער ליבע — הייס איז,
אונדזער בלוט איז ברויזיק,
אונדזער יוגנט — וויכערט,
און די אַלטע — יונג;
מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן
אַף אָנהייבן יאָרטויזנטס,
און קיינער וועט ניט בינדן,
ניט פּענטען אונדזער שווונג.

ס'איז יעדער שפּאַן דערוואָרבן
דורך פֿײַער און דורך קריגן,
און דערפֿאַר מיר זאָגן
און ענטפֿערן מיט שטאָלץ:
מיר קאָנען זיך פֿאַרליבן
און יאָנטעוון, ווי זיגער,
ווען פֿון וואַלד זיך ציִען
לאַנגע וואַלקעס האָלץ.

מיר קאָנען זיך באַגײַסטערן
מיט אויסבויען א בריק־ווי
דער קאָפּ זאָל ווערן העכער
פֿון האַרציקן געברויז,
וואָס ערגעץ דאָרט אין וויסטע
א רעלס האָט זיך צעוויקלט,
וואָס א קלוב א פּרעכטיקער
געוואָרן פֿון א קלויז.

ס'איז וויכטיק יעדער שרויף דאָ,
ווי רעדער, ווי טראַנסמיסיעס,
יעדע נײַע הויז —
איז אונדזערס א געווינס;
אָט דערפֿאַר ניטאָ דאָ
קיין שענערס און קיין מיסערס,
אָט דערפֿאַר מיר שטייען
אַלע גרייט צו דינסט.

ס'איז אונדז בלוטיק־טײַער
יעדער העקטאַר ערד דאָ,
ס'איז אונדז פֿײַנלעך־נאָענט
יעדער מעטער טאָרף, —

אונ דערפאר מיר זאָגנ
אונ ענטפערנ מיט ווערדע:
מיר שרײַבנ, וואָס מיר ווילנ —
מיר שרײַבנ, וואָס מע טאָר.

מיר זײַנענ פאר פארניכטנ
אלס קלאס די באלעגופים
אונ אויסבויענ קאָלווירטנ,
ראטווירטנ דאָ אינ לאנד.
אָט דערפאר מיר פריידיקנ,
אָט דערפאר מיר רופנ,
אָט דערפאר צו שרײַבנ
ווערט ניט מיד די האנט.

מיר זײַנענ פאר פארניכטנ
די שעדיקער, פארעטער,
זיי איבערגעבנ אלע
צו דער העלסטער שארפ, —
אָט דערפאר מיר קריצנ
די פײַערפולע ווערטער:
מיר שרײַבנ, וואָס מיר ווילנ —
מיר שרײַבנ, וואָס מע דארפ.

מיר אלע זיכ צעשפרייטנ
איבער שטעט אונ דערפער
אונ צו זיי מיר ריידנ:
איינפאכ, קלאָר אונ פראָסט,
אונ מיר דײַגענ ווינציק
צי דער סטיל איז ווערטפול
פאר אָווערדיקע דוירעס —
פאר בליִענדיקנ ראָסט.
אלע דאָ מיר ווייסנ,

מיר אַלע זײַנען זיכער!
פון יעטווידער פאַרצייכענונג:
פון אונדזער אַנ ,אַרבקאַר —
וועלן וואַקסן לידער,
וועט געראָטן ביכער,
וועט קאָנען זיך דערנערן
אַ קומענדיקער דאָר.

עס לויכטן אויף די אויגן,
דאָס האַרץ זיך שפּרייט פאַר נאַכעס,
ווען שפּאַנענדיק אין גאַס גאָר
דערהערסטו אַ געזאַנג:
עס גייען רויטאַרמייער
מיט ווײַסגרעט אונטער פּאַכוועס
און זינגען דײַנס אַ לידל
אין וואָכעדיקן גאַנג.

מיר גיבן אָפּ דאָס לעבן
פאַרן שענסטן ענד-ציל,
און מיר שיקן שטענדיק
אונדזער הייסן גרוס:
אַלע טרײַע בויער
אין דער גרויסער ברען-צײַט —
זיי טוען, וואָס איז ליב זיי,
זיי טוען, וואָס מע מוז.

● ●

קראסינ

י. גאָלדמאַנ

★

דעמ כ׳ טשוכנאָווסקי — מיט ליבע

צעקלאַפּט, צעשפּאָלטנ איז דער יאָכ פונ אײַז —
דער אוראַלטער, דער צאָפּנדיקער גליוועד.
אָ, ווער האָט נאָכ געגעבנ א באַווײַז
פונ אזא גרויסער, אומענדלעכער ליבע...

אינ קעלט אינ גרויזאמער, אינ בייזער קריע,
אינ ווײַסע נעכט אפ וויסטיקע פּאָליארנ —
האָט ווער דענ ניט געשראָקנ זיכ פארלירנ,
אונ וועמעס הארצ איז דאָ פארבליבנ ווארעמ.

אונ אָט די ווארעמקײַט פונ טיפסטער טיפ,
אפ קארגע גראַדוסנ ניט אָפּגעמאָסטנ —
האָט ווער געשריבנ אזא בריוו,
ווי דער פּילאָט טשוכנאָווסקי:

„מיר בעטנ ניט זאָרגנ וועגנ אונדז,
„אונ אויב שוינ ראַטעווענ — איז פריער אנדערע“...
געבענטשט ביסטו, מײַנ לאנד, מיט אזא זונ,
אונ נאָכ מיט טויזנטער אזוינע אנדערע.

נאָר אונדז באַשערט איז שפּאלטנ יעדנ גליוועד,
מיט הערצער הייסע, ווי די קעסלענ אפנ „קראסינ“.
פאראנ א צײַט מיט פולנ הארצ צו ליבנ,
פאראנ א צײַט מיט פולנ הארצ צו האסנ...

● ●

זע נאָר, ס'ארא ווײַטן!

ש. ראָסין

★

גיט א טראָג, א יאָג אָן
פינצטערע דערמאָנונג —
נאָכן בויד און וואָגן
כ'זע מײַן טאטן שפאנען.

איבער בלאָטעס, רינעס
שפאנט אין שווערע שטיוול,
און דער גרויער הימל
איבער אים פארגליווערט.

ווײַטער שליאך — ער ציט זיך
עלנד און פארלאָזן;
ערגעץ ווײַט דאָרט סקריפען
פויערשע אָבאָזן.

פון דערפעלעך און כאטקעס
פארוואָרלאָזטע, פארלאָזטע —
פויערים קאריאָזער,
שומאָוועקער, זווינטשאטקער;

מיט שפינוועבסן פארוועבטע,
אָרעם און פארלײַזיקט,
טונען ספירט זיי שלעפן
פון האלינסקיס ברײַזער.

שווערע, לאנגע דראָהעס
איבער שליאַך צעוועלגערט —
פויערים פאזאָער
פון פארפיאָנאָווס וועלדער...

נאַכט ארום און פייַכטקייַט
און דער פערד — פארמאטערט —
פון פארפיאָנאָווס שפייַכלער
דאַקעס פירט דער טאטע...

טופעט ער און טופעט
נאָך דער שווערער מאסע —
טעלעגראַפן־סלופעס
קרירעדיקע, נאסע.

ביזן ווייַטסטן ראנד־פאס
דער הימל גרוי פארצויגן —
מידבער־ווינט מיט זאמדן
שיט אים אין די אויגן.

זייַנע אויגן זוכן,
זייַנע אויגן מאָנען,
ווינט און זאווערוכע
שמייַסן אים אין פּאָנעם.

שמייַסן בייז און יאָגן
אין פּאָנעם און אין פּלייצע —
גייט ער נאָכן וואָגן
אָפּגעלאָזט די לייצעס...

סייַוויסיי אין אומעט
שווער אזוי און פינצטער:

סיַוּוי וועט ער קומען
צו דער ציַיט אהינצו...

ווער־זשע טריַיבט ארום אים
דורך שנייען און דורך רעגן?
וועט דען עמעצ קומען
מיט א טרייסט אנטקעגן?

הונגעריק דאָס פערדל —
הענגט זיַין ליפּ פארטרויערט,
און דעם טאטנס בערדל
הייבט אָן פלוצעם גרויען —

ניט פון שארפן פרעסטל,
ניט פון הארבע שנייען, —
זיַינע יאָרן בעסטע
אפן שליאך פארגייען...

בייגט ער איַין דעם קערפּער,
פאלט ער אונטער מאסע...

— — — — — — — — — — — —

טריַיבט מיך אום א ווינט איצט
איבער מאָסקווער גאסן.

כ׳האָב דערמאָנט זיך וויסטע,
פארגעסענע פארדראָסן:
יענער שליאך איז איצטער
מיט אספאלט באגאָסן.

יענע זומפן, וועגן —
גלאט און אויסגעפלאסטערט,

כ׳האָב אָט ערשט באַגעגנט
אין דער רויטער מאָסקווע:

ניט קיין שווערע לאַסטן,
ניט קיין בויד און וואָגן —
אויסגעפּרוווטע אווטאָס
פֿון קאַראַ-קום זיך טראָגן.

פֿון קאַראַ־קום אין מאָסקווע
אָנגעקומענ מונטער,
און איך האָב געלאָזט זיך
אַף דער גאַס באַזונטער

אָנקוקן די פֿאָרער,
באַטראַכטן די מאַשינעס:
עפּשער וועל איך דאָרטן
דעם טאַטן גאָר געפֿינען?

עפּשער אַף די וועגן,
אַף די ווײַטע טראַקטן
האָבן זיי באַגעגנט
קאָלווירטניקעס זווינטשאַטקער?

באַ דעם רודער שטרענגן
האָט מײַן בליק געפּלאָנטערט
און מיט פֿײַכטע אויגן:
טאַטע מײַנער, טאַטע!
כ׳האָב געוואָלט דיר זאָגן,
כ׳האָב געוואָלט דיר ווײַזן:
זע נאָר, ס׳איז ווײַטן,
זע נאָר, ס׳איז שעפּע

פֿאר די קינדער דײַנע
האָבנ זיכ צעעפנט!

ניט דײַנ וויסטער אומעט,
ניט דײַנ בויד אונ וואָגנ —
פונ ווײַטע קארא־קומענ
פֿלינקע אווטאָס יאָגנ.

פונ זומפּיקע אָבאָזנ
שוינ ניטאָ קיינ זייכער—
מיזרעכ, מײַרעוו, צאָפנ
אונדזער וועג זיכ צייכנט.

אווטאָס פֿלינקע, פעסטע
(פונ אונדזערע זאוואָדנ)
נײַע ווײַטנ מעסטנ
אפ ניט געפרוווטנ באָדנ.

אווטאָס יאָגנ גיריק,
אינ דער ווײַט זיכ קריצנ,
אונ די בעסטע פירער
בא דעם רודער זיצנ.

● ●

פּערסיי*

ד. האָפשטיין

★

ניט אונדזער שטאָלצער קראַסין,
נִיט מאַליגין און ניט סיביריאַקאָוו,
ס'איז נאָר א קליינינק עקספּעדיציע־שיפל, —
דאָס דאַמפּערל „פּערסיי“,
און ניט קיין וועלט־אַנטדעקערס
אין יאָר אין דרײַסיקסטן.
אָפּ אָט דער שיף זײַנען געשוווּמען —
מאַטראָסן אונדזערע,
סאָוועטישע געלערנטע גאָר יונגע,
מײַנע ווילדע שוועסטער שיפרע
צווישן זיי.
הא! ס'איז זי, ס'איז זי, די ערשטע
פון דוירעס, דוירעס סטאָליארעס,
און שטעטלדיקע ייִדן,
האָט דעם פּאָליארן קרײַז
שוין דורכגעשניטן,
און שווימט אצינד אין צאָפן־יאַם,
אין לאַנד פון אײַז
אַרײַנגעשפּאַנט.

געבוירן אין א דערפעלע א קליינס,
אין אָרעמקײַט, אין ענגשאַפט אויסגעוואָקסן,

---

* פּערסיי — א מיטאָלאָגישער גאָט. אויך דער נאָמען פון א געשטיר אין צאָפנדיקן האַלב־קײַלעך.

אַ פּאַק פֿון שוואַרצע זאַרגן
פֿון קינדהייט שוין געהאַט
אַפֿ יונגע אַקסלען...
וואָס האָט געקאָנט דערוואַרטן
פֿון ענגע, האַרטע, אָפּגעצוימטע לעבן
אַ ייִדיש מיידעלע אַזוינס?
אין נעבעכדיקער דאָרף־שול אָנגעקומען,
געגעסן קעסט באַם קאַפּצעדריילע קוואַשע,
(אייניינעם מיט זיין זון מיט טיכאָנען געלערנט)
און ווייטער ווו?

וווהין אַהינטאָן זיך?
נאָר ס׳זיינען יאָרן ברויזיקע געקומען,
און זי איז אויך אַרויס
פֿון אַלץ, וואָס איז באַ איר,
באַ פֿיל אַזעלכע, ווי זי, געווען אויעקגענומענע
אין קיִעוו, אין ייִדישן פּעדטעכניקום,
דערנאָך אין מאָסקווע, אין ראַבפֿאַק,
דער ערשטער מ. ג. או. — פּיזמאַט,
און בייגעווען, און מיטגעהאָלפֿן
דער גרינדונג פֿון אַ נייעם אינסטיטוט
(אין צענדליקער און הונדערטער
געוואַקסן זיינען אינסטיטוטן,
פֿאַר טויזנטער, פֿאַר הונדערט טויזנטער
סטודענטן נייע, יאַטן ווילע,
לערנער גוטע און געטרייע בירגער
פֿון ראַטנלאַנד, פֿון גרויסן...)

אַ ביסל וויסן אָנגעקליבן
און ווייטער באַ דעם אינסטיטוט געבליבן.
און אָט אַזוי,

פֿונ אינסטיטוט פֿונ געאָפֿיזישנ געשיקט.
איצט שווימט מײַנ שוועסטער שיפֿרע
אפֿ דעמ דאמפֿערל „פֿערסיי“
אינ צאָפֿנ-יאמ, אינ לאנד פֿונ אײַז,
אונ פֿאָרשט די הייכנ דאָרט
אונ פֿאָרשט די טיפֿנ —
מײַנ שוועסטער שיפֿרע!

• •

אפּ אלץ מײַן האַנט

כאַנע לעווין

★

זײער שווער צו זײַן א מאַמע,
ווען דיך רופן ברײטע פעלדער,
ווען עס מאָנען דיך זאַוואָדן
און עס וואַרט דיך די פאַבריק, —
אײן פּאָר הענט אפּ אלץ צוזאַמען —
אפּ א מאַמע זײַן און העלדן,
אפּ די קלײנע קעפּלעך צוואָגן
און אפּ אָנלאָדן א ביקס...
זײער שווער צו זײַן א מאַמע.

און דאָך איז ווויל צו זײַן א מאַמע,
ווען מע טרויט דיר פעלד און סטויגן,
ווען מע טרויט דיר אלע שליסלען
פון יעדן קעמערל אין לאַנד.
שײן און גרויס א גליק אזא מײַן
היטן אלץ מיט מאַמע־אויגן,
כאָווען אלץ, און שטענדיק וויסן,
אז אפּ אלץ דאָ ליגט דײַן האַנט,
זײער ווויל צו זײַן א מאַמע...

זײער ווויל צו זײַן א מאַמע,
ווען קינדער קלײנע רופט מען שטערנס *,

* פּאַראָקטיאַבערלעך — Звездочки.

און ווען קינדערס פריידן העלע
טאָקן, שניצן ליכט פון לאנד —
איזווארעם, ווייך, ווי בעסטער סאמעט,
אפילע שווערקייט און שטערונג;
דער הימל ז'נאָוונט ווי א סטעליע —
מע דארף נאָר אויסציִען די האנט.
ניין! זייער ווייל צו זיין א מאמע...
א מאמע דאָ!
בא מיר אין לאנד!

● ●

קעדרײַ!

ע. פײַנבערג

★

נאָך די טאַטעס ניט פאַראַנען
פון די קינדער, וועלכע שפּאַנען

אין די דוירעס זיך באַזעצן
אַף די ליכטנדיקע פּלעצער.

נאָך די טאַטעס פון די טאַטעס
קליינע קינדערלעך לעסאַטע

גייען אום נאָך אין אַ סטאַנעק,
שפּילן זאַמד-שפּיל אַף אַ גאַנעק.

נאָך דערוויילע די מערכאַקים
שטייען הויל און שטייען נאַקעט.

מיר אין סימכע, מיר אין ווייטעק,
מיר פאַרזייען, מיר פאַרגרייטן.

גרויסע אויגן אַף מײַן פּאָנעם,
גרויסע אויגן שטרענג איך אָנעט,

אַז זיי זאָלן זעען קאָנען,
איך באַשיץ זיי מיט דער דלאָניע.

אין די דוירעס, וועלכע שיינען,
כ'קוק זיך איינעט, כ'דרינג אריינעט.

אויגן מיינע, אויגן גרויסע,
ווי־זשע זעען קינדער אויסעט?

אף די שטרעקעס פון די יאָרן
איבער זון־נעפּל געדיכטן —

איינס נאָר זעט מען: קינדער שלאַנקע,
איינס נאָר הערט מען, א געוואַנג גייט.

איינס נאָר ווייסט מען: פרילינגס פרייע,
איינס נאָר ווייסט מען — אז קעדיי איז!

דאָס ניט קלאָגן אף די מייסים
און די טויזנט פּודן שווייסן

אונדזער פלייש פאר די געביייען —
אלץ דער ווערט איז און קעדיי איז.

אונדזער ברויט, וואָס ניט דערעסן,
אונדזער הארץ אף שארפ פון מעסער.

הינטער אונדז איז ווייסער ווינטער,
ווייסער ווינטער, וועלטן־צווינטער,

און פון פאַרנט קינדער יונגע,
און מע זינגט דאָרט און מע זינגט דאָרט.

און אינמיטן אונדזער פּאסיק
בלוטיק־רויט און בלוטיק ראשיק.

מיר אינ לעבנ אומגעהייערס
מיר די ערשטע פונ די בויערס...

מע וועט קומענ אונדז באטראכטנ,
אונדז דעמ וווּנדער אינ די שלאכטנ.

אונ מע וועט א טאָג באשטימענ
אינ א יאָר אונ אינ א כוידעש

אפ צו זינגענ שיינעמ הימנ
פאר די בויערס פאר די רויטע...

● ●

צו דער פּרױ

פּ. מאַרקיש

★

ס'איז הײַנט די זון אין דער הייך — אַ גאָלדענע פּאַלאַנקע,
און הערבליעס ליכט צעפלייצן אַף דער ערד זיך;
— מיר וועלן אַלע גיין, מיר וועלן אַלע אָנקומען
און אָנשעפּן דײַן פרייד מיט דלאָניעס און מיט הערצער.

אַזוי פיל פלאַם, אַזוי פיל פרייד פון פרילינגדיקער זון איז,
און וויפל ווינטן — פאָכעדיקע, פריילעכע און זאַטע?
עס פלאַקערט הײַנט דײַן שטים אַף זוניקע טריבונעס
פון שטעט, פון פעלצער און וואַרשטאַטן!

אַף בעטן בלוטיקע פון שלאַכט־פעלדער און גראָבנס
האָט אויך דײַן טראַכט באַפרוכפּערט זיך מיט בלײַ;
און ס'האָט דײַן ברוסט די ביקס געזויגן און געכאָוועט,
ווי ליכטיק קינד פון אייגן בלוט און לײַב.

עס טליעט נאָך דײַן וועג מיט לײַכטנדיקע ווייען
פון אַלקער־נעסט און שוויים — אַף אויפגאַנגדיקע צוגן, —
פון צאַרטן איבערבינד פאַרוווּנדעטע אַרמייער
ביז אָנגעלאָד מיט ליים און ציגל פאַר דער צוקונפט.

און ס'שײַנט דײַן לײַב נאָך ליכטיקער, נאָך העלער,
און ס'צויבערט דער פאַרברוין דער שוואַרצער פון דײַן האַנט
מיט העק און קירקעלעך, מיט האַמער און מיט קעלניע
אַף ליכטיקע, אַף הויכע רישטעוואַניעס פון עם לאַנד.

דײַנ קאָל װי גלאָק פונ הויכנ בארג זיכ הערט שוינ
אונ קלינגענדיק אונ העל צעװײט זיכ אינ דער װײַט:
— פארבּיטנ איז דײַנ יאָכ פונ װארגנדיקער קנעכטשאפט
אפ יאָכ אפ פריידיקנ פונ קאמפ אונ שטרײַט.

ס'איז הײַנט די זונ אינ דער הייכ — א גאָלדענע פאָלאָנקע,
אונ הרעבליעס ליכט צעפלייצנ אפ דער ערד זיכ;
— מיר װעלנ אלע גיינ, מיר װעלנ אלע אָנקומענ
אונ אָנשעפנ דײַנ פרייד מיט דלאָניעס אונ מיט הערצער.

דעם ווײַנגאָרטן אָדער די טאָכטער?

אָ. סטרעליץ

★

דאָס טײַכל אינגוליעץ ציט זיך אױש פון די קריוואָראָגער סטעפּעס, דרייט זיך, ווי א שלאנג, צוימט ארום בערגלעך, פאלט ארײַן אין טאָלן, און קומענדיק צו קאלינינדאָרף, פארקערעוועט עס אָן א זײַט פארן בארג, רינגלט אים ארום, ווי א שלייף ארום האלדז, און קומט ארויס צוריק נעבן דער מיל.

פון בעקוט אָן זײַנען אף דער זײַט ברעג טײַך מיט א יאָר 8—10 צוריק געפלאנצט געוואָרן פרוכט־סעדער און, העכער, אפן בארג, ווײַנגערטנער. זיי זײַנען געפלאנצט געוואָרן אלע דורכויס, ווי ווײסנדיק פאָרויס, אז זיי וועלן מיט דער צײַט דארפן ווערן קאָלעקטיוויזירט. די יונגע ביימלעך שטייען אין גראָדליניקע רייען, ווי יונגע מושטרירטע סאָלדאטן. ארום בארג אין קאלינינדאָרף געפינען זיך שוין עטלעכע ביימער ביז צען יאָר, וועלכע קוקן אף די יונגע ביימלעך אזוי ווי מיט א געווויסן ביטל.

אָנהייב פרילינג זײַנען אין די סעדער געקומען יונגע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס, ארומגעשניטן בא זיי די איבעריקע צווײַגלעך, מיט ליבע ארומגעצופּט אלץ, וואָס איבעריק איז, און געלאָזט זיי נעמען בליִען.

און פונקט דעמלט, ווען די ביימער זײַנען באשאָטן געוואָרן מיט ווײַסן פוך, און פארביקע קאדאָכעס-פייגעלעך (שמעטערלינגען) האָבן זיך פיבערהאפט געטראָגן פון בלימל צו בלימל, פונקט דעמלט האָט זיך דינע פאנאנדערגעוויינט:

— אזוי פיל מי און ארבעט אריינגעלייגט אין אייך, יונגע צווייגעלעך, און איצט דארף איך עס אָפּגעבן.

זי האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. זי האָט געוויינט, ווי איר געליבטער זאָל זי האָבן אמאָל אין דער יוגנט אָפּ־גענארט.

איר יוגנט איז שוין לאַנג פארשוואונדן. איר געליבטער האָט זי קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט. ער האָט מיט איר געבראכט אפ דער וועלט עטלעכע יינגלעך און מיידלעך, פונקט אזוינע געלבלעכע, ווי ער איז. געוויינט האָט זי איצט אפ איר ווייַנגאָרטן, וואָס זי האָט אין קאָלעקטיוו געהאט אָפּגעגעבן.

— ווייסט איר דען דעם פארגעניגן, ווען די ווייַנטרויבן ווערן פארטיק, און דו ליגסט זיך אונטער דייַן ווייַנשטאָק. ווילסטו, עסטו א גאנצן טאָג ווייַנטרויבן, ווילסטו ניט, איז אזוי ליגן אויך גוט. הייַנט וויפל געלט האָב איך פאראיאָרן געלייזט פאר ווייַנטרויבן?

דינע און איר מאַן זייַנען ניט קעגן קאָלעקטיוויזאציע. פארקערט, זייער ערד, פערד און מאשינעס האָבן זיי שוין לאַנג אָפּגעגעבן אין קאָלווירט. נאָר אָט דער ווייַנגאָרטן...

און דינע האָט געוויינט, און איר מאַן האָט געזיפצט. און פון ווייַנען און פון זיפצן איז זי אריבער צו מייַסים:

— ניין, — האָט זי באשלאָסן, — איך וועל מייַן ווייַנגאָרטן אָפּ־נעמען צוריק.

— וועט איר מוזן ארויסגיין פון ארטעל.

יאָ, זי איז גרייט אפ דעם אויך. דעם ווייַנגאָרטן וועט זי לאָזן פאר זיך, פאר אירע קינדער. אלנפאלס, האיאָר וועט זי אים ניט אָפּגעבן.

איז ווען די קאָלווירטניצעס האָבן זיך צונויפגעקליבן אינ־דערפרי אפ ארבעט אין די ווייַנגערטנער, האָט צו זיי דינע אזוי געזאָגט:

— הייַנט איז בא אונדז א פארזאמלונג, מוזן מיר וויסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן. איר דארפט וויסן, אז מיר ארבעטן

אומזיסט, די ווײַנגערטנער געהערנ דאָכ שוינ ניט צו אונדז. איז לאָמיר זיי ניט געבנ. פארוואָס האָט מענ די בעהיימעס אָפגעגעבנ צוריק?

אירע רייד האָבנ ארויסגערופנ א לעבעדיקנ שמועס צווישנ די פרויענ, איבער וועלכע זי איז געווענ בריגאדיר. אייניקע האָבנ מיט איר מאסקימ געווענ:

— גערעכט, די ווינאָגראדניקעס דארפ מענ צונעמענ צוריק.

אָבער כאווע אונ העניע האָבנ געהאלטנ, אז עס קאָנ אזוי ניט זײַנ.

— זײַנענ מיר ארײַנ אינ ארטעל, דארפנ מיר אָפגעבנ די ווינאָגראדניקעס אויכ...

די ארבעט איז געגאנגענ שוואכ. מע האָט מער גערעדט, ווי געארבעט. מע האָט נאָכ געדארפט פונ פיל ווײַנשטאָקנ ארויפנעמענ די ערד, מיט וועלכע זיי זײַנענ א גאנצנ ווינטער געלעגנ אײַנגעדעקט, ווי אינ קאָלדרעס.

האָט מענ אָפגעארבעט ביז וואָרעמעס אונ מע איז שוינ מער ניט געקומענ אפ דער ארבעט.

אינ דער היימ האָט דינע זיכ באגעגנט מיט איר אונטערגע־וואקסענער טאָכטער, מיט ראָכל דער קאָמיוגיסטקע. ראָכל איז אנ אקטיווע קאָמיוגיסטקע, פירט אָנ מיט א פיאָנער־מאנגע, ארבעט אינ דער לײַכטער קאוואלעריע, אָבער זי האָט ליב צו לאכנ, אונ לאכנ לאכט זי הארציק אונ קינדיש, פונ וואָס אי־רע באקנ אונ אויגנ ווערנ אָנגעצונדנ, ווי אירע אָראנזשעווע האָר.

זי האָט געוווסט פונ איר מוטערס ליידנ. זי האָט אָבער אויכ געוווסט, אז דאָס זײַנענ ליידנ פונ אנ אייגנטימערנ, קליינ־בירגערלעכע ליידנ. דער קאָמיוג איז איר טײַערער ווי אלע ווײַנגערטנער. האגאמ דאָכ האָט קלעמט א ביסל פונ קוקנ אפ דער מאמעס צאר.

איז אינ שטוב געווענ א טרויער. דער טאטע, דער קליינ־געוויקסיקער, איז ארומגעגאנגענ צעטראָגנ אונ האָט ניט גאָר

קלאָר געוווּסט, וואָס צו טאָן. דינע איז געווען פעסט אַף אָפּ-צונעמען צוריק דעם ווײַנגאָרטן. דאָס האָט זי אים אויסגעכאָ-וועט, ווי אַ קינד, זי מיט אירע הענט, וועלכע האָבן שוין פיל קינדער געבראַכט אַף דער וועלט. וויל מען אים בא איר צונעמען?

— ניין, מאַמע, קיינער וויל אים בא דיר ניט נעמען. דו קאָנסט בלײַבן אַן אינדיווידואַלקע. געדענק אָבער, מאַמע, עס וועט אויס-קומען אונדז טיילן די ווירטשאַפט, — האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט.

דינע איז געוואָרן אַן אויפגעצונדענע:

— וואָס? טיילן די ווירטשאַפט? דאָס וועט אַפן לעבן ניט זײַן.

אָבער אַ וואָרעם פון ספּייקעס האָט שוין געגומען פּרעסן איר מויעך. און וואָס — טאָמער? טאָמער טיילט זי זיך טאַקע אָפּ פון איר? פאַרלירט זי דעמלט אי איר טייל ווײַנגאָרטן אי אַ טאָכטער? ניין, ניין. זי וועט עס ניט דערלאָזן — שרײַט זי אין זיך מיט פאַרביטערונג.

דער פרילינג קומט אַלע באַגינען מיט אַ קלאָר אויסגעוואַ-שענער רויטער זון און באַזילבערט און באַפאַרבט נאָך אַ בוים און נאָך אַ בוים. און גרעזער, גרינע גרעזער, וואַקסן אונטן צווישן די ביימער, אַזוי געשווינד, אַז ס'איז ניט נאָכצויאָגן זיך נאָך זיי. די שטאַמען פון די ביימער זײַנען שוין באַקאַלכט, גרייט צו שוואַנגערן מיט רויטבעקלדיקע עפּל, מיט גוט שמע-קנדיקע באַרן, מיט זאַפטיקע, געלבלעכע פלוימען און מיט קאַרשן, און מיט וואָס ניט?

בא יעדן ווײַנשטאָק שטייען שוין אָרײַנגעשטעלט פון ביידע זײַטן צוויי שטעקנס, אַזוי ווי אַ וואַך. אָט וועלן פונעם שפּראָ-ציקל אין ווײַן-קוסט אַרופהייבן זיך ווייכע צווײַגעלעך, אַזוי ווי הענטלעך בא אַ יאָריקן קינד, און זיי וועלן גיך אַרומכאַפּן און אַרומהאַלדזן די שטעקנס פון ביידע זײַטן. און דערנאָך-דעם וועלן שווערע הענגלעך ווײַנטרויבן, ווי קליינע ווײַנאָנ־

געגאָסענע פּענכערלעכ, אראָפּגעהאנגענע און ארויסשמייכלענ צווישנ די גרינע בלעטער אזוי שעלמיש, אזוי רייצנד, אז ניט אָפּרײַסנ זיי און ניט אײַנבײַסנ זיכ אינ זיי מיט א זאפטיקנ ביס וועט זײַנ אומעגלעכ.

און ראָכל שמייכלט אויכ, ווי די ווײַנטרויבנ-הענגלעכ, צו דער מאמענ און ווינקט אונטער שעלמיש:

— מאמע, דער ווײַנגאָרטנ אינ קאָלווירט וועט דאָכ בלײַבנ א ווײַנגאָרטנ. דו וועסט אפּ אימ ארבעטנ. איז וואָס-זשע ארט דיכ, אז ער וועט צו דיר ניט געהערנ? גיב אימ אָפּ, מאמע, וועסט דאָג האָבנ אי א ווײַנגאָרטנ אי א טאָכטער...

בא דינענ ווערט דאָס הארצ צעריסנ אפּ שטיקער — אָפּגעבנ אָדער ניט? בלײַבנ באמ ווײַנגאָרטנ אָנ דער ליבער טאָכטער, אָדער ברענגענ א קאָרבנ, — יאָ, יאָ, א קאָרבנ — דעמ ווײַנגאָרטנ, און די טאָכטער זאָל ווי פריִער צו איר אזוי הארציק שמייכלענ?

און דינע האָט באשלאָסנ — זי האָט דעמ ווײַנגאָרטנ אָפּגעגעבנ אינ ארטעל.

ראָכל האָט מיט פרייד אָנגעזאָגט אירע כאווײרימ די גוטע פּסורע — די מאמע בלײַבט אינ ארטעל.

● ●

מיט הײַנטיקע אויגן

איציק פעפער

★

אָט גייט שוין, אָט איז שוין
דער דרײַצנטער מײַ,
ער שפּאַנט ניט באַזיגט,
ניט געבויגן,
ער שפּאַנט און ער פּאָדערט אַף אַלץ
און אַפּסנײַ
אַ קוק טאָן מיט הײַנטיקע אויגן...

אַ מעסט טאָן מיט הײַנטיקע אויגן דאָס לאַנד,
און לאָזונגען הייסע אַ לאָז טאָן אין גאַנג,
אַ לאָז טאָן אין דאָמנעס, ווו ס'זידט דער טשוהון,
אַ לאָז טאָן אין הייכן, ווו ס'קאָכט זיך די זון...
אַ לאָז טאָן אַ לאָזונג אין שטאָט און אין פעלד,
אַ לאָזונג אַ לאָז טאָן דער גאַנצער וועלט...

אָט שפּאַנט אַף די שליאַכן
אַ ריי נאָך אַ ריי:
איינס, צוויי! איינס, צוויי!
פּטאַשעטשקע, פּטאַשקאַ, סאָלאָוויי!
לאָמיר די שווערדן שאַרפן!
מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט קיין לידער פון שניי,
פּלאַקאַטן אַף בראָנזע מיר דאַרפן...

דאָס דרײַצנטע יאָר נאָכ אָקטיאַבער שױנ שפּאַנט,
דער דרײַצנטער מײַ אינעמ לעבינשנ לאַנד,
אונ ס׳איז שווער אונ ס׳איז נײַ,
אונ זעט, ווי ער פרייט זיכ, דער דרײַצנטער מײַ...
הערט, ווי עס קלינגט זײַנ מעטאַלישע שטימ:
וואָס מאַכנ די שאַכטעס דאָנעצער?
וואָס מאַכנ אוקראַינער?
ווײַסרוסלאַנד?
אונ קרימ?
די וועלדער?
די סטעפּעס?
די פּלעצער?

עס שפּאַנענ די פעלדער א ריי נאָכ א ריי:
איינס, צוויי! איינס, צוויי!

עס שפּאַנענ די פעלדער אינ פלאַנ פונ פאַרזיי,
זאַוואָדנ — אינ שפּאַנ פונ געוועטנ,
אונ ס׳לייגנ זיכ הרודעס אפ פעלדער צעזייט,
ווי שורעס פונ הייסע דעקרעטנ...

מיט הײַנטיקע אויגנ א קוק טאָנ אפ אַלצ:
אפ לידער, אפ מיידלעכ, אפ בימעס...
אפ ריזיקע שאַכטעס פונ קוילנ אונ זאַלצ,
אפ זשומ פונ פאַרשאָלטענעמ פּרימוס...

מיט נאַקעטע אויגנ ארויס אינ די שטעט,
אָנ ברילנ! אָנ ברילנ איז בעסער,
אונ ווענענ מע דאַרפ, דאָ איז שענקענ א גלעט,
אונ ווענענ מע דאַרפ — איז א מעסער...

איז ווער האָט די יאָרן צעווייט אפֿן ווינט,
אין צימער, אין וויַן און אין טרויער,
און ווער האָט די שענסטע מאנדאטן פארדינט
אפ רופן זיך פּאָשעטע בויער...

ענטפערן פעלדער מיט פעטן פארזיי,
שטאָטישע רויכן, וואָס פאלן ווי שניי,
ענטפערן האמערס פאר אונדז און פאר זיי,
און בויער, ווי פּאָלקן,
א ריי נאָך א ריי

איינס! צוויי!
איינס! צוויי!

● ●

אפּן גרענעץ

ראָכעלע בוימוואָל

★

ווען אפּן גרענעץ באַקוקט האָט מען זאַכן,
האָט זיך מיר זייער געגלוסט דאַן צו לאַכן:
זיי ווייסן ניט, אָט די, וואָס זוכן בא מיר,
וואָס איך האָב באַהאַלטן באַ זיך און איך פיר.

א פּיצעלע מאָסקווע, א ברעקעלע פונק...
און איינער צום צווייטן געטאָן האָט א ווונק:
„נו, קום שוין אַוועק, ס'איז דאָ גאָרניט פאַראַנען",
און זיי האָבן ווײַטער גענומען זיך שפּאַנען.

און איצטער בין איך שוין אין ריגע, און דאָך! —
מײַן פונק פיר איך מיט, און מײַן פונק פיר איך נאָך.
מײַן פונק איז אין הארצן, מײַן פונק איז אין קאָפּ...
און ס'רינט מיר פון וויִעס א פונק־העלער טראָפּ.

— היי, גאַסן פון לעטלאַנד! היי, הײַזער פון ריגע!
איך בין דאָך פון מאָסקווע. איך בין ניט קיין היגע.
איך בין דאָך געקומען צו אײַך פון דער „פרעמד", —
איז נאַט אײַך דעם פונק פון מײַן הארצן און נעמט.

און וועט איר זיך אָנצינדן פײַערדיק, העל,
וועל איך דאַן ארויסגיין אנטקעגן אפּ שוועל
באַגריסן מיט העלקײַט פון פײַער, פון פלאַם, —
צעשטורעמטע כוואַליעס אין באַלטישן יאַם!

● ●

ס׳איז שוינ קלאָר

איציק פעפער

★

ס׳איז שוינ קלאָר נאָכ די יאָרנ פונ זיג,
ס׳איז שוינ קלאָר אונ באשטעטיקט:
א צוג, ווענ ער קומט אפ א בריק,
ווערט ער מיט שטילקײַט געזעטיקט.

א צוג, ווענ ער קומט אפ א בריק,
גייט ער וואָגיק, פארטראכט אונ פאמעלעכ,
אונ שפּרייט זײַנע רינגיקע רויכנ אפ וואסערלעכ העלע,
אונווארפט זײַנע רינגיקע רויכנ
אפ כוואַלישע טעלער.

ס׳איז שוינ קלאָר פאר דער אויגיקער וועלט
אונ אפילע פאר בלינדע:
א צוג, ווענ ער קומט אפנ פעלד,
גייט ער שטענדיק געשווינדער;
א צוג, ווענ ער קומט אפנ פעלד,
איז מיט רויש אונ מיט ראש אונ מיט ווילדקײַט,
אונ ווארפט זײַנע ראשיקע רויכנ אפ פעלדישער מילדקײַט,
אונ ווארפט זײַנע רויכיקע וואָלקנס
אפ ווייצענער שטילקײַט...

ס׳איז שוינ קלאָר פונעמ אײַז-יאמ ביז דניעפער,
ס׳איז שוינ קלאָר אונ באוויליקט:

א צוג, ווענ ער גייט אינ א סטעפ
אפ די רעלסנ פונ פרילינג,
פליט ער נאָכ הייסער אפ סטעפישנ רוקנ,
האָט ער קיינ צייַט ניט די רעלסנ באקוקנ.

מיט אויגנ מיט גרויסע,
מיט רויטע לאמטערנעס,
צי ליגט
אפ די רעלסנ
א נעכטיקער שטערנ,
צי ליגט
אפ די רעלסנ
א הייַנטיקע שטערונג,
אנ אלטע נעוויילע,
א בינטפ מיט בלומענ, —
דער צוג ווייסט פונ יאָגנ,
דער צוג ווייסט פונ קומענ!

וויי צו די אלע,
די אלע, וואָס שטערנ
דעמ צוג זיכ באוועגנ
אונ ליגנ אפ זייַנע געשוואָרענע וועגנ!
ער וועט זיי צעמאָלנ
דער צוג
דער גערעכטער,
ער וועט זיי צערייַבנ
מיט זאפט אונ מיט בלוט,
אפ די פעלדער באשרייַבנ,
פארשרייַבנ,
פארקריצנ
אפ רעלסנ אפ ווייַטע,

אפֿ רעלסן אפֿ קאַלטע:
אָט דער האָט דעם יאָג
פֿון די רעדער
פֿאַרהאַלטן!..

און ווידער די ווערסטן, די סטעפּישע, שלינגען
און לויפֿן נאָך הייסער און לויפֿן נאָך שנעלער,
און וואַרפֿן די רויכן, ווי שטאָלענע רינגען,
אפֿ ווײַצענער שטילקייט,
אפֿ כוואַליִשע טעלער.

• •

4-טער
טייל

דער טויבער

ד. בערגעלסאָן

★

(אַ בילד)

באַם ביק אין קאָנטאָר.

עסטער: (טוט אַ שפּאַנ נעענטער צו מענדלען) איך בין... איך בין אײַך... איך בין דיר געקומען זאָגן...

מענדל: (שטייענדיק צו איר מיט אַ זײַט) דײַן טאַטן האָט מען ניט אָפּגעזאָגט, ער איז געבליבן אַרבעטן אין מיל, כאָטש ער איז שוין אַלט, ער איז טויב ווי אַ שטיק האָלץ, ער הערט אַפילע ניט, וואָס מע רעדט צו אים...

עסטער: מײַן טאַטע?.. מײַן טאַטע איז אַלט... יאָ. ער אַרבעט שוין דרײַ און צוואַנציק יאָר, ער איז טויב געוואָרן דאָ אין מיל צווישן די מאַשינעס, שלעפּנדיק די שטריק פון דער הייב-מאַשין... איך הער שוין, זאָגט ער, ניט מער ווי דאָס וואָרט סטאָפּ, סטאָפּ...

מענדל: (לאַכט) כאַ־כאַ־כאַ, סטאָפּ, סטאָפּ...

עסטער: נאַר, אַז דו, זאָגט ער, רעדסט צו מיר, הער איך. ווי שמאַטעס הענגען באַ אים זײַנע אויערן אין ביידע זײַטן. (קוקט זיך אַרום) ער האָט שוין עפּעס דערשמעקט... ער פילט.. ער קומט צו מיר אָפט נאָך דער אַרבעט אין־אָוונט אין קיך אַרײַן, וווּ איך שטיי באַם אויוון און קאָך. ער זיצט דאָרט לעבן מיר אַף אַ בענקל. עסטער, זאָגט ער צו מיר, איך האָב געהערט, עס שאַדכנט זיך צו דיר יוליק דעם פאַרבערס, אָט דער, וואָס עס שפּילט אַף אַ פידל... יוליק, האָב איך צו אים אין טויבן אויער אַרײַנ־

געשריִען, — יוליק האָט זיך אַרײַנגענומען אַ מעשוגאַס אין קאָפּ אַרײַן — דעם פידל. און נעכטן אײַנאָוונט איז ער ווידער באַ מיר געזעסן. איך האָב אים געשטופּט אַ הייסע געבאַקטע קאַרטאָפל אין האַנט, ער האָט אָפּ מיר געקוקט מיט זײַנע גרויסע אויגן... אָפּאָנעם געוואָלט זאָגן אַ נײַטיק, זייער אַ נײַטיק וואָרט. יאָ, האָט ער געזאָגט — דעריקער זאָל דיר דײַן קאָפּ ניט פליִען אין דער לופט, אָ!.. (געענטער צו מענדלען) ער טאָר ניט וויסן גאָרנישט, גאָרנישט... אין קיין פאַל ניט, אין קיין פאַל ניט...

מענדל: וואָס, ווער, וועגן וואָס טאָר ער ניט וויסן?

עסטער: אַז איך טראָג, איך טראָג פון דיר...

מענדל: (ווײַזנדיק מיטן פינגער) דו פון מיר?

עסטער: (פאַרטראַכט, ניט קוקנדיק אָפּ אים) אַ טאַכלעס געמאַכט פון מיר...

מענדל: ווער?

עסטער: דו און דײַן טאַטע... וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? האָסט מוירע, עס וועט דיר כאָלילע שאַטן?.. דיר און דײַן טאַטן שאַט קיינמאָל גאָרניט... אַ דינסט, צו וועלכער דעם באַלעבאָס זונדל איז מיט גוטע ריידעלעך געקראָכן נאַכט באַ נאַכט, ווען זי איז געשלאָפן, מיד פון שווערער אַרבעט. גלאַט אַזוי געקראָכן... נו יאָ, אַ שיין מיידל אין שטוב, אַ יונגער באָכער... איז וואָס קומט אים דען דערפאַר?

מענדל: נו, און כוץ מיר? איך ווייס מיט וועמען דו האָסט דיר דאָרט געהאַט צו טאָן כוץ מיר?..

עסטער: אָט-אָט-אָט... דאָס קאָל דײַנס... דײַן טאַטנס... דײַן מאַמעס, דאָס עמעסע קאָל... (דערזעט פלוצעם די אַרבעטער, וואָס קומען אַרײַן — גייט אײַליק אַרויס)

מענדל: (דערזעט די אַרבעטער, וואָס קוקן אָפּ אים) **טפו!..** (פאַרשווינדט)

אַרבעטער: אָט פאַרוואָס מען האָט דעם טויבן ניט אָפּגעזאָגט.

ארבעטער: (גייענ אַרײַנ מיטנ טויבנ) דאָ איז זי געווענ, דײַנ עסטער, דאָ, דאָ...

טויבער: (בעט זיכ בא די ארבעטער מיט די אויגנ, מאכט מיט די הענט) ווו? .. וואָס איז דאָ געווענ? .. וואָס איז דאָ געשענ? ..

(די ארבעטער טרעטנ אָפּ. פונ דער טיר דערנעענטערט זיכ צו אים יאָסע־לע באָבצעס)

יאָסעלע: (שרײַט צומ טויבנ אינ אויער אַרײַנ) ווערסט א מעכוטנ, דו, דעמ ביקס א מעכוטנ...

דער טויבער: (פאַרוווּנדערט) יאָ, יאָ...

יאָסעלע: (ווײַזט מיט די הענט) דעמ ביקס א מעכוטנ.

טויבער: (שמייכלט) לאכסט, יאָסעלע, לאכסט... מאכסט כוי־זעק... דער ביק, איכ קענ אימ גוט, קענ איכ אימ, דעמ ביק מיט זײַנ בענ, א שפּילכל? .. כ'האָב געהאט א ווײַב, סאָרע, לעשאָלעמ, זי האָט געטראָגנ הינער צומ ביק.

יאָסעלע: אונ הענער...

טויבער: באמ ביק מאכט מענ יאָנטעוו... מענ עסט קוילעטש, קאטשקעס, געבראָטנס, דער ביק וויס וואָס גוט איז. אונ באמ אויוונ שטייט דאָרט עסטער, מײַנ עסטער, קאָכט אונ באקט...

יאָסעלע: אונ שלאָפט...

טויבער: קאָכט אונ באקט...

יאָסעלע: אונ שלאָפט...

טויבער: נו, שוינ דרײַ אונ צוואנציק יאָר, אז איכ ארבעט אפ אימ, טויב בינ איכ בא אימ געוואָרנ (ווײַזט אפ די אויערנ). איכ הער ניט, סע מיר א ביזויענ, נאָר אמאָל, אז זי, עסטער, רעדט צו מיר, הער איכ (שמייכלט). זי, עסטער, א? עסטער?

יאָסעלע: (מאכט מיט די הענט) זי האָט אימ ליב.

טויבער: (קוקט אפ אימ)

יאָסעלע: זי, דײַנ עסטער, האָט ליב אימ, דעמ ביקס בענ, מענדלענ! „

טויבער: לאכסט, לאכסט, לאכסט, א?..
יאָסעלע: (מיט די הענט) זי טראָגט פון אים!..

(טויבער קוקט אף אים, זײַן פּאָנעם גייט איבער פון שמייכלענ אין קאַס. יאָסעלע רוקט זיך אָפּ אין שרעק צו דער וואנט, טויבער רוקט זיך נאָך אים...)

יאָסעלע: שטילער, דער ביק וועט דערהערן, דער ביק...
טויבער: דער ביק איז מײַן סוינע... איך בין אים טאקע מעקאנע, דעם ביק, שטענדיק בין איך אים מעקאנע. ער איז מײַן סוינע, קום אהער, קום אהער... ווען מען דער־הארגעט דעם ביק, וואָלט איך געווען פריילעך... יאָ, יאָ, איך וואָלט געווען פריילעך... נו, און ווען איך... ווען איך אליין... (כאפּט יאָסעלען פארן האלדז, ווארגט אים)

יאָסעלע: ...א־א־א ...
טויבער: (לאָזט אים אָפּ. אָפּעטעמענדיק שווער) נא, סטאָפּ, סטאָפּ... די געבליטן זײַנען מיר ארײַן אין קאָפּ. איך שלאָף ניט באַ־נאכט, איך שלאָף ניט... (לאָזט זיך גיין)
ארבעטער: (צו יאָסעלען) נו, רעב יאָסל, מיר גייען אוועק. מיט אײַך, האָפּ איך, וועלן מיר זיך זען אף אן אנדער אָרט. מיר וועלן נאָך ריידן, רעב יאָסל...
יאָסעלע: מיט מיר? וואָס ווילסטו מיט מיר ריידן? נו, נו, רעדט צום אווטאָמאט...
ארבעטער: אווטאָמאט, אווטאָמאט... געארבעט האָבן מיר דאָ פערציק ארבעטער, איצט האָט מען אונדז צוואנציק אר־בעטער אין איין פרימאָרגן ארויסגעוואָרפן אף דער גאס, איר זײַט געבליבן, איר זײַט אויך אן ארבעטער, איר זײַט א קאָנטאָרשטשיק.
יאָסעלע: (מיט כוויזעק) איך?.. איך?.. אכצן רובל א כוידעש, אכצן, אכצן...
ארבעטער: דאָס האָט איר אונטן ארומגערעדט מיט זיי, זיי זאָלן זיך שטעלן צו דער ארבעט. איר מיינט, מיר ווייסן ניט? מירן נאָך ריידן מיט אײַך, רעב יאָסל.

יאָסעלע: אָט איז דאָך דאָס צעטל פון די אָפּגעזאָגטע, מע האָט מיך אויך געהאט אָפּגעזאָגט, מיך אויך, מיך אויך...

(ארבעטער טוט א כאפּ דאָס צעטל, צעקנייטשט עס אין האנט, גוט עס א שלײַדער. ארבעטער גייען אָפּ).

יאָסעלע: (הייבט אוף דאָס צעטל) קנאקערס... קאפּיטאליזם, שמאַ־פּיטאליזם...

(עס דערהערט זיך א לאנגער זייער אומרויִקער פײַף. די טיר עפנט זיך ברייט פאנאנדער, מע טראָגט ארײַן דעם טויבן. פון מיטן ראָד דער־הערט זיך קוילעס: „אראָפּגעפאלן פון דער הייב־מאשין!.. ער לעבט! ער לעבט!..“ אין טיר באווײַזט זיך עסטער מיטן שאל אפן קאָפּ. מע מאכט איר א וועג)

עסטער: דער טאטע, ווו דער טאטע?.. (זי גייט צו צום פאָטער, טוט א פאל צו זײַנע פיס, הייבט אוף ביידע הענט, אָנווײַזנדיק אפן ביק מיט זײַן זון)

עסטער: איר... איר... אלץ איר!..

● ●

הירש לעקערט

א. קושנירעוו

★

(שלוס־סצענע)

דער פּלאַץ באַם צירק. אַן אוילעם שטויסט זיך לעבן די אַרויסגאַנגעגאַנגענע אַפּישן. מאַלקע לעקערט דרייט זיך דאָ אום, ווי זי וואָלט עמעצן זוכן. מאָטל עסרעג מיט זײַן פרוי גייען אין צירק. דאָס יינגל פּלאָנטערט זיך בײַ אַלעמען אונטער די פיס.

גאָראָדאָוואָי:

אוועק! אוועק! צעגייט זיך.

יינגל:

נאָר ער טרײַבט...
ער ווייסט נאָר טרײַבן, מערער גאָרנישט, ניט,
וואָס אַרט אים, דאַכט זיך, אַז מע שטייט און קוקט...

עסרעג:

א היץ אין באָד, ער מוז דאָ, נעבעך, שטיין,
אָן אים וועט זיך די שפּיל דאָ ניט באַגיין...

יינגל:

די שפּיל וואָלט זיך באַגאַנגען אָן אײַך אויך.

פרוי עסרעג:

א צינגעלע אַף שרויפּעלעך בײַ אים.

יינגל:

מער שרויפּעלעך, ווי זי פאַרמאָגט אין קאָפּ.

עסרעג:

דו וועסט פון אים דערהערן עפּעס רעכטס,
א טאַכשיטל! אַן איידל קינד! א גאָלד!

יִינגל:

וואָס האָב איך וואָס צו ריידן מיט א יאָלד!

עסרעג: (וואַרפט זיך, ווil כאַפּן דאָס ייִנגל)

דו וועסט בא מיר אוועקגיין אָן א קאָפּ.

ייִנגל: (לויפט אָפּ)

און איר זײַט אָן א קאָפּ אהער געקומען.

עסרעג:

(כאַפּט דאָס ייִנגל פאַרן אויער)

אָט וועל איך דיר, אָט וועל איך, שייגעץ, דיר...

ייִנגל:

איַי, איַי, לאָזט אָפּ, לאָזט אָפּ, לאָזט אָפּ!..

מאלקע:

(רײַסט ארויס דאָס ייִנגל פון עסרעגס הענט)

וואָס האָט איר צו א ייִנגל, לאָזט אים אָפּ.

פרוי עסרעג:

ער האָט פאַרדינט, אים קומט!.. אים קומט נאָך מערער,

ער זאָל ניט ריידן מער אזעלכע רייד.

עסרעג:

וואָלט מען זיי קליינערהייט געלערנט דערעכערעצ,

וואָלט מען פאַרשפּאָרט זיי שמײַסן גרויסערהייט.

(אָפּ אין צירק)

מאלקע:

א וויסט, א פינצטער יאָר!

וואָס שיט איר נאָך מיט זאלצ אָפּ פרעמדע ווייטעק.

ייִנגל:

זיי רייצן זיך, זיי קוועלן אָן...

גאָדאָוואַי:

אוועק! אוועק! אוועק! צעגייט זיך!..

מאלקע:

מע טרײַבט הײַנט טאקע מער, ווי אלעמאָל.

יִינגל:

דער טײַוול האָט געבראַכט דעם גובערנאַטער...

מאלקע:

וואָס רעדסטו! אויב דער קאַט איז איצטער דאָ,
איז טאַקע גלײַכער האַלטן זיך וואָס ווײַטער.

יִינגל:

וואָס האָב איך מוירע! צעלאָכעס גאָר
וועל איך דאָ אומגיין, זאָלן זיי מיך יאָגן...
ווען איך זאָל זײַן כאָטש עלטער אַפּ אַ יאָר,
וואָלט מען אַ טויטן אים פון דאָרט אַרויסגעטראָגן.
(אָפּ. עס קומט לעקערט, טרעפט מאלקען)

לעקערט:

וואָס טוסטו דאָ?

מאלקע:

אָט... דיך געקומען זוכן...

לעקערט:

וואָס האָסטו וואָס צו זוכן מיך —
איך וואָלט אַליין דעם וועג אהיים געטראָפן.

מאלקע:

דו האָסט פאַרגעסן, אַז דו האָסט אַ היים,
עס טראָגט דיך אום פון זינט דו ביסט געקומען —
נאָר גאַס און בירזשע, בירזשע נאָר און גאַס,
איך האָב קיין גליק ניט זען דיך אויך אין שטוב
און זאָט מיט דיר זיך אָנריידן.

לעקערט:

גיי, מאלקע,
גיי בעסער איצט אהיים... כ'וועל קומען גיך.

מאלקע:

ניין, קום מיט מיר...

לעקערט:

איך קאָן ניט איצט אוועקגיין...

מאלקע:

וואָס האָסטו וואָס צו טאָן אצינדער דאָ...
דו הערסט דאָך, דאָרטן זיצט דער גובערנאַטער,
און דאָ מוז זײַן מיט אויגן אויף די גאסן —
מע וועט דיך אויסשפּירן, מע וועט דיך ווידער כאַפּן
און ווידער דיך פאַרשיקן...

לעקערט:

האָב ניט מורא...
ס'וועט גאָרנישט ניט געשען —
און ערגער, ווי עס איז, וועט שוין ניט זײַן...

מאלקע:

דו גייסט אוועק...
דער מאַמעס מילך ווערט אין מיר אַנטרונען,
דאָס האַרץ פאַלט אָפּ פון שרעק...
קום, הירשל, קום אַצינד, ניט צוליב מיר,
צוליבן קינד, וואָס דאַרף אַפּ וועלט ערשט קומען...

לעקערט:

הערסט, דו! דו זאָלסט מיר אין מײַן וועג ניט שטיין...
אַניט, געדענק, מיר וועלן שטאַרק זיך קריגן...
אַ ווײַב קאָן זײַן די פליגל פונעם מאַן,
און דו ווילסט זײַן אַ שטיין אַפּ מײַנע פליגל...
ניט וויין, מע דאַרף ניט, קום אַהער, ניט וויין...
מיר וועלן זיך נאָך אָנריידן... ניט הײַנט, איז מאָרגן...

(שמייכלט געצוווּנגען)

אויב אַלע וועלן זיצן אין דער היים,
נו, ווער וועט דעמלט פאַר דער וועלט זיך זאָרגן...

מאלקע:

(שמייכלט אויך דורך טרערן)

באַזאָרגער דו... מיך אויך... מיך אויך צעלאַכט,
עס גייט מיר אָפּ נאָר לאַכן... צאָרעס מײַנע זיסע...

לֿ ק ע ר ט : (צארט)

גיי, מאלקע, גיי אהיים... כ'וועל קומען גלײַך,
איך דארף דאָ נאָך פארהאלטן זיך א ביסל.

(מאלקע גייט אוועק ניט אנטשלאָסן. לעקערט קוקט איר נאָך, רײַסט זיך אוף דעם קאָלנער)

ווי פײַער וואָלט בא מיר אָט דאָ געברענט...
ווען... כאָטש א ביסל דורכנעצן דעם האלדז.

(וויל גיין. קערעוועט זיך צוריק אויס צום צירק)

פאָנ־וואל! וועסט ניט אוועק פון מײַנע הענט,
איך וועל נאָך הײַנט דיך אָפּלייגן אפ קאלט...

(אָפּ. די בינע פוסט. עס קומען סאָניע, שיינע, סענדעראצקי. קוקן זיך אום, זוכן)

ס ע נ ד ע ר א צ ק י :

ניטאָ... ווו קאָן ער זײַן?

ש יי נ ע :

נמיך וווּנדערט שטארק,
עס קאָן ניט זײַן, אז הירשל זאָל אוועקגיין
און איבערלאָזן דאָ זײַן פאָסט...

ס אָ נ י ע :

ניט אנדערש, עפּעס האָט מיט אים געטראָפן...

ס ע נ ד ע ר א צ ק י :

די עלפטע שאָ. ער האָט באדארפט דאָ זײַן...

ס אָ נ י ע :

גיי, סענדעראצקי, טו א זוך און פרעג,
צי האָט אים ערגעץ פײַוול ניט באגעגנט...

(סענדעראצקי אָפּ)

ש יי נ ע :

כ'וועל אויך א זוך טאָן גיין... און איר ווארט דאָ.

(אָפּ נאָך סענדעראצקין, עס קומט אָן לעקערט, עטוואָס פריילעכער, אופגערעגטער)

לעקערט:

נו, סאָניע... נו, וואָס הערט זיך עפּעס גוטס?

סאָניע:

מיר וואַרטן שוין אַף דיר מיט אומגעדולד...
איך בין געשטאַנען פֿון פֿאַרנאַכט באַם פּאַלאַץ
און שיינע שטייט די גאַנצע צײַט באַם פּאַרק,
מיר ביידע האָבן אים געזען — פּאָן־וואַלן,
ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים...
וווהין ער איז געפֿאָרן, ווייסט ניט קיינער,
ער האָט ביז איצט זיך נאָך ניט אומגעקערט.

לעקערט:

און וועט שוין מער ניט אומקערן זיך... יאָ!
אָט דאָ וועל איך אים פּאַקן הײַנט דעם העכט...

סאָניע:

ער איז אין צירק?

לעקערט:

דו הערסט, מע פּאַטשט דאָרט „בראַוואָ״ —
אָט דאָס באַגלייט מען אים אין דר׳ערד אַרײַן.
(הייבט אָן פֿריילעך אונטערצווזינגען, בייגט זיך נאָענט אָן צו סאָניען)

סאָניע:

וואָס איז מיט דיר? האָסט אויסגעטרונקען? הירשל!

לעקערט:

אַ ביסל דורכגענעצט... נאָר האָב קיין מוירע ניט,
מײַן האַנט וועט ניט קיין ציטער טאָן...
(נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער)
אָט זע, ווי פֿעסט איך האַלט אין האַנט זײַן טויט.

סאָניע:

ביסט צופֿיל אויפֿגערעגט, ביסט צו צעהיצט!
איך האָב פֿאַר דיר איצט מוירע... הער מיך אויס...
גיב, איך וועל דאָ פֿאַרבלײַבן אַף דײַן אָרט.

איך וועל דאָס אָפּטאָן גוט אזוי, ווי דו,
גיב, הירשל, מיר דעם רעוואָלווער...

לעקערט:

א נאר גיט אָפּ א שעפּל פון דער באָד...
ניין, איך וועל איצט מיט אים זיך ניט צעשיידן...
ער איז מיר טייערער אצינד, ווי טאטע-מאמע,
דאָ איז מיין לעבן און מיין טויט צוזאמען.

סאָניע:

שווייג, שווייג! גיב מיר דיין רעוואָלווער...

(עס קומען צוריק סענדעראצקי און שיינע. לעקערט דערזעט זיי, ווענדט זיך צו אלע דריי שטארק אופגעבראכט)

לעקערט:

גייט אלע איצט אוועק...
איך בעט אייך, גייט אוועק פונדאנען אלע,
אויב עמעצער דערזעט אייך איצט מיט מיר,
וועט איר דערנאָכדעם אויך א קאָרבן פאלן.

סאָניע:

און זיך איז ער שוין מאפקער...
זיך, הייסט, מעג ער שטעלן אין סאקאָנע —
ניין, כ'וויל ניט... כ'וויל ניט... קום אוועק דו אויך...
צו טייער וועט אונדז קאָסטן די נעקאָמע...

שיינע:

(צו סאָניען)

וואָס רעדט איר!.. אָפּטרעטן קאָן איצט קיין
רייד ניט זיין!
ער איז אין צירק? איז איצט די רעכטע צייט,
די סאמע רעכטע צייט איז איצט געקומען...
וועל איך פארבלייבן דאָ... דו, הירשל, גיי אוועק,
ביסט ניט אליין. דו האָסט א ווייב, א קינד,
און איך האָב איינצושטעלן נאָר מיין קאָפּ.

לעקערט:

אָט דאָ איז היינט מיין אָרט... נו, טראָגט זיך אָפּ,
ביזוואַנען איר האָט ניט אי מיך אי זיך פאַרשאָטן.

סענדעראַצקי:

הער, הירשל, כ'ווייס, דו ביסט גערעכט... גערעכט...
איך וואָלט דאָ אויך מיין אָרט ניט אָפּגעטראָטן...
נאָר זאָג! האָסט רעכט זיך איינצושטעלן מער,
ווי מיר?
האָסט רעכט?.. איז גיי אַוועק, אַניט וועל איך
דיך נייטן...

לעקערט:

איר וועט אַוועקגיין באַלד?.. איר גייט אַוועק?..
אויב ניט, וועט איר מיך האָבן דאָ א טויטן.

(טראָגט אונטער דעם רעוואָלווער צום שלייף. סאָניע, שיינע, סענדעראַצקי טרעטן אָפּ שווייגנדיק. פון צירק דערהערט זיך א טומל, און אוילעם שטופּט זיך פון דאָרט. לעקערט וואַרפט זיך צום צירק)

גאָראָדאָוואָי:

אַוועק! אַוועק! צעגייט זיך!

נאַזימאָוו: (באַווייזט זיך אף די טרעפּ פון טיר)

טרייב! טרייב! עס זאָל איצט קיינער דאָ ניט שטיין!

(פּוסט. אָנגעשטרענגט שטיל. פאַרגליווערטער
גאָראָדאָווּאָי. פאַרגליווערטער נאַזימאָוו. פאָן־וואַל
ארויס פון צירק באַגלייט דורך זיין סוויטע,
בלייבט שטיין אפן אונטערשטן טרעפּל. קוקט שטום)

פאָן־וואַל:

באַרויקט, דאנקען גאָט, די שטאָט!

לעקערט: (שפּרינגט ארויס פון באהעלטעניש)

נאָך ניט איינגאַנצן רויק, ווי דו מיינסט!..

(שיסט. פאָן־וואַל פאַלט, פּינצטער. שטאַרקער געלויפ. ווען די ליכט צינדט זיך אָן, ליגט פאָן־וואַל אף די טרעפּ פון צירק. דער דאָקטער בינדט איבער די האַנט, נאַזימאָוו איז נאַרוואָס צוגעלאָפן א פאַרסאָפּעטער)

נאזימאָוו:

גערכאפט אים, איַיער עקסעלענץ! א ייִד! אנ ארבעטער!

פאָנ־וואָל:

(מיט פארכאפטנ אָטעם פרוווט זיכ אופהייבנ)

אנ ארבעטער...

אזעלכע דרייסטע צווישנ זיי פאראנ!?..

באווייַזט מיר אימ אהער!..

(מע פירט צו לעקערטנ. פאָנ־וואָל קוקט אפ אימ מיט שטומענ שרעק. די, וואָס האָבנ געבראכט לעקערטנ, גיבנ איבער באגאלייענ לעקערטס רעוואָלווער. באגאליי קוקט מיט שרעק אפנ רעוואָלווער. באהערשט זיכ. צילט דעמ רעוואָלווער אפ לעקערטנ).

באגאלײ:

דערשיסנ ווי א הונט!

פאָנ־וואָל:

ניינ, ניינ, א שאָד... א שאָד אימ אָפּצונעמענ בא דער טויט...

(שטומע פאוזע)

פירט אימ אוועק... ניינ, ווארט! דו זעסט... איכ לעב! איכ לעב!

זאָלסט דאָס געדענקענ, ווענ מע וועט דיכ הענגענ...

לעקערט:

(רויִק, דרייסטער)

עס לעבנ טויזנטער אונ טויזנטער, ווי איכ,

זאָלסט דאָס געדענקענ, וויפל דו וועסט לעבנ...

● ●

ניט געדײַגעט!

פ. מארקיש

★

א בילד

באַ מענדלען אין שטוב. מענדעלעכע לערנט זיך שרײַבן. מענדל רײניקט דאָס װיגעלע.

מענדעלעכע: זע, מענדל, אזוי שרײַבט מען א מעם?

מענדל (רײניקט און זינגט שטילערהײט). אײַ־אײַ טויבן פאָרן, אײַ-אײַ טויבן פאָרן, קומט צו מיר צוריק צופליִען, יונגע מײַנע יאָרן! די מעם, פרעגסטו, מענדעלעכע? די מעם? און וואָס זאָגסטו עפּעס אָפּ אונדזער וויגעלע? נאָך גאָר א ווײל וויגעלע... אײַ־אײַ טויבן פאָרן, פאָרן...

מענדעלעכע: וואָס עפּעס פּלוצעם דאָס וויגעלע? מענדל! קום נאָר אהער, זע די מעם...

מענדל: נאָך גאָר א וואַזשנע וויגעלע! וואָס זאָגסטו, מענדעלעכע? אײַ־אײַ טויבן פאָרן...

מענדעלעכע: וואָס ווילסטו, זאָל איך זאָגן? א וויגעלע, ווי אלע וויגעלעך...

מענדל: (זינגט) אײַ ווערטײַטעס, אײַ ווערטײַטעס גאָדא מאָלאָדאיא... סע ווײַזט אויס, מענדעלעכע (זינגט בודיאָנעס מארש) — ס'ווײַזט אויס, אז מירן שוין דאָס וויגעלע, טרעבא בולע שאנוּוואטע, — ניט באדארפן...

מענדעלעכע: דארפן, ניט דארפן! מער ליגט דיר ניט אין קאָפּ; אבי ער האָט זיך צעזונגען!

מענדל: סע זינגט זיך עפּעס, מענדעלעכע... שוין ניט פאר אונדז, זינגט זיך... פאר סאָרציניון...

מענדעלעכע: (גיט זיך א כאפ) טאקע נאָך גאָר א גוט וויגע־לע...

מענדל: סע דערמאָנט מיר, דאָס וויגעלע, אין די יונגע יאָרן... און איך גיב זיך מיר א רעכן איבער, וואָס מיר זיינען דאָ אויסגעשטאנען! ברינעמער און טריקענישן און פאר־טריקענישן און היישעריקן און...

מענדעלעכע: היישעריקן! אקוראט ווי דו האָסט זיי געזען, די היישעריקן!

מענדל: ווי האָב איך זיי געקאָנט זען, די היישעריקן, אז איך האָב געשריגן!

מענדעלעכע: מע זאָגט, אז זיי גייען פונעם כומעש, די היישעריקן, ס'זאָל טאקע זיין אן עמעס?

מענדל: אלע היישעריקן גייען פונעם כומעש! פאוואָלי, מענ־דעלעכע, קריץ ניט אזוי מיט דער פען! זע נאָר וואָס פאר א מעם האָסט עס אויסגעריסעוועט!

מענדעלעכע: ווו קריץ איך מיט דער פען?

מענדל: אז ניט אזוי גייט א מעם! קויף דיר א פען! קויף דיר, בעט איך דיך, אן אייגענע פען, און שרייב דיר און קריץ דיר, און ווי דו ווילסט אליין!

מענדעלעכע: כ'בעט שוין בא דיר קיין טויוועס ניט.

מענדל: אז וואָס פאר א מעם דארף מען דאָך פריער וויסן? א פראָסטע מעם, צי א שלאָס־מעם?

מענדעלעכע: וואָס דארף איך עפעס מאכן פראָסטע מעמען, אז איך קאָן זיך מיר פארגינען מאכן א שלאָס-מעם!

מענדל: טאָ מאך-זשע אזוי, מענדעלעכע, א שלאָס-מעם איז אזוי ווי א פעסעלע און בא דער זייט א קאָראָמיסלע. אָט אזוי. מאך, מענדעלעכע! נאָר קריץ ניט אזוי מיט דער פען. און מאך זי מיר ניט קאליע!

מענדעלעכע: גיי שוין אוועק פון מיר. כ'וועל זיך שוין באדרייען אָן דיינע פעסעלעך און אָן דיינע קאָראָמיסלעך!

(מענדל גייט אוועק און קערט זיך אום צוריק)

מענדל: (פונ אונטער איר פלייצע) נו, גוט, מענדעלעכע. לאָז זײַנ אזוי, זאָג מיר נאָר, סע שווינדלט דיר ניט אינ די אויגנ? הא?

מענדעלכע: סע שווי'נדלט מיר ניט אינ די אויגנ. אונ אז סע שווינדלט מיר יאָ אינ די אויגנ?

מענדל: (צארט) הערסטו, מענדעלעכע, אינ סטעפּ איז מיר עפּעס טײַער אונ ליכטיק. אינ פעלד קאָנ איכ דערזענ א פערד אפּ א גאנצע ווערסט! אָט דיכ, לעמאָשל, זע איכ עפּ־שער אפּ דרײַ ווערסט פונדערווײַטנ, ווענ דו טראָגסט מיר עסנ. כ'דערקאָנ דיכ גלײַכ, ווי דו גייסט זיכ אײַנ־געבויגנ. אונ דאָ אפּנ פּאפּיר בא דעם לאָמפּ, מיט אָ־די אָ קליינע אויסיִעלעכ, שווי'נדלט מיר עפּעס אינ די אויגנ. וואָס־זשע? ס'איז פאר מײַנע אויגנ? (פּויזע) איכ רעכנ שרײַבנ א בריוו צום זונ צו דײַנעם, ער זאָל אונדז ארויסשיקנ א בריל. א בריל! נאָר איכ דריי זיכ עפּעס מיט דער דייע.

מענדעלעכע: וואָס־זשע האָסטו זיכ פּלוצעם אָנגעהויבנ דרייענ מיט דער דייע?

מענדל: (זעצט זיכ לעבנ ג'יר) אָט אזוי, פארשטייסטו מיכ, איכ גיב זיכ מיר א טראכט, וואָס האָב איכ אוספּייעט אפּ דער וועלט? (ס'קומט ארײַנ קאסריִעל) אָט איז קאסריִעל! זעצ זיכ, קאסריִעל! ס'אנ אָבטשעסטוועניער איניענ! די שלאָס־מעמ! זעסט?

קאסריִעל: כ'בינ דיר געגאנגענ עפּעס זאָגנ אונ ס'האָט זיכ מיר ארויסגעגליטשט פונעמ קאָפּ אינמיטנ וועג (גיט א ווונק צו מענדלענ. זיי גייענביידע אָפּ אינ איינ זײַט). מענדל, מע פירט שוינ. מע פירט, מע פירט די כודאָבע!

מענדל: נו, וואָס־זשע וואָלסטו געוואָלט, קאסריִעל, זי זאָל אליינ גיינ, די כודאָבע?

קאסריִעל: ניינ, איכ מיינ, אז דאָס, וואָס מע פירט שוינ, דארפנ מיר דאָכ אויכ עפּעס א טראכט טאָנ וועגנ פירנ,

ווײַל פירן א בעהיימע איז דאָך עפּעס ניט גלאַט
פירן...
מענדל: נו, האָסטו א ביסל אָנגעפּירעוועט, פּונקט ווי דו
דארפסט אוועקפירן ניט קיין בעהיימעלע, נאָר צען וואגאָנ
לייבן מיט לעמפּערטנ!
קאסריעל: איז וואָס-זשע טוט מען, מענדל?
מענדל: איז גיט מען זיך א צייל איבער און מע פירט!
איך בין נאָך מיט מענדעלעכן ניט אינגאַנצן פּארטיק!
קום אהער, וועלן מיר זי אינצווייען א נעם טאָן! (זיי
גייען צו צו מענדעלעכע, זעצן זיך לעבן איר). זיצ, קאסריעל! אָט
קוק איך אפ אונדזער שטיבל און אפ אונדזער ביסל
האָרעוואניע און דערמאָן זיך, אז מע דארפ שוין ווידער־
אמאָל איבערציילן דאָס ביסל אָרעמקייט!
קאסריעל: צייל, צייל, מענדל! אז מע לעבט מיט כעזשבנ,
שטארבט מען מיט ווידע!
מענדעלעכע: אז מע האלט אין איין ציילן! אָט ערשט,
דאכט זיך, אז מיר זײַנען ארויסגעפאָרן פון טאלנע, האָבן
מיר איבערגעציילט, וואָס מיר פירן ארויס, און איצט
דארפ מען שוין ווידעראמאָל איבערציילן, וואָס מיר
פירן ארײַן.
מענדל: אין קאָלכאָז, פארגעס ניט צו זאָגן, מענדעלעכע,
אין קאָלכאָז! ס'איז גאָר עפּעס אנדערש!
קאסריעל: כעזשבנ מאכט ניט אויס! ס'איז נאָר די זאך
ווי מע מאכט אים!
מענדל: אָט, ווענדלעק סאָרצי און ראָנדעל מאכן דעם כעזשבנ,
קומט ער אויס גאָר ניט שלעכט, וואָס מיר אלע אָרע־
מע פּויערים...
קאסריעל: און סערעדניאקעס.
מענדל: יאָ, און די סערעדניאקעס גייען ארײַן אין איינ
קאָמפּאניע!
קאסריעל: ארטעל, מענדל!

מענדל: יאָ, אַרטעל, קאַסריִעל!

מענדעלעכע: וואָס איז אַפּ זיי דאָס גוטסקייט?

מענדל: ניט אַזוי דאָס גוטסקייט, ווי דאָס לעבן איז עפּעס גאָר אַן אַנדער לעבן!

מענדעלעכע: אַבי אַן אַנדער לעבן! אָט זעסטו? סאָרצי איז אונדז אַ גוטער פֿרײַנט, און ראַנדעל איז אונדז אַ גוטער פֿרײַנט, און ביידע פֿאַרשטייען זיי ניט, אַז אַ בעהיימע, אַז זי שטייט אין שטאַל, איז אַ ליכטיקייט אין שטוב...

מענדל: בעהיימע! און אַזוי וועט זי דען ניט שטיין אין קיין שטאַל? אין אַ פּאַלאַץ, ניט אין קיין שטאַל. און מיט 119 כאַווערטעס בעהיימעס אין איין קאָמפּאַניע!

מענדעלעכע: אַז אַלץ גייט אַפּ אַ קאָמפּאַניע!

קאַסריִעל: אונדזער ניט-געדײַגעט ווערט דעמלט אַזוי ווי אַ פֿאַבריקע פֿון ערד, אַ פֿאַבריקע פֿון קאָלאָניסטן, אַ פֿאַבריקע פֿון ברויט און פֿון מילך און פֿאַרשפּאָרסט פירן אַפּן מאַרק דאָס ביסל מילך, און פֿאַרשפּאָרסט זיך פּאָרען אַ גאַנצן טאָג בײַ דער קו, ווײַל—

מענדל: ווײַל אַלע בעהיימעס ווערן דעמלט אַזוי ווי איין גרויסע בעהיימע און מע...

קאַסריִעל: ס'איז מיר נאָר אַ שטיקל באַליעז, וואָס וויבאַלד אַזוי, וואָלט איך מיר סמעלעווע געוועזן געקאָנט פֿאַר־קויפֿן איין קו און כאָטש עפּעס אַרופּציִען אַפּן לײַב! און וואָס וואָלט מיר אויסגעמאַכט, ווען איך גיי אַרײַן אין אַרטעל מיט איין בעהיימע? נאַפּראָטיוו! נאָך מער פּאָטשאָט בײַ דער וואָלאָסט!

מענדעלעכע: (פֿאַרטראַכט) סע קומט מיר נאָר אויס אַ ביסל סומנע דאָס נעמען און אַרויספֿירן די קו פֿונעם שטאַל און זי אַוועקפֿירן אַהין. אַז איך בין געוווינט די קו זאָל קומען אַהיים, און זיך אַוועקשטעלן, און דאָ דאַרף זי זיך שוין גאָר אָט־אָט אָפּקעלבן...

קאסריעל: אָבער דערפאַר, אַז מײַנע פּאַרלאָזט זיך מיר, איז נעם איך מיר ווי א באַלעבאָס פון אַלע 119 קאָמ־ פּאַניסקע בעהיימעס. דאָס איז דאָך אומיסטן געמאַכט געוואָרן אַזוי ווי אין שוטפעס מיטן פּלאַן!

מענדל: נאָך בעסער פון שוטפעס!

מענדעלעכע: איז וואָס וואָלט זיי געאַרט, אַז זאָלסט טאַקע זײַן א שוטעף, נאָר די בעהיימע זאָל שטיין בא אונדז אין שטאַל! אַז זי דאַרף זיך שוין יעדן טאָג אָפּקעלבן!

מענדל: אײַ, ביסט עפּעס א זשענשטשינע!

קאסריעל: נו, איך וועל גיין! ס'איז מיר נאָר א באַליעז מיט דער אַנדערער קו! (אָפּ).

(ס'גייט אַרײַן די לערערקע און כאַימקע שאָפער מיט א פּאָר גרויסע ברילן)

לערערקע: וואָס זעט מען אײַך ניט מיט דער בעהיימע? בא לוקאַצקין איז שוין פול דער הויף.

מענדל: א לעבן אַף דיר, כאַנקעלע! זייער גוט וואָס ביסט אַרײַנגעקומען (צו מענדעלעכען). זעסט שוין?

לערערקע: וואָס איז אַזוי גוט?

מענדל: וועסט מיר אַף א מינוטקעלע אָנשרײַבן א בריוו!

לערערקע: וואָס עפּעס איך? און איר אַליין?

מענדעלעכע: ס'האָט זיך אים צעשווינדלט אין די אויגן, פּלוצעם!

מענדל: אָט טאַקע מיקויעך דעם, וועסטו מיר אָנשרײַבן א בריוו, כאַנקעלע! כאַימקע, ווײַז מיר נאָר אָנמעסטן דײַנע בריל (נעמט די ברילן, טוט זיי אָן). כ'פאַרשטיי גאָרניט, ווי מע קוקט אין אַזעלכע ברילן! כאַימקע, דו זעסט עפּעס אַף זיי?

כאַימקע: זעצט זיך אויף אַפּן טראַקטער, כאַוועך מענדל, וועט איר דערזען! נו, ווײַזט זיי אהער. (נעמט די ברילן) נו, איך וועל גיין! (אָפּ).

לערערקע: נו, כאַוועך מענדל, אַפּגיך! ס'איז שוין שפּעט. (זי זעצט זיך באַם טיש, נעמט פּאַפּיר) נו, זאָגט, כאַוועך מענדל, וועל איך שרײַבן!

מענדל: א לעבן אפ דיר, כאנקעלע, שרייב אזוי. צו מיינע עלטערן זון, כאָנע...
לערערקע: נו.
מענדל: האקיצער, שרייב אים, כאנקעלע, מיר ווערן דאָ גאנצע לייט! שוין איינמאָל! שרייב אים נאָך אריין, אז ער וואָלט גאָרניט דערקאָנט ניט-געדייגעט!
לערערקע: ער איז שוין דען געווען אמאָל אין ניט-געדיי-געט?
מענדל: ניין, כאנקעלע! סע רעדט זיך נאָר אזוי! און איצ-טער שרייב אים וועגן אונדזער קאָלכאָזל. און אויב סע וועט זיך דיר טרעפן ערגעץ אָפקויפן א בריל, אין די פרייזן, ניט טייער, איז קויף זי פאר אונדזערטוועגן. ווייל ס'איז אזא פרעדמעט, וואָס מע קאָן אים ניט קריגן אין גאנצ ניט־געדייגעט. שרייב, וויטער, כאנקעלע, אזוי איז דאנקען גאָט. דער פאָסיעוומאט ליגט שוין אין אמבאר. יאָ, און די קו איז שוין אָט־אָט... א ליאדע טאָג... וועט שוין אין ניט־געדייגעט זיין 121 בעהיימעס, און די מאמע דיינע מאכט א שלאָס־מעם—אן אנטיק אין ניט־געדיי־געט. שיק־זשע אונדז ארויס א בריל, זי זאָל שוין טויגן אי פאר מיר אי פאר דער מאמע פאר דיינער. מימעני אָוויכאָ מענדל קרעסטיאנינ. אדרעסאָסי — ניט־געדייגעט.
לערערקע: שוין? נו א בריוו!
מענדל: א בריפענעצ, כאנקעלע!
לערערקע: איז אָנגעטאָן זיך און געגאנגען. קומט, מענ־דעלעכע. געניג געשריבן!
מענדל: גיי דערווייל, כאנקעלע, אליין. א לעבן אפ דיר! איכל באלד אונטערקומען. וואָס זאָגסטו עפעס אפ מיין בינעמקען? הא? שוין א גאנצער אגראָנאָם!
לערערקע: יאָ, אן אגראָנאָם! אן אגראָנאָם! נו, גענוג, איך לויף!
מענדל: דו זעסט? מענדעלעכע!

מענדעלעכע: נו, מיילע, נו!.. לאָז זײַן אזוי. אויב עס איז בעסער, איז גיי גיב זיי א רופ!

מענדל (נעמט דאָס וויגעלע, זינגט „איַי, ווערטיַיטעס, איַי, ווערטיַיטעס גאָדא מאָלאָדאיא" און גייט ארויסרופן די קו). מין-מין־מין.. (קערט זיך אום און זאָגט מענדעלעכען) נו, וועסט זי שוין אליין א רופ טאָן, מענדעלעכע! איך וועל גיין ברענגען סאָר־ציניון דאָס וויגעלע. זי זאָל אפילע ניט וויסן ווער און וואָס (גייט אוועק, זינגט). איַי, ווערטיַיטעס, איַי, ווערטיַיטעס, גאָדא מאָלאָדאיא! קומט צו מיר צוריק צופליען, יונגע מײַנע יאָרן (ס'גייט ארויס מענדעלעכע רופן די בעהיימע).

מענדעלעכע: (רופט) מין־מין־מין־מ־י־י־ין!..

● ●

דער געריכט גייט

י. דאָבּרושין

★

א בילד

סצענע — א ווינקל אין א גרויסער פּאַרוואַרלאָזטער מיל-געבײַדע. סע שטייען א פּאָר טישלער-ווארשטאטן. נאפּטאָלע שטעלט ארײַן דעם מעסער אין הובל. זינגט.

ארבעטן באַטײַט, ארבעטן באַטײַט,
אז דער הובל הובלט, און דער מעסער שנײַדט,

אײַ, אײַ, אײַ, ס'ארבעט זיך גאָר בעסער,
אז דער הובל הובלט מיט א שארפן מעסער,

מיט א שארפן מעסער ארבעט זיך געשמאקער,
נאָכן שארפשטיין קומט דער גלאטשטיין און די ארבעט פלאקערט.

(רעדט מיט זיך) ווּ איז טאקע דער שארפשטיין? די זעג, דער עקבער, דער פוגאנאָק זײַנען דאָ, און דער שארפ-שטיין האָט זיך באהאלטן, באהאלטן (זוכט).

סאָניע: (קומט ארײַן) כאווער נאפּטאָלע, איר זײַט שוין דאָ?

נאפּטאָלע: איך בין שוין דאָ, כאווערטע נאצמען, איך בין דאָ, אָבער דער שארפשטיין איז ניטאָ.

סאָניע: וואָס זאָגט איר?.. ניט געקומען נאָך אײַער כאנקע, ניטאָ נאָך?

נאפּטאָלע: (הערט ניט) ניטאָ דער שארפשטיין... (כאפּט זיך) אהא! כאנקע מײַן ציג, מיינט איר, וועט מינאסטאם באלד אָנקומען מיט די באלעגאָלעס.

סאָניע: האָט איר זיך אײַנגעאָרדנט, הייסט עס, דאָ מיט אײַער טישלער־ארטעל, וויפל צאָלט איר?

נאפטאָלע: גראָשנס. א כורווע. איר זעט וויפל פלאַץ עס פוסטעוועט? (געפינט דעם שארפשײַיג) אָט איז ער, דער באָכער! (שארפט) הערט איר, כאווערטע נאצמען, אָט דאָס ארבעט איך און טראכט מיר, אזויפיל, טראכט איך מיר, קאָהאָלשע, טפו, מיינ איך לעהאוודל, מעלוכישע געלט גייט לעיִבעד.

סאָניע: וואָס מיינט איר, כאווער נאפטאָלע?

נאפטאָלע: די מעלוכע האָט די מיל בא זעליקסאָנען צוגענומען?

סאָניע: צוגענומען.

נאפטאָלע: אָט דאָס מיינ איך, כאווערטע נאצמען.

סאָניע: איר מיינט דאָס, וואָס זי פוסטעוועט די מיל?

נאפטאָלע: אוואדע. אָט הובל איך א ברעט, נעם איך אראָפּ די שאָלעכץ און מאך די ברעט פאר א לײַט.

סאָניע: און דאָ, זאָגט איר, האָט מען אראָפּגעוואָרפן דעם באלעבאָס און ניט געמאכט די מיל פאר א לײַט?

נאפטאָלע: אָט, אָט, כאווערטע.

סאָניע: זי שטערט אונדז נאָך דערווײַל די שאָלעכץ. די ארויסגעשלײַדערטע באלעבאטים שפארן פון אלע לעכער און לאָזן ניט ארבעטן.

נאפטאָלע: אז מע צעטרעט א וואָרעם, קרימט ער זיך אויך.

סאָניע: דאָ אין שטעטל דארף מען שאפן הענט, א סאך האָרעפּאשנע הענט!

נאפטאָלע: גיט ארבעט, וועט מען שאפן הענט!

סאָניע: אָבער קיינ גרייט געלט האָבן מיר דאָך ניט, איז גיט איר פון אײַער פאריינ בויער, טישלער, גלעזער, בלעכער, פארבער, מירן צורעכט מאכן די כורווע, ברענגען אין אָרדענונג די מאשינעס און מאכן א שוטפעס פון אלע האָרעפּאשניקעס!

נ אפטאָ לע: אָט אזוינע דיבורים האָב איך ליב, וואָרעם הערט
איר, אז ניט מיר, וועט דער פאני דרויבקינ ארײַנפאָרן
אהער מיט די ביידע יאָדאָם.

סאָניע: ער איז שוין דאָ אויך געוועך?

נאפטאָלע: אוודע געוועך, ער האָט א פײַנעם שמעקער
דער נעפ! איז ער געקומען, באשמעקט דאָ אלץ און
באטאפּט, ווי ס׳וואָלט שוין זײַנס געוועך.

סאָניע: מירן פון אים פּאָטער ווערן, כאווער נאפטאָלע.
(ס׳קומען אָן נאכקע, מיכלקע, ריווקע און נאָך יונגווארג פון קאָמיוג)

ריווקע: זע, כאנקע איז נאָך ניט געקומען?

נאכקע: די פורן פאָרן דאָך שוין פון דער באן.

מיכלקע: (צו נאפטאָלען) מיר זײַנען געוועך בא אײַך אין
דער היים, איז זי ניטאָ, טראכטן מיר, אוודע פארפאָרן
צום טאטן אין ארטעל.

נאפטאָלע: זי וועט קומען די ציג. אז דער וועג איז א
שלעכטער, ווערן די וויאָרסטן געשוואָלן. (ס׳הערט זיך דאָס
ליד פון די רויטארמייער)

יאטנ: (קוקן אין פענצטער) אָט איז זי צוגעפאָרן עפּעס מיט
נאָך פארשוינען!

— אײַ, ס׳איז ניאָמקע בורמאנ!
— נישט ער!
— ער!
— ווו איז זײַן בערדל?
— פארלאָרן אין דער ארמיי!
— פאָרט נישט ער!

כאנקע: (לויפט ארײַן) שא! שטילער. טאטע, אָט בין איך, כא־
ווערטע סאָניע, נאט אײַך בריוו מיט פאקעטן.

א יאט: און ווער איז דאָרט געפאָרן מיט דיר צוזאמען?

כאנקע: דער כאווער ניאָמע מיט דער קאלע מיט זײַנער.
טאטע, ער האָט מיך אָפּגעפירט ביז אהער און האָט ניט

געוואָלט אַרײַן, ווײַל טאַטע־מאַמע, זאָגט ער, וואַרטן אױף אים.

סאָניע: (לייענט ארויס קלוימערשט פון די בריוו) ער איז נאָך אַלץ פֿאַרקניפּט מיט טאַטע־מאַמע, דער כאַווער ניאָמע.

ריווקע: און דער כאַווער וואַסילי איז ניט געקומען — דו האָסט דאָך געשריבן, אַז ער איז אַן אינטערעסאַנטער?

מיכלקע: ריווקע וויל שוין ווערן אַן אַקטיוויסטקע!

כאַנקע: אַן אינטערעסאַנטער, אָבער ניט פֿאַר דיר! טאַטע, גיב מיר אָפּ מאַזלטאָוו, כ׳האָב שוין אַ כאָסן, מע רופֿט אים וואַסילי.

נאַפּטאָלע: אַז דו רופֿסט, וועט ער מיניסטאַמע שוין קומען.

כאַנקע: ניין, איך וויל אים ניט, זײַן פֿאַמיליע איז מאַכאָרקע, ניט בעסער פֿון דײַן האָז.

נאַפּטאָלע: אָט אַ ציג, און מאָלט ווי אַ מיל!

(נאַכקע, וואָס פֿאָרעט זיך אין אַ ווינקל לעבן אַ ראָד, ברענגט זי אין באַוועגונג. די פֿאַרזשאַווערטע ראָד הייבט זיך אָן דרייען פּלוצלינג מיט אַ מעשונעדיקן קוויטש־געדרודער)

מיכלקע: נאַכקע, לאָז אָפּ, דו ביסט דאָך ניט קיין מילנער.

נאַפּטאָלע: וואַרט, כאַווײַרימלעך, אָט באַלד וועט איר טאַקע ווערן מילנער. מירן זיך אַ נעם טאָן צו אָט דער מיל, וועט זײַן אײַן מילס טאַטן אַרײַן.

אַ יאַט: וואָס אַזוינס?

אַ יאַטעכע: דערציילט, כאַווער נאַפּטאָלע!

כאַנקע: טאַטע, דערצייל!

נאַפּטאָלע: מעט נעמען, ברידערלעך, און מאַכן פֿון דער כורווע, הייסט עס, אַ גוואַלדאָוונעם קאָמוניזם, אַ שוטפעס, הייסט עס, מיט דער סאָוועטן־מאַכט, מיט די אַרבעטלאָזע, הייסט עס, מיט... זאָל די כאַווערטע נאַצמענ דערציילן!

מיכלקע: די כאַווערטע סאָניע באַקומט אַ וואָרט!

סאָניע: ס׳איז פּראָסט, כאַווײַרים, מירן אופֿשטעלן די מיל און העלפֿן ליקווידירן די אַרבעטלאָזיקײַט אין שטעטל.

נאכקע: אוי, ווי גוט!

כאנקע: מיר האָבנ איצט פרישע קויכעס, וואסילי וועט קומענ און נאסטאסיע און ניאָמע זייַנענ שוינ דאָ.

סאָניע: ניאָמע וועט זיכ נאָכ דארפנ- ארומקוקנ, זייַנ טאטע דרייט זיכ מיט דרויבקינענ איצט ארום דער מיל.

מיכלקע: און ווענ וועט מענ אָנהייבנ ארבעטנ, כאווערטע סאָניע?

סאָניע: מירנ זיכ ווענדנ צומ פּראָפּאריינ, און צו אייַכ אינ קעמערל פונ קאָמיוג — אלע דארפנ קומענ אונדז צו הילפ.

א יאט: וועט די מיל זייַנ אונדזערע?

סאָניע: אונדזערע!

מיכלקע: נאכקע, מעגסט זי שוינ איצט לאָזנ, אונדזער מיל!

(נאכקע דרייט די גרילצנדיקע ראָד, כעוורע ראשט, פּילדערט)

סאָניע: קומט, כאווער נאפּטאָלע, די יאטנ האָבנ זיכ צע-שפּילט און מיר האָבנ נאָכ וואָס צו טאָנ.

נאפּטאָלע: זאָלנ זיי שפּילנ, מעכעטייסע, זיי וועלנ שוינ קאָנענ דרייענ די ראָד.

(גייענ אָפּ. כעוורע זינגט)

בלאָזט אינ שטעטעלע א ווינט, —
פרילינג-ווינטל,
קלייַבט צוזאמענ זיכ אצינד
דאָס געזינדל.

א געזינדל זיצט ביז שפּעט, —
יאטנ יונגע,
און געשמועסט, און גערעדט,
און געזונגענ.

הימל פלאטערט איבער זיי,
ליטער שטערנ, —

לאָמיר זיצן אָט אזוי,
לאָמיר קלערן.

ס׳בויט א שטאָט זיך נאָך א שטאָט,
א לאנגער צעטל, —
דארף ארײַן אין קאָן אויך אָט
אונדזער שטעטל.

דארף ארײַן מיט האק און פאק,
מיט יוגנט-פלאמען,
און אן ארבעט טאָן געשמאק,
ניט פארזאמען.

זיצן יאָרן שטיל און שא,
הימל פלאטערט —
ס׳איז א הימל אָט אזא
בא די יאָרן.

• •

די הײליקע בריגאַדע

י. גאָרדאָן און י. זעלדין

★

אײנאַקטער אין צװײ בילדער

אָנטײלנעמער:

הירשל

שײַע

שימען

ברײַנע (שימענס װײַב)

קאָלװירטניקעס און קאָלװירטניצעס

א פּיאָנער

ראָװ

שאַמעס.

דאָס ערשטע בילד

(רעכטס און לינקס צװײ בריגאַדעס. די אַרבעט גײט אין פולן ברען. מיט א געזאַנג)

הירשל: (פון דער ערשטער בריגאַדע): כאַװײרים! אונדזער בריגאַדע האָט הײַנט א דורכרײַס. אױב מירן זיך ניט אָנשטרענגען, װעלן מיר פאַרשפּילן דעם סאָצגעװעט.

שײַע: ראַק מע טרײַבט! אָט דער הירשל, זאָג איך אײַך, איז אַן עמעסער באַלעגאָלע! ער האַלט אין אײן יאָגן! צװי נאָאָאָ! נאָאָאָ!! נאָאָאָ!!! פּונקט מע װאָלט געװען פערד.

הירשל: דײַנע לידעלע האָבן מיר שױן געהערט. מירן דיך

אָקאָרשט מאכנ פאר א בריגאדיר, וועלנ מיר הערנ ווי דו ווערסט דעמלט זינגענ.

ע ט ל ע כ ע: געגוג געאמפערט זיכ! ארבעט בעסער (ארבעטנדיק גייענ אלע אָפּ. עס בלײַבנ נאָר שײַע מיט שימענענ. פונ הינטער דער בינע הערט זיכ א געשריי: נאָאָאָ! הײַדא... נאָאָאָאָ!!)

ש ײַ ע: די קישקעס פונ בויכ שלעפּט מענ... סאָצגעוועט!.. שלאָגלערײַ!.. זאיאָמענ!.. דאָס אונ יענצ... א דונער אפּ זיי... איכ קאָנ מער ניט ארבעטנ.

ש י מ ע נ: א ברייִרע האָסטו? ארבעט ניט.

ש ײַ ע: כ'וועל טאקע ניט ארבעטנ! כ'בינ קראנק... (הייבט אָנ פארבינדנ א פוס) אָט... (גייט אונ הינקט).

ש י מ ע נ: אָ־ווא! שוינ קראנק, פארבײַ... אונ אז מע וועט דיכ שיקנ צומ דאָקטער?

ש ײַ ע: צומ דאָקטער? זיבנ וויאָרסט איז צומ דאָקטער. עס לוינט דענ צו טרײַבנ א פערד? אדעראבע, זאָלנ זיי שיקנ..

(עס גייט פארבײַ דער שאמעס, שטעלט זיכ אָפּ, הערט זיכ צו)

ש י מ ע נ: אויב שוינ קראנק זײַנ, איז... אפּ אינוויינינק... אפּנ הארצנ, אפּנ לעבער, אָדער אפּ דער מילצ... אָדער גאָר אפּנ קאָפּ... דעמ פוס קאָנענ זיי נאָכ כאפּנ א קוק (זיי דערזעענ דעמ שאמעס. דערשרעקנ זיכ).

ש א מ ע ס: א, יידנ, וואָט מאכט מענ עפּעס? פארמוטשעט גע־וואָרנ פונ די בריגאדעס, הא, יידנ?.. מע דארפ זיכ אָפּ־רוענ א פּאָר טעג, דעמ אָטעמ כאפּנ, הא? פאראנ אנ אייצע... די סאָוועצקע וולאסט, זאָל לעבנ, פארווערט ניט גלייבנ אינ גאָט... אָפּריכטנ א יאָנטעוו מעשאיעט זי אויכ ניט. מע דארפ צו די יאָמימ־נויראָימ א מיניענ אוסטרויִענ אונ גאָר. אונ ס'וועט זײַנ וויל...

ש ײַ ע: א פּלאנ, כ'לעבנ, לאנג זאָלט איר לעבנ! (בינדט אָפּ צו־ריק דעמ פוס). פארשרײַב־זשע אונדז, פארשרײַב אונדז. לעמאנאשעמ, אינ מיניענ ארײַנ...

(פויערימ אונ פויערטעס קערנ זיכ אומ פונ דער ארבעט מיט ווילעס אונ גראבליעס אינ די הענט)

א פויער: וואָס איז דאָ בא אײַך פאר א סאָבראַניע?

שאמעס: אָט. איך פארשרײַב.

א צווייטער: אפ פראָמטאָוואַרן פאר בריגאדעס פארשרײַבט איר?

שאמעס: יאָ, יאָ... א בריגאדע...

א פויער: וואָס-זשע וועט טאָן די בריגאדע?

שאמעס: א מיניען ט'זי אוסטרויען.

א צווייטער פויער. א, א מיניען... א בריגאדע... פוי־ליאקעס, הייסט עס... אָט אזוי־זשע רייד. איר הערט, פוי־ערים, די פויליאקעס אָרגאניזירן זיך אין אן אייגענער בריגאדע. און דער בריגאדיר זייערער איז... גאָט. א נאָענטער בריגאדיר פון פויליאקעס.

(אַלע לאכן, די פויערים צעגייען זיך. עס בלײַבן שימען, שײַע, ברײַנע, שימענס ווײַב, און דער שאמעס פון די פארבײַגייענדיקע שטעלט זיך אָפּ א פויער)

שאמעס: גייט זיך... גייט זיך... אן ארטעל פאר א מיניען פאראן א זעלטענער... בא יאָסל קאפולן אין שטוב. שוין צוגעגרייט. אָפּגערעדט. מאָרגן איז ראָשעשאָנע. פארגעסט ניט קומען (מיט א ניגן). ניט פארגעסט, יידן, דער אויבערשטער שיקט אונדז צו א נײַ יאָר מיט א נײַעם מאזל, מי באכאיִמ אומי באמאָוועס, ווערמען צום לעבן און ווערמען צום שטארבן, און ווערמען גאָר דער־טרונקען צו ווערן.

פויער: (מיט קאָס) געטראָפּן דאָס אָרט. אָט לויף איך טאקע אפ אײַער מיניען דערטרונקען צו ווערן. איך האָב טאקע א סאך צײַט אפ דעם. הייליקע פויליאקעס. ארויסטרײַבן האָט מען אײַך געדארפט פון קאָלווירט.

שאמעס: מיר זײַנען דאָך יידן. יאָמים-נוראָיִמ. נו, רעב שײַע, פארשרײַבן?

שײַע: ארבעטן וועל איך פארשפּאָרן? פארשרײַבט! לעמאנא־שעמ!

שאמעס: נו, און אײַכ?

שימענ: איכ ווייס, די כּויערימ וועלנ נאָכ לאַכנ פונ מיר. צוויי טעג, צוויי ארבעט-איינסנ.

שאמעס: ייִד איינער, יאָמימ־נוירא֯ימ איז דאָכ עפּעס! געננוג זײַנענ מיר שוינ אזוי אויכ געשטראָפט, זאָלנ מיר נאָכ אינ די הייליקע טעג א פּיצל מיניענ ניט האָבנ.

ברײַנע: שימענ, ער איז דאָכ טאקע גערעכט, ראָשעשאָנע, יאָנקיפּער...

שימענ: אונ בא דער מאשינ ווער וועט שטיינ? אונ דער סאָצגעוועט וואָס וועט זאָגנ? ניינ... ניינ...

שאמעס: פּאָטער, נו. דו האָסט דאָכ א סאכ פונ דער מא־שינ מיט איר סאָצגעוועט... וועט די מעלוכע צונעמענ ווייניקער מיט א קאָפּ ברויט, אנ אומגליק א גרויסער!..

ברײַנע: מעג זיכ דאָרטנ די מאשינע אפילע איבערדרייענ מיטנ קאָפּ אראָפּ, נאָר דו וועסט מיר מוזנ גיינ דאוונענ. איר'ט געהערט א ביסינקע — ראָשעשאָנע, יאָנקיפּער... פאר־שרײַבט אימ... פארשרײַבט אימ אונ גאָר.

שאמעס: (צו זיכ) האָב איכ שוינ נאָכ איינעמ... מע דארפּ נאָר איבערגעבנ אלע ייִדנ, אז מאָרגנ איז ראָשעשאָנע... מע דארפּ נאָר זיי דערמאָנענ... ייִדנ בלײַבנ ייִדנ... ייִדנ וועלנ גיינ דאוונענ!.. (אלע אָפּ. עס באווײַזט זיכ א פּויערימ-ברי־גאדע).

איינער: ווו-זשע איז שײַע? ער איז טאקע ניטאָ?.. ניטאָ שײַע?..

עטלעכע: ניטאָ. אפּנ מיניענ אוועק.

צווייטער: מיר וועלנ פארשפּילנ. אונדזער בריגאדע שלעפּט זיכ אינ עק, מיר שטייענ אָפּ.

דריטער: צוויי מענטשנ פארלאָרנ, כאָטש שטעל אָפּ די דרעש-מאשינ.

צווייטער: צוויי מענטשנ פארלאָרנ, אָבער געווינענ מוזנ מיר, כעוורע! גיט א קוק וויפל ברויט ליגט נאָכ אינ סטעפּ!

צוייטער: פון יענער בריגאדע איז קיינער ניט אוועק צום מיניען.

איינער: קיינער ניט.

צווייטער: מיר פארשפילן דעם סאָצגעוועט, מיר פארשפילן...

דריטער: אויסשליסן זיי פון קאָלווירט. די ארבעט האָבן זיי געוואָרפן אינמיטן ברען.

איינער: ניט אויסשליסן זיי, נאָר אופקלערן. אָט וואָס מע דארף! לאָמיר זיי ווייַזן, אז מירן פאָרט זיגן און מירן יאָ נעמען די פרעמיע (גייען אָפּ זינגענדיק).

דאָס צווייטע בילד

(א מיניען יידן, צווישן זיי דער שאמעש, דער ראָוו, צוויי ווייַבער)

ראָוו: נו, יידן, צייַט אָנצוהייבן דאוונען... שוין לאנג צייַט...

שימען: (ציילט דעם עולעם) עס פעלט נאָך א מענטש.

שייַע: סייַדן די ווייַבער צורעכענען צום מיניען, וויבאלד ראוונאָפּראוויע, טאָ זאָלן זיי גיין, ריבוינעשעלוילעם, אין שפאן צוזאמען מיט די מאנצבלען. וואָס זאָגט איר, רעבע?

ראָוו: א בעפייַרעשער דין, אז, ערשטנס, טאָרן קיין אישעס ניט זייַן אינעינעם מיט קיין מאנצבלען, ווייַל... (עס לויפט אריַין א פּיאָנער).

פּיאָנער: כאווער שימען, ווו איז אונדזער בריגאדע?

שאמעס: אָט איז זי, די בריגאדע (שימענען אפן אויער). ער איז בארמיצווע?

שימען: (שאָקלט מיטן קאָפּ אָפּ ניין).

איינער פון מיניען: ער איז דאָך ניט קיין ייד, ער איז דאָך... א פּיאָנער!

ראָוו: מוטאָר... מוטאָר... מע קאָן דאוונען.

שאַמעס: דאַוונט, ייִדן, דאַוונט! (אַלע שטעלן זיך דאַוונען, מע שאָקלט זיך).

פּיִאָנער: (צעטומלט): וואָס איז דאָס פאַר אַ בריגאַדע? וואָס טוט איר? (ייִדן מורמלען „גו־אָ!" דער ראָוו העכערט די שטים).

פּיִאָנער: (צו שימענען): וואָס קומט דאָ פאָר?

שימען: אַ מיניען, נו, אַ פאַרזאַמלונג, אַף אײַער לאָשן.

שאַמעס: נו, אָ! שאַ, שאַ!

פּיִאָנער: עס וועט זיך אָפּשטעלן די מאַשינ... מע דאַרף מענטשן... וואָס טוט איר עס? עס שטייט די אַרבעט (ער לאָזט זיך לויפן).

איינער פון מיניען: (וויל אים כאַפּן, דער פּיִאָנער רײַסט זיך אויס פון זײַנע הענט, אַנטלויפט) רעבע, אַוועק אַ מענטש... אויס מיניען, געבליבן נײַן מענטשן...

אַלע (צעטומלט): אויס מיניען?

שאַמעס: וואַרט צו, ייִדן.. עפּשער וועט נאָך עמעצער אונטערקומען... אײַ, אײַ, אײַ, ייִדן... (מיט אַ טרויעריקן ניגן) אײַ, מיר האָבן אָן ייִדישקײַט אינגאַנצן פאַרגעסן, מיר קאָנען אַפילע קיין מיניען ניט צונויפקלאַפּן (מיט אַ רוגזע). און איר דאַרפט וויסן זײַן, אַז דער רעבע אונדזערער, זאָל לעבן, האָט ניט פונוואַנען צו לעבן. און מע דאַרף אָנעמען מיטלען. איך לייג פאָר, אַז די, וואָס זײַנען דאָ איצטער אַפן מיניען, דאַרפן די ערשטע ווײַזן אַ פּרימער און מענאַדעוו זײַן וויפל איינער קאָן.

שײַע: אָט האָסטו דיר אַ נײַע סאַמאָאָבלאָזשעניע... אָט האָסטו דיר אַ פרישן זאַיאָם, עס לוינט טאַקע דער אייסעק...

איינער פון מיניען: שאַט! שאַט! איך האָב אַ גוטן פאָרשלאָג (ער פאַרהאַמעוועט זיך אַ ווײַלע, באַקוקט אַלעמען). מאָפּער איז אַן אָרגאַניזאַציע, און דער ראָוו אונדזערער איז אַ נויטבאַדערפטיקער... וועלן מיר אופהענגען אַ פּושקע און אָנשרײַבן דערויף „מאָ-פּער". וועט מען וואַרפן אַהינ קאָפּעקעס...

שײַע: גערעכט, אָ, א קלוגער קאָפּ... אונדזער ראָוו ארבעט דאָך פּאָדפּאָלנע און „מאָפּר“ איז טאקע מעכויעוו העלפֿן פּאָדפּאָלנע ארבעטער!

שאמעס: מיילע, מיילע... דאָס וועלן מיר שפּעטער זען. דערוויַל ווארפט אין דער קיַירע ארײַן.

ווײַבל: און פארגעסט גיט אָן מיר... זײַט זיך מאטריעך... צען קארבן פאר דער דירע, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט.

ברײַנע: געכאפּט א מעציע... איך וואָלט אָפּגעגעבן מײַן זאָל פאר א פינפערל אויך.

שאמעס: איצט איז ניט קיין צײַט אָפּ צו דינגען זיך. מע האָט אָפּגערעדט צו רובל פון א מענטשן. דארף מען באצאָלן.

שײַע: אוי, מאמעלעך, פונקט ווי אין טריאטער לעהאוודל.

שימען: (שרײַט) גיי אפּן מיניען און צאָל זיי נאָך צו דערפאר. איך וואָלט בעסער געארבעט, וואָלט איך שוין עפּעס פארדינט.

שאמעס: צאָלט דערוויַל כאָטש אָפּ פאר דער דירע.

שײַע: א גוטע אײַצע אָפּצורוען האָט ער מיר געגעבן. שוין בעסער וואָלט איך דעם פוס אָפּ אן עמעס צעבראָכן, איידער איך בין אהער ארײַן. כ'וועל ניט צאָלן און גאָר

(א טומל. מע פּאָכעט מיט די הענט).

(עס גייען ארײַן עטלעכע פויערים מיט שטיוול און אנדערע זאכן אין די הענט).

איין פויער: (צום ווײַבל) וואָס איז דאָ בא מיר אין שטוב פאר א טומל?

ווײַבל: כ'ווייס. די שטוב, טראכט איך, שטייט דאָך סײַוויסײַ ליידיק. נעם איך און פארדינג זי אָפּ א מיניען.

פויער: (אופגעבראכט) וואָס הייסט דו מאכסט מיר דאָ א מיניען, אָן מײַן וויסן? אלע פוילײאקעס האָסטו מיר אהער צוזאמענגעשלעפּט. עס שמעקט שוין דאָ מיט גאָטס נעווילע! (דערזעט שימענען מיט שײַען) גערעכט? אָט זײַנען זיי דאָך, די סימוליאנטן!

שימענ: אז אָט ער... דער שאמעס... ער האָט מיך פאר־
נארט אהער.

צווייטער פויער: זעט איר? קוקט! אפ צעפיקעניש אײַך, פויליאקעס... א גאנצע נאכט געארבעט, אָבער דעם פלאנ אויסגעפירט אונ נאָך מיט א שמיצעלע אריבער (טרייסלט מיט די שטיװל אונ איבעריקע פרעמיעס) אָט־אָ! קוקט, פויליא־קעס, אפ צעפיקעניש אײַך!.. אָט וואָס מיר האָבנ באקומענ!..

שימענ אונ שײַע: (צעטומלט) דער שער האָט אונדז גע־
שלעפט אהער!..

א פויער: אונ אָט דאָס האָסטו געזוכט? א שלאָגלער־קארטע־
לע, ברודער־לעבנ, פויליאק פונ גאָטס בריגאדע, אָט וואָס א נאש־בראט באקומט, אָ!..

שימענ: (ווארפט זיך א צעקאָכטער אפ זײַנ ווײַב) זעסט! אלצ צו־
ליב דיר! אונ איצטער... ניט דאָס אונ ניט יענצ... מער ניט א כארפע פאר דער בריגאדע. (צו שײַענ) קומט צו דער מאשינ, קומ, מיר וועלנ נאָך הײַנט עפשער עפעס פארדינענ...

שאמעס: יידנ! יידנ! יידנ!

ברײַנע: שימענ! שימענ! שימענ!

איינער פונ מיניענ: מאָרגנ איז דאָך נאָך יאָנטעוו, עס וועט דאָך אפילע קיינ מיניענ ניט זײַנ...

ראָוו: שווערע צײַטנ, יידישקײַט גייט אונטער. אפילע קיינ מי־
ניענ ניט צו מאכנ...

א פויער פונ דער בריגאדע: שלעכטע צײַטנ בא גאָט...
ניטאָ שוינ קיינ נאראָנימ.

(אָפּ)

(עס הערט זיך א גערויש פונ דרעשנ. מע ארבעט אונ מע זינגט)

אפ אונדזער ברייט־צעשפרייטנ פעלד
עס טומלט שוינ אונ רודערט

דער אײַזערנער געשמידטער העלד,
דער טראַקטער — אונדזער ברודער.

ער אַקערט און ער זייט און שנײַדט,
ער בינדט און דרעשט, ער אַרבעט!
און ס׳הילכט אַ מונטערע די ווײַט
מיט נײַ־באַפרײַטער אַרבעט.

אף אונדזער קאָלעקטיווער ערד
ניטאָ שוין מער קיין מעזשעס,
דער טראַקטער האָט זיי שוין צעשטערט,
פאַרשניטן ווי מיט מעסערס.

קעמפט מיט אונדזער ערגסטן פײַנט —
מיט פוילקייט און מיט הונגער,
לייגט טיף אין דר׳ערד אַרײַן די אַלטע פּײַן
און מאַכט דאָס לעבן ייִנגער!

(פאָרהאַנג)

● ●

אינהאלט

ערשטער טייל

זייט

ד. בערגעלסאָנ — באמ דניעפּער 5
א. קושנירעָוו — ראסייא 15
ל. קוויטקאָ — אינ רויטנ שטורעמ 17
נ. לוריע — פרעמדע האָר 20
מ. כאשטשעוואצקי — לעבנ זאָל די רעוואָליוציע 26
ד. האָפשטיינ — אָקטאָבער 30
ש. גאָדינער — לאָמיר שמועסנ וועגנ לעבנ 33
ש. ראָסינ — בערל בעקער 44
אי. כאריק — מינסקער בלאָטעס 48
אי. פעפער — סיביר, אוראל 52
מ. כאשטשעוואצקי — באמ שײַטער 54
י. יאנקעלעוויטש — אינ די וועלדער 59
י. ראבינ — א רײַזע אפ אנ אָרט 60
פ. מארקיש — זײַנעג געגאנגענ כאיאָלעס 63
א. פעפער — מוטנ 67
ע. פינינבערג — סימבירסק 68

צווייטער טייל

אי. פעפער — איליטש 81
מ. כאשטשעוואצקי — יאנוואר 1924 82
פ. מארקיש — צופוסנס אונ צוקאָפּנס 87
מ. קולבאק — ראדיאָ 91
אי. כאריק — געקומענ זײַנעג געסט 100
אי. כאריק — שמעקט דער שאבעס 102
כ. גילדינ — כאסענע 103
פ. מארקיש — ניט גערדײַגעט 110
ע. גאָרדאָנ — מײַז 117

זײַט

אי. כאריק — רעב כעזקל פונ גאָמבינ . . . 127
מי. דאניעל — אומיסטע מאצע . . . 133
א. כאריק — לעוואיע . . . 142
נויעכ לוריע — כאנע-ראָכל . . . 144
אי. כאריק — אויב ניט נאָכ העכער . . . 149
אי. כאריק — ווײַסקײַט . . . 151
אי. כאריק — אונ דאָס שטעטל רעדט . . . 153
י. זעלדינ — א בײַ הויז . . . 154
ב. אָליעווסקי — סטודענטישע מאָטיוונ . . . 156
כאנע לעווינ — אָפּרו . . . 158
מ. טײף — נאפטאָלע באָטווינ . . . 160
מ. כאשטשעװאצקי — לונ:אָל . . . 161
א. קושניראָוו — צוג . . . 163

דריטער טייל

אי. פעפער — צום קאפּיטאנ . . . 167
כ. גילדינ — סטאלינ . . . 171
פּ. מארקיש — בויונג . . . 173
אי. כאריק — אוראל . . . 181
נאָטע לוריע — אנטבאלעגופעט . . . 183
ל. קאצאָוויטש — אנ איינונייינציקער . . . 196
אי. כאריק — טאָרפער . . . 198
י. דאָברושינ — אונדזערע לידער . . . 203
אלבערטאָנ — פּישקע פּאָרט אויכ . . . 208
א. יודלסאָנ — דורכנ שניי . . . 218
ש. שענקער — איכ היט . . . 222
פּ. מארקיש — קיינ איינציקנ שפּאנ . . . 224
ז. אקסעלראָד — לאגער „סאָוועטישער ווײַסרוסלאנד” . . . 329
דער ניסטער — צערעקא . . . 232
אי. פעפער — דרײַ מאָל באוואָרנט . . . 241
ב. אָליעווסקי — קווייטנ אינ הימל . . . 244
פּ. אלטמאנ — אפּ ליזשעס . . . 251
י. ראבינ — באקאנטשאפט . . . 254
מ. טײף — א באָוועלע וועגנ פינפונצוואנציק . . . 258
ע. פינינבערג — מארטי . . . 263
ה. אָרלאנד — פונ „הרעבליעס” . . . 265

זײַט

אי. פעפער — פלאסטנ 271
פ. מארקיש — „אײנפ אפ אײנס" 284
אי. כאריק — סטאלינסטאנ 296
כ. גילדינ — דניעפּעדבוי 299
י. קאָטליאר — קארנאװאל 301
א. דאָלגאָפאָלסקי — געפראָרענע עפל 304
אי. פעפער — דער לעצטער האָר 311
ל. קװיטקאָ — די שװאָגערלעכ 314
אי. כאריק — טשארלסטאָנ 321
מ. טײפ — לעצטע מאָהיקאנער 332
ש. האלקינ — אונדזער דיכטונג 337
י. גאָלדמאנ — קראסינ 344
ש. ראָסינ — זע נאָר ס׳ארא װײַטנ 345
ד. האָפשטײנ — פערסײ 350
כאנע לעװינ — אפ אלצ מײַנ האנט 358
ע. פינינבערג — קעדײ ! 355
פ. מארקיש — צו דער פרוי 358
אָ. סטרעליצ — דעמ װײַנגאָרטנ אָדער די טאָכטער ? 360
אי. פעפער — מיט הײַנטיקע אויגנ 365
ראָכעלע בוימװאָל — אפנ גרענעצ 268
אי. פעפער — ס׳איז שוינ קלאָר 369

פערטער טײל

ד. בערגעלסאָנ — דער טויבער 375
א. קושנ׳ראָװ — הירש לעקערט 380
פ. מארקיש — ביט געדײַגעט ! 389
י. דאָברושינ — דער גערינכט גײט 397
י. גאָרדאָנ אונ י. זעלדינ — די הײליקע בריגאדע 403